STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01054

GEOREMT MITN VINT

Mordecai Strigler

Permanent preservation of this book was made possible
by Jonina Duker & Alan D. Lichtman
for their descendants

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

גנעאָרעמט מיטן ווינט

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

109
באַנד

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

געצייכנט מיטן ווינט

היסטאָרישער ראָמאַן
פון יידישן לעבן אין פוילן

ב וך צ ווי י

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס 1955 — התשט"ו

אינהאַלט פון בוך צוויי

זײַט

פערטע טייל:

הערצער מיט זיך אַליין — — — — — — — — — — — — 9

פינפטע טייל:

אין פּרעמיסלע עקט זיך די וועלט — — — — — — — — 103

פערטע' טייל:

הערצער מיט זיך אַליין

קאַפּיטל צוועלף

— 1 —

דרײַ יאָר זײַנען שוין פאַרבײַ זינט מרים ר׳ לייבס איז צום צווייטן מאָל געוואָרן אַן עגונה. וואָס אַן אמת האָט זי לכתחילה נישט צופיל געבענקט נאָך דעם יאַקאָב וואָס אירע אויגן האָבן דאָס לעצטע מאָל געזען. ער איז איר די ערשטע טעג פון דער חתונה נמאס געוואָרן און דערבײַ האָט זי זיך געהאַלטן. איין זאַך האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן גאָר אַנ־דערש. זי האָט איר יאַקאָבן נישט געהאַלטן פאַר קיין חכם און זי וואָלט זיך נישט געוועזן פאַרגעשטעלט, אַז ער איז מסוגל צו אַ שכלדיקער זאַך. ווי שטאַרק זי האָט נישט געליטן פון דער עגונהשאַפט, וואָס ער האָט איר אָנגעהאָנגען, האָט זי אים פאַרט אָנגעהויבן מיט דער צײַט שטיל צו באַוווּנדערן. עס זעט אויס אַז די יאָרן און דאָס וואַנדערן שלײַפן אויס דעם פאַרשטאַנד אַפילו בײַ אַזעלכע מענטשן ווי יאַקאָב. זי האָט זידי דערמאָנט, וויאַזוי באַלד די ערשטע טעג פון איר קאָנטשאַפט מיט אים האָט ער אויסגעזעזען מער שותק ווי שוטה... איר יונגע גאווה און ווי־דערווילן האָבן אָבער בײַ אים נאָר געזוכט די נאַרישקייטן. האָט ער איר איצט געוויזן דעם גרויסן טעות וואָס זי האָט געמאַכט.

ווי אויסגערעכנט און קלוג ער איז דאָס געווען, בײַם שיקן די קאָ־ליקעס און סתם־בעטלער, אַז זיי זאָלן איר ברענגען אַ גרוס פון אים! עס האָט איר טאַקע געפּלאָמט דאָס פּנים פון בושה, אָבער זי מוז עס מודה זײַן: אויף אַזעלכע אײַנפאַלן קען גאָר קיין פאַרפאַלענער נאָר נישט קומען... ערשט רעכט קען ער קיין נאָר נישט זײַן, וויבאַלד ער

האָט נישט געהאַט קיין מורא זיך צו באַווײַזן אין ליסע, געלאָזט זיך שלאָגן און פאַרשן — ביז ער האָט פון איר אַרויסבאַקומען זײַנע אַלע חפצים. הײַנט זײַן אַכזריותדיק־כיטרער פלאַן מיטן גט! זי וואָלט זיך שוין זיכער געווען צוגעוווינט צו אירע יסורים. עס זענען פאַראַן אַזויפיל עגונהס אויף דער וועלט — נו, וועט זײַן נאָך איינע! זי וואָלט געווען אַנגענומען דעם גורל און פאַרטיק. איז עס אים אָבער נישט געפעלן געוואָרן. עס איז אַ צו־קליינע שטראָף פאַרן פאַרביטערן אים דאָס לעבן! דערפאַר האָט ער זי אויפגערודערט, געלאָזט אין איר אויפוואַכן אַלע חלומות און האָפענונגען, בכדי ער זאָל זיי קענען בײַ איר איבעררײַסן פונדאָסנײַ. זי האָט שוין געהאַט דעם גט אין דער האַנט, געמאַכט זיך חשבונות מיט וועמען אַנצוהייבן אַ נײַ לעבן; זי האָט זיך שוין געהאַט אין דמיון פאַרגעשטעלט בײַ דער זײַט פון אַ שיינעם מאַן מיט עטלעכע קינדערלעך בײַ דער שטוב... איז זי דען ניש געווען דער נאַר? ווי ליכטיק עס האָט אַלץ פאַר איר גענומען שײַנען! אָבער ערשט דאַן איז געקומען זײַן שטרענגע און קלוג־צוגעטראַכטע נקמה. מיט איין קליין בריוועלע האָט ער בײַ איר אַלצדינג צונישט געמאַכט!

זי האַלט אין דער האַנט אַ געט — און ער איז גאָרנישט ווערט. זי ווייסט אַז זי איז שוין באַפרײַט געוואָרן — און דאָך איז זי נישט פרײַ. זי איז זיכער אַז זי מעג חתונה האָבן, פירן אַ שטוב גלײַך מיט אַלעמען — און דאָך טאָר זי נישט. דער צער איז בײַ איר נאָך גרעסער דערמיט וואָס זי ווייסט, אַז די פעדעם וואָס בינדן זי צו אים זענען פאַלשע; זיי פאַרגיפטן אָבער איר לעבן און לאָזן זי נישט אַרויס פון איר עלנטקייט. ער שטעקט ערגעץ אין זײַנע באַהעלטענישן און פון דאָרט האָט ער אויף איר אָנגעשיקט זײַנע פײַלן, וואָס האָבן זי קראַנק געמאַכט מיט דער געזונטער אָבער שרעקלעכסטער קרענק: זײַן אַליין... און אים איז נישט מעגלעך מער צו געפינען...

ער דרייט זיך מסתמא אַרום איבער דער וועלט, קילט זײַן באַליידיקט האַרץ אין איר צער און ער זעטיקט זיך מיט אירע יסורים צו וועלכע בלויז ער איז דער איינציקער רופא. עס קען זײַן, אַז אויך אים איז שוין נמאס געוואָרן דאָס וואַלגערן זיך אַליין. ער האָט זיך שוין אפשר גאָר אויסגעזוכט אַ צווייטע אשה, חתונה געהאַט מיט איר און געלאָזט זיך

טרייסטן פאַר זײַנע ערשטע טעג פון פּײַן. ער איז שוין פרײַ דאָס צו טאָן לויטן דין, מחמת דעם האָט ער צײַט מיט איר צו שפּילן רוגז. האָט ער זײַנס דערגרייכט. ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ רשעותדיקן פּלאַן, לויט וועלכן זי זאָל אים יאָ באַפרײַען, בעת ער וועט ווײַטער קענען האַלטן איר גורל אין זײַנע הענט. קען דאָס דען טאָן אַ נאַר שבנאַראָנים?

טייַלמאַל איז זי שרעקלעך בייז געווען אויף אים, מרים. עס האָט זיך איר שטאַרק געבענקט צו האָבן אין אים אַ פרישע נקמה. זי האָט עס אָבער נישט געקענט. דערפאַר האָט זי ווידער גענומען אויסגראָבן די זכרונות פון די ערשטע צײַטן און זיך אין זיי געשפּיגלט: גוט אַזוי! ווי פּײַן זי האָט אים געטריבן פון זיך! ווי הערלעך דאָס איז געווען, ווען זי האָט אין שטאָק־פינצטערע נעכט צוגעמאַכט די טיר און אים געלאָזט שטיין אין דרויסן, בעטן זיך און ציטערן: לאָז אַרײַן, מרימשי... לאָז אַרײַן! זי זעט ערשט איצט ווי ווײַט ער איז עס ווערט געווען... אַזאַ אכזר!

אָבער וואָס מער זי האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין אירע מעשים פון אַמאָל און אויפגעוועקט יעדן פּרט פון יענע טעג באַזונדער, איז אויך איר כעס אָפּגעקילט געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט אים אַ שיין ביסל פּײַנט געהאַט פאַר זײַן צעקראָכנקייט, פאַר זײַן קענען אָננעמען באהבה אַזויפיל בושהס און חרפּות, הגם אינעווייניק אין אים האָט עס געקאָכט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאָנסביל!? ווי קען מען דען לעבן מיט אַזאַ מין בריה, וואָס לאָזט אויף זיך טרעטן און שווײַגט? זי האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי זי האָט טייַלמאָל אַרײַנגעטראַכט אין זיך אַליין; אין איר אכזריות צו אים. עס איז איר שוין דאַן אויסגעקומען, אַז ער אַליין מאַכט זי אַזוי ביטער און שלעכט. גיכער וואָלט איר האַרץ זיך אַביסל געגנויגט צו אים, ווען ער זאָל כאָטש איינמאָל געווען אויסברעכן אין אַ צאָרן קעגן איר, צעוואַרפן די חפצים אין שטוב; זידלען זי און שרײַען... וויאַזוי האָט ער זיך דען פאַרגעשטעלט, דער נאַר, אַז זי איז עפּעס אַ זאַך וואָס מען קען אויסבעטלען מיט אונטערטעניקער אָפּגעלאָזנקייט? פאַרוואָס האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעריסן די טיר מיט כח, נישט געוואָרפן זיך אויפן פריילעכן שנײַדער און אויף איר? זי וואָלט דאַן זיכער געווען געשריגן; זי וואָלט אים אפשר געווען נאָך מער פּײַנט

באַקומען, אָבער ער וואָלט פאַרט געווען באַקומען אַביסל חשיבות אין אירע אויגן... אַז זי האָט זיך גוט אַריינגעטראַכט, האָט זי איינגעזען וויאַזוי זי האָט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט קיין שנאה צו אים. גיכער איז עס געווען אַן עקל, אַ מיאוסער ווידערווילן צו זײַן גאָרנישטדיקייט, צו זײַן ווערעמדיקער צעקראָכנקייט. שנאה איז אַ געפיל וואָס קען מיט דער צײַט אויסוועפּן, גאָרנישט ווערן — אָבער ביטול צו אַ מאַן וואָס איז גאָרנישט, האָט נישט אין וואָס זיך צו צעברעכן.

וואָס מער מרים האָט געטראַכט פון יענע ערשטע טעג מיט יאַקאָבן, האָט זי גענומען פאַרלירן איר כעס. גיכער האָט זי אים גענומען פאַר־שטיין: אוודאי איז עס ביטער פאַר איר, אָבער ער האָט אַזוי געדאַרפט טאָן! שטילערהייט האָט זי דאָך פון אים דערוואַרט עפּעס אַן אייגן ביסל ווערט, אַביסל כבוד צו זיך אַליין — און דערצו איז עס געקומען. ווי דען אַנדערש? האָט ער דען געדאַרפט פאַרשווײַגן אירע אַלע געגנג און אירע בזיונות פאַר אים? טאַקע דערפאַר האָט זי אַזוי שטאַרק אַ צאַפּל געטאָן. ווען זי האָט אים מיט דרײַ יאָר צוריק ווידער דערזען... עפּעס איז עס גאָרנישט געווען דער זעלבער יקאָב! ער איז געשטאַנען אַ שטאָלצער, אַן אויסגעגלײַכטער פאַרן רב און פאַר קהל. זײַנע אויגן זענען עפּעס געוואָרן אַזוי העל און חוצפּהדיק־פרייילעך, ווי בײַ אַ לוסטיקן מופקר; הגם די קלעפּ זענען געפאַלן אויף זײַן קאָפּ און פון אַלע זײַטן האָט מען צו אים געשריגן, געשאָלטן... עס וואָלט איר גאָרנישט אײַנגעפאַלן אַז דער לעקישעוואַטער בחור מיט וועלכן זי איז געשטאַנען כמעט ווי אויף אַ געלעכטער אונטער דער חופּה, זאָל האָבן אַזויפיל רירעוודיקע לעבעדיקייט און אַנטשלאָסנעם ווילן אין זיך!

ווי בכבודיק און שטרענג ער האָט עס אָפּגעענטפערט די רבנים, גע־האַלטן זיך בײַ זײַנעם: ער גיט נישט קיין גט! און אַז ער איז שוין געווען צעשלאָגן און אויסגעמאַטערט האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט אײַנ־געבראָכן. יאָ, ער האָט מסכים געווען זי צו גטן — אָבער ווי עקשנותדיק ער האָט דערבײַ אויסגעפירט זײַנס! שאַ... זי האָט אין אים אַפילו מער נישט געזען יענע ווייכע הכנעה אין אַנבליק פון איר נאָענטקייט! האַרט און זיכער האָט ער אויף איר געקוקט, אַן דער שמאַטעדיק־עקלדיקער פאַר־ליבטקייט פון די ערשטע טעג. קיין סימן פון גלוסטונג צו איר האָט זי

מער בײַ אים נישט באַמערקט, ווי אין יענער צופעליקער רגע בײַ איר אין געוועלב. ער האָט אויף איר געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ טויטן חפץ וואָס געהער זיך גאָרנישט אָן מיט זײַנע געפילן...

מיט אַ שטילער פאַרשעמטקייט פאַר זיך אַליין האָט זיך מרים דער־מאָנט, אַז ווי שטאַרק זי האָט נישט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון אים דעם גט — איז אין איר דאָך אויפגעגאַנגען אַ פרעמדע, ווײַבערישע באַליידיקונג, פאַרוואָס ער קוקט אַזוי קאַלטבלוטיק אויף איר. אַ קילע, באַהאַלטענע אייפערזוכט צוזאַמען מיט די ערשטע צער'ן — האָבן זיך אין איר אויפגערעגט; פונקט ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל דערשפירט, אַז ער איז פאָרט מיט עפּעס־וואָס איר ער: צי איז זי שוין איבער דער צײַט אַזוי געענדערט געוואָרן? צי האָט נישט אַמאָל אַ צווייטע אים פאַרכאַפּט דאָס האַרץ אויפן וועג? ווי שטאַרק עס האָט זיך איר דאַן געגלוסט אים אויסצופּרוּוון; גלאַט־אַזוי, בלויז צוליב איר אייגענער, ווײַבערישער נײַגעריקייט! נאָר זי האָט זיך געשעמט פאַר אַזויפיל אויגן, פונקט ווי פאַר זיך אַליין... ס'איז געווען אַ מין משוגעת בײַ איר אין יענע מינוטן: ס'האָט זיך איר געגלוסט צו מאַכן פאַר אים אַ פריילעכע מינע, אַ סעקונדע בלויז קאָקעטירן צו אים. צי האָט זי עס נישט געטאָן אַמאָל אויף אָן אמת? זי האָט עס שפּעטער נישט געקענט געדענקען אויף געווי...

איינס האָט זי זיך אָבער דערמאָנט אויף זיכער: עס האָט זי גע־קרענקט, פאַרוואָס ער האָט דערנאָך אַזוי לײַכט מסכים געווען זי אָפּ־צוזגטן... און אַז ער איז שוין באַשטאַנען דערויף איז ער געוואָרן מורא־דיק־שטרענג צו איר. זי האָט זיך געשטעלט אַזוי נאָענט צו אים בײַם דער־לאַנגען די בײַטש מיט קרעלן — און ער האָט זי פאָרט מער גאָרנישט אין זינען געהאַט. ער האָט זיך געעקשנט אויף דער צאָל, נישט נתפעל געוואָרן וואָס זי איז דאָ דערבײַ און ער דאַרף איר געפעלן ביז דער לעצטער רגע. ער האָט פאַרלאַנגט די לעצטע פאָר קרעלן וואָס האָבן צוגעפעלט! מער גאָרנישט... און אַז זײַנע אויפגעוואַכט־העלערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע אויף איר, האָבן זיי מער גאָרנישט פאַר־לאַנגט און גאָרנישט געפאָדערט פון איר אויסזען גופא. זי האָט עס געזען בחוש. ער האָט גאָר זי צעטומלט מיט זײַן שאַרפן מאָנען דאָס מינדסטע

חפץ. ער האָט רויִק פאַרלאַנגט זײַנס, דערמיט געמאַכט זי פאַר אַ גנבטע און פאַרלייקענערין אין אַלעמענס אויגן — און זי האָט גאָר גענומען שטאַמלען פאַרלוירן אין זײַן אַנבליק. זי האָט זיך געגני דערמאָנט, וויאַזוי זי האָט אַ סך פון זײַנע חפצים נישט געהאַט אָפּצוגעבן און זי האָט געמוזט ברענגען אַנדערע אויף זייער אָרט. האָט זי זיך שטום געבעטן בײַ אים מיטן בליק, אַז ער זאָל זיי צונעמען; אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין רעש... אַמאָליקע צײַטן וואָלט ער פון אַזאַ גוטן בליק אירן צעגאַנגען ווי וואַקס בײַ הייס פײַער; אָבער איצט האָט עס אים נישט גערירט פונעם אָרט. ער האָט זיך צעשריגן אויף איר — און דאָך האָט ער עס געטאָן מיט אַזאַ זיכערקייט וואָס האָט זײַן אייגענעם כעס געצוימט. זיכערע אין זיך קענען זײַן צאָרנדיק און דאָך מאַכט זיי די זיכערקייט גבורהדיק־אײַנגע־האַלטן. ער האָט זיך בלויז נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג: ד אָ ס איז נישט זײַנס און ער וויל, אַז מרים זאָל אים נאָר אָפּגעבן וואָס עס געהערט צו אים... ער האָט פײַנט פרעמדע זאַכן! ער וויל איר גאָר־נישט שענקען און דערפאַר זאָל זי אים אויך מיט גאָרנישט מהנה זײַן... רבונו של עולם, ווו האָט זיך עס דערנומען צו דעם חושימדיקן יאַקאָבן?!

און נאָך עפּעס האָט מרים דערזען, מיט די אויסגעפּרוווטע אויגן פון אַ קלוגער אשה, אין די מינוטן ווען איר לעבן וויגט זיך אויף דער וואָגשאָל: יאַקאָבס מוטער... ווי לאַנג איז עס דען, אַז יאַקאָב פלעגט וויינען בײַם בלויזן הערן דער מוטערס נאָמען? אַ שטיק פון מרימס אומ־ווילן צו אים איז דאָך אויך געקומען דערפון, וואָס ער האָט זיך געגליכן צו אַ זויגעוודיק קינד. טאָג און נאַכט האָט ער זיך נאָר געהאַלטן אין איין ציִען צו דער מוטער... ווען יענע האָט זיך נישט געוויזן אין ליסע, האָט ער נישט געקענט עסן. אַפילו אין שלאָף בײַנאַכט האָט ער זיך גע־טוליעט צו דער מאַמען, געטענהט און געקלאָגט פאַר איר, אָדער מיט פאַרשלאָפענע ליפּן גערעדט צו איר נאַריש־פאַרליבטע ווערטער... זי האָט פײַנט געהאַט די שוויגער, מרים און נאָך מער האָט זי פײַנט געהאַט צוצוזען, וויאַזוי אַזאַ אויסגעוואַקסענער מאַן — וואָס האָט געוואָלט אַ ווײַב האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ דער מוטערס פאָלע.. האָט זי אים נאָך אַלץ נישט אַנטווינט? יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך באַרימט, געלאַכט אָדער געוויינט, האָט ער דערבײַ געהאַט נאָר איין אויסגעשריי: מאַמע! פּונקט

ווי אינעם דאָזיקן וואָרט וואָלט געלעגן דער גאַנצער מקור פון זײַנע לײַדן און פריידן. ווי שרעקלעך זי האָט דאָס נישט געליטן, מרים! אַפילו בעת זי האָט אים באַלד דאָס ערשטע מאָל אָפּגעשטויסן פון זיך האָט ער שטי־לערהייט געיאָמערט: מאַמע געטרײַע... דאָס האָט אים נאָך מער קליין געמאַכט אין אירע אויגן. אָט וואָס פאַר אַ מאַן זי האָט זיך אײַנגע־האַנדלט! אַ לעקישעוואַטע קינד איז אויסגעוואַקסן גרעסער און דערפאַר מוז זי פירן מיט אים אַ לעבן?

נאָר בײַם ג ט האָט זיך פאַר איר אַנטפּלעקט אַן אַנדער מין בילד: איר שוויגער פון פּין איז געקומען צו לויפן... זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, בשעת מען האָט יאַקאָבן געשלאָגן. דערנאָך האָט זי זיך געוואָרפן צום זון, געקושט אים, געהאַלדזט... אָבער ער האָט אויף זײַן בע־ונד׳יקן וועג אויך פאַרלוירן דאָס ביסל קראַנקע צוגעבונדנקייט צו דער מאַמען ער האָט נישט געוויינט, נישט געפּליסטערט קיין נאַריש־שכורע ווערטער און קיין איין מאָל נישט אויסגעשריגן „מאַמע!“, מיט יענעם קול וואָס איז איר אַזוי פאַראַכטלעך־באַקאַנט געווען. ער האָט אויף דער מוטער געקוקט אַזוי קיל־באַזאַכט, אַזוי רויק־ערנסט און געצוימט — אַז ס׳איז ממש געווען אַ נחת צו קוקן... מרים האָט דאַן בלויז נישט געהאַט קיין צײַט און קיין סבלנות דאָס אַלץ אַרומצוטראַכטן געניי. נאָר שפּע־טער, שפּעטער ווען דער גאַנצער גט־קאָשמאַר איז פאַרבײַ — — —

צוריקגעשמועסט, האָט מרים באַין אופן נישט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער האָט אין איר שוין לגמרי פאַרגעסן. נישט ער האָט זיך פון איר מייאש געווען און נישט ער האָט פאַר איר מער קיין געפילן נישט געהאַט. דאָס האָט זי געזען, בעת לייב יערטשיוער האָט אים דערמאָנט וועגן אַמאָליקע צײַטן. עס איז נאָר געגוג געווען אַז לייב זאָל פאַרן בית דין דערציילן, וויאַזוי ער האָט אַמאָל אָוועקגענאַרט יאַקאָבן פון מרימען, ווײַל ער האָט מיט איר געוואָלט בלײַבן אַליין. דאָ טאַקע האָט יאַקאָב מער נישט געקענט אײַנהאַלטן זײַן רו. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער הויך, זיך אַזוי אַנטשלאָסן צוגערוקט צו לייבן מיט אַ געהויבענער האַנט... ס׳איז נישט געווען מער דער וויינענדיק־דערשלאָגענער יאַקאָב, מיט מאַנסבילישער גבורה האָט ער דאַן זיך אַנגעגאַרטלט און ער איז זיך געגאַנגען שלאָגן צוליב איר און צוליב זײַן פאַרשוועכטן כבוד פון אַמאָל...

קיינער האָט נישט געזען וואָס זי טראַכט דערבײַ, אָבער פאַר זיך אַליין מעג מען דאָך זאָגן דעם אמת: אין יענער מינוט האָבן זיך אַלע אירע אברים אָנגעגאָסן מיט הנאה. אין מיטן דעם גאַנצן אומגליק האָט זי זיך געפילט אַזוי גליקלעך, מיט עפּעס אַ גליק אויף וועלכן זי האָט לאַנג געוואַרט און עס איז סוף כל סוף געקומען. דאָס דאָזיקע געפיל פון לייטזעליקייט האָט זיך צו איר געטראָגן פון דעם אויסגעגלײַכטן יאַקאָב... און עס איז אַ שאָד, וואָס דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד זענען אַלע אַרײַנגעקנוידערט געוואָרן אין עפּעס אַ געראַנגל, בײַ וועלכן זי איז שוין לגמרי פאַרזען געוואָרן... נאָך ביז הײַנט גייט איר אַדורך אַ וואַרעמער שטראָם איבערן לײַב בעת זי דערמאָנט זיך וויאַזוי ע האָט אויסגעזען, ווי גרייט ער האָט זיך געוויזן צום קאַמף און צום געשלאָגן ווערן אויף אַזאַ בכבודיקן אופן פאַר אירעטוועגן; פאַר איר — הגם ער האָט מיט קיין ברעקל בליק איר גופא עס נישט געזאָגט...

איז נאָך איצט פאַר מרימען נישט אין גאַנצן קלאָר געוואָרן, הגם זי האָט עס שוין געוווּסט באַלד אין יענעם טאָג, פאַרוואָס זי האָט אַזאַ שטאַרקן ציטער געטאָן ווען דער הויף־שטאַלצער יאַקאָב האָט איר אַרײַנדערלאַנגט דעם גט אין דער האַנט אַרײַן. פאַרוואָס איז זי אַזוי בענקענדיק־געררייצט געוואָרן, בעת זײַן ווײַסע און האַריקע האַנט האָט זי אומווילנדיק אַ ריר געטאָן און דערמיט איבערגעשניטן דעם לעצטן פאָדעם צווישן איר און אים?

— 2 —

מאָדנע־פאַרפלאָנטערטע חלומות האָבן זיך מרימען געחלומט אין דער נאַכט נאָכן גט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי גייט אויף אַ הילצערנער בריק, וואָס פירט אין אַן אומבאַקאַנטער געגענט אַרײַן. יאַקאָב לויפט פאַרויס און זי לויפט אים נאָך. אָט דוכט זיך איר, אַז זי איז שוין גאַר נאָענט פון אים — און צום סוף איז ער גאַר ווײַט, קוים מיטן אויג צו דערזען. פּלוצים זעט זי, אַז זי האַלט דעם גט אין דער האַנט און אַז ער ווײַזט מיטן פינגער אויף אים. זי שרײַט עפּעס נאָך יאַקאָבן, אָבער ער וויל זיך מער צו איר נישט אויסדרייען. זי ווערט אין כעס און

וויל אַרײַנוואַרפן דעם גט אין וואַסער אַרײַן. ער איז אָבער צובאַהאָפּטן צו איר האַנט און וויל נישט אַראָפּפאַלן. וויל זי אים צעפּליקן מיט דער צווייטער האַנט, נאָר דער פאַרמעט וויל זיך נישט לאָזן צערײַסן — און ביז זי וועט געפינען אַ מעסער וועט שוין יאַקאָב זײַן אויף יענער זײַט, ווו קיינער וועט אים מער נישט אַרויסזען. האָט זי געשריגן... צעריסן אויף זיך די מלבושים, געוואָלט אַראָפּפאַלן אין וואַסער אַרײַן... נאָר אַ ווינט האָט זי געהאַלטן אין דער לופט און זי נישט געלאָזט לויפן ווײַטער, כאָטש זי איז געלאָפן. זי האָט אַפילו קיין טריט מער נישט געקענט שטעלן אַליין, סײַדן דער ווינט האָט זי געטראָגן און צוריקגעוואָרפן. האָט זי בלויז געשריגן און יאַקאָב איז דערווײַל ווײַט געוואָרן, קליין געוואָרן, נאָך קלענער, אַ פּינטעלע... און דער גט איז דערווײַל געוואָרן ברי̄ענדיק, הייס. די גאַנצע האַנט האָט שוין געפלאַקערט אונטער זײַן ווײַסקייט, נאָר ער אַליין איז נאָך אַלץ געווען גאַנץ און געקלעפּט זיך ביז צום שרפנדיקן ביין... פּלוצים האָט זי דער ווינט אַ ריס געטאָן צוזאַמען מיטן גאַנצן פלאַם אויף איר האַנט, זי אַ טראָג געטאָן ביז העט נאָך יענעם מאַן וואָס איז שוין פרי̄ער געווען פּינטלדיק־קליין. ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ רגע מיטן קאָפּ צו איר און זי האָט געזען אַ כעסדיק געלעכטער אַרויסטריפן פון זײַנע אויגן... ס'איז געווען אַ פרעמדער מאַן, וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט געקענט...

אין דער פרי האָט זי זיך אויפגעכאַפּט אין הוילע אַנגסטן. די נאַכט האָט זי נישט געלאָזט זיך אָפּרײַסן פונעם געשעענעם און די מחשבות אירע האָבן זיך ווידער גענומען דרייען אַרום דעם אַנדערן יאַקאָב, וועמען זי האָט אַזוי קלאָר נעכטן דערזען. זי האָט געוווסט אַז זי דאַרף מער פון אים נישט טראַכטן. זי איז שוין פאַר אים אַ פרעמדע. באַלד וועט זי זיך אויסזוכן איינעם, וואָס איז איר צום האַרץ — און יענעם האָט זי די גאַנצע צײַט געטריבן פון זיך, נישט געקענט פאַרטראָגן זײַן בלויזן אָטעם. נאָר אַ ווילד און פלינק מחשבהלע האָט איר געעקבערט דעם מח: צי וואָלט זי דעם איצטיקן יאַקאָב, אין זײַן הײַנטיקן געשטאַלט מיט זײַן נעכטיקן בליק און אויסקוק, אויך געווען געטריבן פון זיך? דאָס איז בײַ איר אַרויסגעקומען אַזוי פרעמד און נישט־מעגלעך, אַז אַ ווייטיק האָט אַרומגענומען אירע גלידער. זי האָט געוווסט אַז זי טאָר אַזעלכעס נישט

טראַכטן — און דאָך האָט זי זיך פאַרגעשטעלט מיט אים צוזאַמען, ווען אַלע פרעמדע אויגן בלײַבן אויף יענער זײַט שטוב און וואַנט. צי וואָלט ער דען אויפסנײַ געוואָרן אַ געטרעטענער וואָרעם? אָדער אפשר וואָלט ער צוגעגאַנגען צו איר פרײַ און זיכער... ער וואָלט בײַ איר גאָרנישט געבעטן, נישט געקניט קנעכטיש און אַפילו גאָרנישט געפרעגט. ער וואָלט בלויז גענומען זײַנס מיט דער זעלבער באַשלאָסנקייט, וואָס ער האָט נעכטן אַרויסגעוויזן בײַם אָפּנעמען זײַנע קרעלן און די אַנדערע חפצים וואָס געהערן צו אים. זײַנע אויגן וואָלטן דערבײַ געלויכטן מיט דער זעלבער העלקייט און זי וואָלט דערפון געוואָרן אויס מרים די עקשנטע... זי האָט עס נישט געוואָלט און דאָך האָט זי זיך קלאָר פאָרגעשטעלט, וואָס עס וואָלט דערבײַ מיט איר געשען. בײַ דער בלויזער פאָרשטעלונג זענען איר אַדורך אַזעלכע שוואַכקייטן דורך די גלידער, בײַ וועלכע עס ווילט זיך שכור אָוועקלייגן די הענט און דעם גאַנצן גוף, וואַרטנדיק זיס־אַנגעצויגן אויפן ווײַטערדיקן.

וואָס עס האָט זיך מיט איר געטאָן אויפן צווייטן טאָג נאָכן גט האָט זי באַלד נישט געקענט פאַרשטיין און זי האָט עס שוין נישט פאַרשטאַנען אין די ווײַטערדיקע דרײַ יאָר. עס איז געקומען דער פאָטער מיט אַ צעשראָקן, פאַרקרומט פּנים. ער האָט עפּעס דערציילט מיט אַ יאָמער און זי האָט אַלץ נישט געקענט כאַפּן וואָס ער זאָגט. די ווערטער האָבן זיך צונויפגעמישט בײַ אים אין מויל און זי האָט זיי נאָר געקענט בײַ אים אַרויסציִען ברעקלעכווײַז:

— אַן אומגליק... אַ בריוו... יאַקאָב... דער גט נישט קיין גט... ער איז נישט ער... זי איז נישט געגט...

פון פאָטערס צער האָט אויך זי געדאַרפט אַרויססשפּרינגען פון דער הויט אַרויס. זי האָט געדאַרפט יאָמערן, רײַסן זיך די האָר פון קאָפּ. נאָר זי האָט עס נישט געטאָן און טאָקע נישט געוווּסט פאַרוואָס. אַדרבא, אַזאַ פאַרגנבעטע מילדקייט האָט זיך אַדורכגעשלאָגן ביז צו איר האַרץ; און אין דער צײַט וואָס איר מח האָט געוואָלט זאָכט באַקלאָגן איר אומגליק, האָט דאָס האַרץ גענומען ווילדעווען מיט מאַסקירטער פרייַלעכקייט: נישט קיין גט... נישט קיין גט...

דערנאָך האָט זיך בײַ איר אין קאָפּ אָנגעהויבן אַ בהלהדיקער מיש־

מאַש: דער גט איז נישט קיין גט? פאַרוואָס? אַ בריוו איז געקומען? דער גט־געבער איז נישט איר יאַקאָב? אויב אַזוי, אויב אַזוי.. איז טאַקע דער גט קיין גט נישט נאָר ער — — —

און דערנאָך האָט זי שוין מער נישט געקענט האַלטן דעם פאָדעם פון שכל אין אירע הענט; נישט געוווּסט בײַ וועלכן ברעקל געדאַנק זי דאַרף זיך פרייען און טרייסטן — און בײַ וועלכן זי וואָלט באמת גע־דאַרפט וויינען און שרײַען: אַז דער גט איז אַ גט — איז דער נעכטיקער מאַן איר יאַקאָב... איז זי שוין אָבער אַ געגטע און ער איז אַזוי ווײַט! און אויב דער גט איז נישט קיין גט, איז ער בלויז דער ווער ער איז — און דער אַמאָליקער יאַקאָב וואָנדערט ווידער איבער דער וועלט און זי האָט אים ווידער אַזוי פײַנט... ער שטייט ווידער צווישן איר און עפּעס אַ ווײַטן שאָטן, נאָך וועלכן זי האָט זיך אַ ווײַלע נאָכגעצויגן אויף דער וואָר און דערנאָך אין חלום... וואָסזשע טוט זיך דאָ?

דערנאָך האָט זי געזען אַז מען האָט זי אויפגעוועקט פון אַ חלשות. איר פאָטער ר׳ לייב, וואָס איז נעבן איר געשטאַנען איז שוין געווען גאַנץ ניכטער. ער האָט איר געטאַפּט דעם שטערן, געגלעט זי און באַרויקט:

— מען האָט אַרויסגעשיקט שליחים... מען וועט אים כאַפּן און צוריקברענגען... ס׳איז נישט הפקר קיין וועלט... ער וועט מוזן באַ־שטעטיקן דעם גט... זיך מודה זײַן, זאָל עס אַפילו קאָסטן אַ פאַרמעגן!

זי איז נאָך אַלץ געווען אַ געפאַנגענע אין דעם פּלאָנטער פון די פריִערדיקע מחשבות און דערפאַר נאָך נישט געוווּסט, וואָס זי דאַרף אייגנטלעך באַגערן. איין זאַך האָט זיך איר נאָר אָפּגעשטעלט אין געמיט — און זי איז זיכער געווען, אַז דאָס דאַרף זי וועלן. זי האָט זיך דערפון אַזש אַ הויב געטאָן פון געלעגער:

— צוריקברענגען אים? יאָ... צוריקברענגען... צוריקברענ־גען!!!

דער פאָטער האָט זי נישט פאַרשטאַנען און דאָך האָט ער געגלייבט, אַז ער פאַרשטייט דאָ אַלץ: זי איז איבערגענומען פון אומגליק. זי האָט יאָרן לאַנגע געוואַרט, אַז ער זאָל קומען און זי באַפרײַען פון איר שמאַך; און איצט, ווען זי האָט עס שוין דערלעבט, האָט ער אָפּגעטאָן אַזאַ נבלה.

איז דען אַ וווּנדער פאַרוואָס זי חלשט, וואָס זי שרײַט אַזוי מען זאָל אים צוריקברענגען? וויפל איז דער שיעור אַזוי צו לײַדן?

נאָר אין מרימס צעהיצטן קאָפּ האָבן איצט געפלאַקערט און געבליצט אַנדערע געדאַנקען. ווי נאַריש זי איז געווען! זי האָט געברענט, געאײַלט און זיך רעכט נישט אײַנגעקוקט אין אים. בײַ איר אין דער מחשבה איז ער געווען דער זעלבער יאַקאָב וואָס אַמאָל, הגם אירע אויגן האָבן זיך שוין געסודעט מיט איר האַרץ וועגן גאָר אַן אַנדערן, אַ געענדערטן... איצט האָט זי שוין אַליין נישט געוווּסט, צוליב וואָס זי וויל מען זאָל אים דאָ צוריקברענגען. איז עס בלויז בכדי ער זאָל קומען און מבטל זײַן דעם בייזן הכחשה־בריוו? ער זאָל מוזן באַשטעטיקן אַז זי איז פרײַ? אָדער אפשר וויל זי אים נאָכאַמאָל אָנקוקן, זען מיט אַ רויִקער געמיט וואָס אַזעלכעס ער האָט אין זיך, צוליב וועלכן זי איז אַרײַנגעפאַלן אין דעם נײַעם אומרו, אין דער אומגעריכטער און פאַרנעפּלטער חרטה?

בײַ מרימען איז זיכער געווען, אַז דאָס איז דער זעלבער יאַקאָב וואָס פריִער. ע ר איז מיט איר געשטאַנען הינטער דער חופּה און ער האָט איר דערלאַנגט דעם גט. זי איז זיכער געווען בײַ זיך, אַז זי מעג שוין איצט טראַכטן פון אַן אַנדער מאַן און דאָך איז זי נישט צופרידן געווען. ווען דער פאָטער האָט איר אָנגעזאָגט די בייזע בשורה האָט זי טאַקע אַרויסגעלאָזט אַ דערשראָקענעם געשריי. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זי אַרומגענומען אַ דערשטיקטע פרייד, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט און זי איז ווידער מיט יענעם נאָך נישט צעטיילט... דער קלאָרער געדאַנק אירער האָט טאַקע גענומען מאַכן פאַר איר להכעיסדיקע חשבונות. איר גאַנצע פאַרבונדנקייט מיט יענעם איז נאָר געבויט דערויף וואָס דער דאָזיקער גט־געבער איז נ י ש ט איר מאַן. אויב זײַן בריוו איז אמת, בלײַבט ער פאַר איר פרעמד און פאַרבאָטן. וואָסזשע טוט זיך דאָ מיט איר? פאַרוואָס צאַפּלט זי פון משוגענער דערוואַרטונג? פּעלט איר נאָך פרישער צער?

זי האָט זיך אָבער אַליין נישט געוואָלט אָפּוויקלען פון אירע געדאַנקען. עס איז איר זיס געווען זיך אָפּצוגעבן מיט אַ נײַער האָפענונג. ניין, זיכער איז עס ע ר. זי איז איצט פרײַ, נאָר דאָס מאָל וויל זי זיך אַליין פאַרקייטענען. עס איז איר איצט געבליבן נאָך אים אַזאַ געפיל, צוליב

וועלכן עס איז מחיהדיק־גוט צו בלײַבן געפֿאַנגען. עס האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז ער אַליין האָט אויף זיך תרעומת, פֿאַרוואָס ער האָט עס גע־מאַכט אַזוי שנעל און פֿאַרוואָס ער האָט געוואָלט שפּילן די ראָל פֿון האַרטן מאַן, ווען זי גייט מער נישט אָן. די חרטה האָט אים זיכער פֿאַרכאַפּט תיכף ווי ער האָט זײַנס געטאָן. האָט ער געוואָלט צוריקדרייען, צוריקכאַפּן דאָס וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין זײַן פֿאַרביסנקייט. האָט ער פֿון גרויס צער געוואָלט איר געבן אַ צייכן, איר מודיע זײַן דורך אַ רמז, אַז ער וויל פֿאַרט מיט איר נישט ענדיקן, כאָטש ער האָט שוין געמאַכט אַ סוף צווישן זייביידע... ער וואַרט דאָרט זיכער, אַז מען זאָל אים קומען מפֿייס זײַן; אַז אויך זי זאָל איצט אַרויסווײַזן איר איבערגעבעטנקייט, הגם זי ווערט שוין איצט נישט געצווונגען פֿון קיינעם. זי ווייסט דען אַליין געוויי, אויב דאָס משונהדיקע געפֿיל אין איר איז די אמתע חרטה? איז זי דען בטוח, אַז איצט וויל זי אים שוין, נאָר זי שעמט זיך? עס קען גאָר זײַן, אַז בײַם אָנקוקן אים נאָכאַמאָל, וועט זי זיך ווידער האַלטן בײַ איר עקשנות און זי וועט ווידער נישט וועלן הערן פֿון אים. וואָס קען זי וויסן?

זי איז אויך זיכער געווען, מרים, אַז ער האָט געזען בײַם געבן דעם גט די ערשטע שטראַלן פֿון ווייכקייט אין אירע אויגן. ער האָט זיך געמאַכט נישט־זעענדיק און דאָך זענען זיי אין אים אַרײַנגעדרונגען, גע־וועקט אין אים האָפֿענונגען וואָס ער האָט זיי נישט געוואָלט אויסהערן. ער האָט זיכער פֿאַרשטאַנען, אַז איר איז נישט געגאַנגען אינעם אָראָפּ־גנבענען עטלעכע קרעלן, בעת זי האָט זיך מיט אים געאַמפּערט. דאָס האָט זי נאָר געוואָלט אָפּציִען אַ פּאָר טעג, געבן אים אָנצוגעהערן מיט אַלע מינים ווײַבערישע פֿאַרשטעלטקייטן אַז זי וואַקלט זיך, אַז זי זוכט נאָר תירוצים בכדי דער גט זאָל געגעבן ווערן וואָס שפּעטער, וואָס שפּע־טער... און אפֿשר זאָל ער בכלל נישט צושטאַנד קומען. ער האָט זיכער געוווּסט, אַז מיט אַ צײַט פֿריִער איז זי גרייט געווען צו באַצאָלן דאָס טײַערסטע, אַבי פֿון אים פּטור צו ווערן; וואָסזשע האָט זי זיך ראַפּטום געבומען שטעלן אויף אַ זילבערנעם קנאָפּ און אויף אַן אָפּגעטראָגענעם בגד?

מרים האָט פֿאַר זיך אַליין געהאַלטן, אַז זי איז די איינציקע וואָס

פֿאַרשטייט דעם זין פֿון דעם איבערגעלאָזטן בריוו. זי מוז שווײַגן און אַריינפּאַסן איר אומגעדולד אין די רייד פֿון די שטאָט־לײַט וואָס זוכן אים צו פֿאַנגען, צוריקברענגען אים. אָבער קיין צייכן פֿון איר צעשרויפּטער נאַכט טאָר מען אויף אירע געשרייען נישט דערקענען. זי דאַרף ווייטיקן מיט איר דאָזיקן פֿאַרלאַנג, אָבער באַין אופֿן טאָר זי נישט אַרויסווײַזן קיין שפּור פֿון אַראָפּגעפֿאַלנקייט... זי האָט שוין אַזויפֿיל יאָרן געשפּילט די ראָל פֿון דער שטאָלצער, וואָס קוקט אויף איר מאַן ווי פֿון הימלען אַראָפּ — מוז זי שוין וואַרטן ביז ער וועט זיך ווידער וואַלגערן בײַ איר צופֿוסנס. בײַ אַלע שטאָט־מענטשן זעט עס שוין אויס ווי אַ זאַך, וואָס די טבע אַליין איז מחייב און זי גופֿא מוז שוין גיין דעם וועג וואָס זי האָט געמאַכט פֿאַר איר גורל, אויב זי וויל נישט צעשמעטערט ווערן פֿון האַסטיקן צוריקשפּרונג.

— 3 —

דערנאָך זענען געקומען לאַנגע וואָכן און חדשים פֿאַר מרימען. וויפֿל אירע גוטע פֿרײַנט און דעם פֿאָטערס שליחים האָבן זיך נישט באַמיט צו כאַפּן יאַקאָבן, איז עס זיי נישט געלונגען. ער איז נעלם געוואָרן און קיין שפּורן נאָך זיך נישט געלאָזט. הגם איר שכל האָט כסדר אונטער־געטראָגן מרימען דאָס געפֿיל, אַז ער מוז שטיין און וואַרטן הינטער ליסע׳ס טויערן און קיינער דערקענט אים נישט. ער האָט זיכער געוואָרט אַ שטיק צײַט דאָרט, אָבער עס איז געווען אומזיסט. זי איינע בלויז וואָלט אים זיכער געוווען געפֿונען, נאָר זי האָט נישט געקענט אַרויסלויפֿן אים ווײַזן איר זוכעניש. איז דער גאַנצער ענין ווידער איבערגעגעבן געוואָרן רבנים און לומדים אין די הענט אַרײַן. זיי האָבן ווידער געגישטערט אין אַלטע ספֿרים, דערנאָך האָבן זיי ווידער געפּאָרשט די פֿרי׳ערדיקע עדות. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די זעלבע טענות: זיי האָבן אים דער־קענט, ווייל אַלע האָבן אים אָנגענומען פֿאַרן זעלבן און ער אַליין האָט נאָך אונטערגעשטופּט די שאַרפֿסטע סימנים הינטער דער נאָז... אָבער אַז עס איז געקומען די מעשה מיטן בריוו, וווּ ער דערציילט פֿאַרוואָס ער האָט עס געטאָן — בלײַבן זיי ווידער אין ספֿק. מיט קיין גיהנום זענען

זיי נישט קיין בעלנים זיך צו שפּילן! אויב ס׳איז דער זעלבער יאַקאָב? האָט דער גט־געבער געהאַט דאָס זעלבע געשטאַלט, די זעלבע אויגן און דיבורים וואָס דער אַמאָליקער נידערגעשלאָגענער יונגערמאַן פון פּין? ניין, זיי וועלן עס באין אופן נישט זאָגן. אַוודאי, ווען זיי זעען אים איצט נאָכאַמאָל פאַר די אויגן, וואָלטן זיי שוין געוווסט אָפּצושאַצן ריכטיק... נאָר גיי זוך אים, אַז ער שפּרייזט גאָר איצט מיטן ווינט געאָרעמט איבער פעלדער און וועלדער, וואָס בלויז גאָט אַליין קען זיי אָנזען...

ביני לביני איז דער ענין מיט מרימס גט געוואָרן אַ שטיקל פּשטל, אַרום וועלכן לומדים פון שטאָט האָבן זיך געשאַרפט די קעפּ אין בית המדרש. להלכה האָט יעדער איינער געהאַט אַ נײַעם רמב״ם און אַ שאָק מיט סברות וועגן דעם. למעשה האָט עס אָבער גאָרנישט געקענט ענדערן מרימס גורל. זי האָט ווײַטער נישט געטאָרט חתונה האָבן, שוין נאָך אַלע פּלפּולים און שאַרפע ראיות פון די אײַזערנע קעפּ אין שטאָט. עס איז טאַקע גוט זיך אָנצוהענגען אין אַזאַ ענין, בײַ וועלכן מען קען אַדורכאַקערן אַ ים מיט פּוסקים פון די ראַשונים ביז די אחרונים. קיינער וועט זיך אָבער נישט אונטערנעמען זי אויפן סמך פון די אַלע המצאות מתיר צו מאַכן. די מינדסטע ספק־ספיקא פון אַן אשת איש וועגט איבער אַלע סברות און חידושים. האָט מרים געמוזט וואַרטן. אין משך פון דער לאַנ־גער צײַט איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט זיך אַליין פאַרפירט מיט נאַרישע געדאַנקען. דאָס איז ער טאַקע געווען, ער איז אָבער געוואָרן קלוג און גיפטיק. מער ווי נקמה פון איר האָט ער נישט פאַרלאַנגט. ער האָט איר בלויז געוואָלט פאַרסמען דאָס לעבן און ווײַטער גאָרנישט. דער־פאַר האָט ער איבערגעלאָזט זײַן בריוו און אַליין האָט ער זיך צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש, וווּ קיינער זאָל אים נישט קענען געפינען. איצט לאַכט ער פון איר, האָט הנאה דערפון וואָס זי וועט איר גאַנץ לעבן באַגראָבן אינעם וואַרטן. עס קען זײַן אַז ער וועט זיך דאָ ערשט באַווײַזן פאַר אירע אויגן, בעת זי וועט שוין זײַן אַלט און צעקנייטשט. ערשט דאַן וועט ער איר דערציילן ווי גרויס נחת ער האָט געהאַט פון אירע לײַדן די גאַנצע צײַט...

טאַקע דאָס לעצטע האָט מרימען געשראָקן מער ווי אַלץ אין דער

וועלט. זי האָט זיך אַפילו געגעסן דאָס האַרץ פאַר איר אומבאַרעכנטקייט און פאַרן האָבן אַזויפיל זיכערקייט אין איר כח איבער אים. אָבער נאָך מער צער האָט איר פאַרשאַפט דער געדאַנק, אַז ער וועט זיך אַמאָל באַוויַיזן, ווען עס וועט שוין זיַין גאָר־שפּעט. עס איז איר געגאַנגען אין לעבן צו וויַיזן זיך פאַר אים ווען זי בליט נאָך. דאַן איז ער טאַקע אויך אַ זיגער, אָבער אין דער זעלבער צייַט איז ער אַ פאַרלירער. זיַין נקמה וועט נאָך מוזן זיַין געמישט מיט אַ צער אויף זיך אַליין. כל זמן ער וועט זי זען בקרוב, וועט אים זיַין שפּיצל נישט קענען לגמרי באַקומען. ער וועט זיך אַליין האָבן אָפּגעטאָן מער רעה, אַפילו ווען ער זאָל שוין דאַרט האָבן אַ נייַע אשה. זי, מרים וועט עס אים אַפילו נישט דאַרפן זאָגן. זי וועט אים בלויז אַרויסשטעלן אַנטקעגן איר פול ברוינלעך פּנים און זאָל עס אים דערציילן דאָס וואָס ער דאַרף צו הערן. טאָמער וועט ער אָבער קומען אָפּגעבן אַ חשבון ערשט דאַן ווען זי וועט שוין זיַין פאַרוועלקט, איז ער הוילער נצחון בשעת זי וועט שוין בלויז זיַין אַ פאַרשפּילטע. דאָס האָט זי דווקא נישט געוואָלט דערלעבן, הגם נישט אין איר האָט זיך עס געוועגדעט.

זי האָט נישט געקענט וויסן אויף קלאָר: ווייסט ער פון איר דאָזיקער הויפּט־שרעק? האָט ער אין זיַין נקמה־פּלאַן אויך דאָס אַריַינגערעכנט? זי האָט געזען באַשייַנפּערלעך, אַז אויפן וועג וועט ער זיך אויסלערנען צו ווערן אַ מענטש מיט מעלות. עס קען זיַין, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט ער זיך ווידער באַוויַיזן. ער וועט שוין דאַן זיַין שענער געשטאַלטיקט, מער קלוג און נאָך אַ רייַכער דערצו. איבער דער גרויסער וועלט מאַכן זיך אַלערליי טראַפן. ער וועט דאַן קומען און מיט דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער חכמה זיַינער וועט ער מאַכן, אַז עס זאָל זי נאָך מער ציִען צו אים. ער וועט ווידער וועקן אין איר באַגערן. זי וועט שוין דאַן זיַין נאָך מידער פון וואַרטן און דערפאַר וועט זי זיַין נאָך מער נידערגעשלאָגן. ער וועט דאַן אַרויסוויַיזן נאָך מער העכערקייט איבער איר ווי דאָס לעצטע מאָל. שפּעטער וועט ער ווידער נעלם ווערן און איבערלאָזן אין איר נאָך שאַרפערע ווונדן. וואָס קומט אים דען אַרויס פון איין לאַנגער נקמה, בעת ער קען זי געניסן שטיקלעכוויַיז — און אַלעמאָל זיך אָנטרעפן מיט איר פּנים אל פּנים, זי זען מיט די אייגענע אויגן?

ער איז שוין איינמאָל געהאַט נעלם געוואָרן, האָט ער זי געקענט לאָזן אַן עגונה און שוין. האָט אים די דאָזיקע שטאַרקע נקמה נישט צו־פרידנגעשטעלט. ער האָט זיך געמוזט באַווײַזן נאָכאַמאָל, אויפרודערן זי, זען זי, גטן זי, אסרן זי צוריק... דאָס באַווײַזט אַז ער האָט בכלל נישט געהאַט בדעה זי אַרויסצולאָזן פון די הענט און אויך זי לאָזן רוען אין די עלנטע יסורים. ער וועט זיכער נאָך קומען נישט איינמאָל. ער וועט אַראָפּפאַלן אויף איר אײַנגעדרימלטן יאוש און אַרויסצי׳ען פון אים זײַנע נחתדיקע זאַפטן. ער וועט קומען — און זי מוז גרייט זײַן דערצו, ווײַל ער וויל אַזוי. עס קען געשען יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט. פּונקט אַזוי קען עס זיך צי׳ען וואָכן, חדשים און יאָרן — און זי זאָל זיך אַלץ גרייטן אומזיסט, פאַרצערט ווערן פון איר ווילדער געשפּאַנטקייט. זי איז גאָר־נישט זיכער געווען, מרים, אַז דווקא ווען זי וועט אים נעמען אַרויסוואַרפן פון די געדאַנקען, זוכן אים צו פאַרגעסן — זאָל ער נישט גראָד דאַן געבן זיך אַ באַווײַז. זי וועט שוין נישט גרייט זײַן אים אויפצונעמען, אים צו זען און דערפאַר וועט זי צעטומלט ווערן פון גרויס איבעראַשונג, נישט וויסן וואָס זי האָט אייגנטלעך צו טאָן... לויערט ער נישט אַמאָל אויף איר פּנים גאָר־נאָענט? איז נישט אַמאָל פאַראַן אין ליסע גופא זײַנס אַ מקורב, וואָס גיט אים איבער וועגן יעדן קער און ווענד אירן?

זי האָט פאַרשטאַנען, מרים, אַז כל זמן זי וועט אים נישט זען דאָס צווייטע מאָל, וועט איר גאַנץ לעבן שוין אַריבער אין ווילדער חרטה, אין עסן זיך אַליין און אינעם קאָכן זיך אין דער אייגענער ביטערניש, וואָס אַ פרעמד אויג טאָר עס גאָר נישט דערזען. אַפילו די רו פון די ערשטע עגונה־צײַטן וועט זי מער נישט האָבן. קיין עצה דערצו האָט זי זיך נישט געקענט געבן און עס איז אויך אין קיינעמס מאַכט נישט געלעגן איר צו לינדערן די יסורים.

אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז יאַקאָב אַליין לאָזט נישט מען זאָל אים פאַרגעסן. אַ האַלב יאָר נאָכן גטן זי, האָבן גענומען באַווײַזן זיך אַרעמע לײַט וועלכע האָבן אים אָנבאַגעגנט. דאָס מאָל האָבן זיי נישט דערציילט וועגן עפּעס אַ באַהאַל־טענעם אַרעמאַן. ער שפּרײַזט איצט מיט אַן אָפן פּנים און ער הערט פון איר נישט אויף צו רעדן. זיי האָבן אים אַליין געזען. ער גייט פון שטאָט

צו שטאָט, עוסקט זיך מיט אַלערליי רבנים און ער שרײַבט אַלץ, אַז ער וויל רופן די ליסער דיינים צו אַ דין־תורה. זײַנע מעשׂהס וואַרפן אָן אַ פּחד און די רבנים וויסן נישט וואָס זיי זאָלן מיט אים טון. עס שמעקט מיט גרויסע סכסוכים, וואָס דאַרפן אַרײַנציִען גרויסע לײַט. דערפֿאַר האַלטן זיי אים אָפּ ביז אַ געהעריקער אויספאָרשונג און זענען אים דוחה בקש. מחמת דעם וויל אים קיינער נישט נעמען אין תפיסה אַרײַן. מען איז גאָר צופרידן, וואָס ער גייט זיך ווײַטער זײַן וועגס. עס ווערט שווער פון זײַנע טענות, אַז ער אַליין איז גאָר אַ פּרעמיסלער און אַז דאָס ליסער בית דין האָט אים אַרײַנגענאַרט און געשלאָגן — ביז ער האָט אָפּגעגט אַן אשה, וואָס ער הויבט נישט אָן צו קענען. בעיקר וויל ער מען זאָל מודיע זײַן קיין פּרעמיסלע, בכדי זײַן אייגענע אשה זאָל דערווײַל נישט חתונה האָבן.

מרים האָט נישט געקענט וויסן וואָס זי זאָל פריִער טאָן. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס דרייט ער אָן אַ נײַעם עסק וואָס קיינער קען מיטן שכל נישט באַנעמען. מען האָט אַפילו געפּרוווט אַרויסשיקן נײַע שליחים אָבער זיי האָבן אים ווידער נישט געקענט כאַפּן. דערבײַ זענען אויך אָנגעקומען קיין ליסע פּאַרקערטע ידיעות. אין אַנדערע שטעט גיט ער זיך אָן ווי יאַקאָב, נח פינערס שטיפזון. דאָרט שרײַבט ער, מען זאָל אָפּנעמען זײַן גזילה פון רויבערס הענט און במילא קען ער דאָך גאָר נישט אָנגיין ווי עפּעס אַ יאַקאָב קאָפּהאָן פון פּרעמיסלע. זענען אפשר גערעכט געווען קלוגע לײַט וואָס האָבן געזאָגט, אַז דאָס טוט ער אַלץ נאָר בכדי מרימען צו צעטומלען מיט די ידיעות; אַז דאָס דרייט ער בלויז אָן די אָרעמעלײַט, זיי זאָלן דערציילן פון אים אַזעלכע מעשׂהס. ווי נאָר מען האָט זיי גענומען האַרבער פאָרשן, האָבן זיי אָנגעהויבן דרייען מיט דער צונג און עס איז בײַ זיי אַרויסגעקומען, אַז זיי אַליין האָבן אים גאָרנישט געזען, נאָר די בעלי בתים פון דער שטאָט פלונית האָבן דער־ציילט אַזעלכע זאַכן. האָט מרים קיין ברירה נישט געהאַט ווי אויפצוהערן זיך אינטערעסירן מיט אַזעלכע קלאַנגען.

אָבער אויך איר רו איז איר נישט באַקומען. די קלאַנגען זענען איר נאָכגעגאַנגען, געקראָכן ביז צו אירע פאַרמאַכטע טירן און אויך גוטע פרײַנט מיט שכנטעס האָבן זיי נישט געלאָזט אײַנשלאָפן:

— וואָס הייסט יענער דרייט זיך אַרום איבער דער מדינה, וויינט פאַר רבנים און סתם מענטשן — וועט זי זיך נישט וויסנדיק מאַכן ? עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף דערצו ! אין דער וועלט שמועסט מען שוין סײַווי, אַז איר איז נמאס געוואָרן די איינזאַמקייט. דערפאַר האָט זי אונטערגעשטעלט פרעמדע עדות, וואָס זאָלן דעם אורח דערקענען ווי איר מאַן. דערנאָך האָבן זיי אים געפּײַניקט, אויסגעפּרעסט בײַ אים אַן הסכמה. מען זאָגט דאָרט, אַז זי האָט געוואָלט חתונה האָבן לײַטיש, בלײַבנדיק אַן אשת איש. קען זי דערלאָזן אַזאַ שאַנדפלעק אויף דער משפּחה ?

מרים האָט דערפילט אין זייערע רייד אַ סך גערעכטיקייט און געטרײַשאַפט צו איר. דערבײַ האָט זי אָבער אַרויסגעהערט פון זייערע רייד, ווי אויך זיי קענען נישט גלויבן, אַז זי איז דאָ אומשולדיק ווי אַ טויב. ווער ווייסט וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן ? אַז יענער לויפט אַרום צו אַלע רבנים און זי שווײַגט. קען דאָס נאָר זײַן אַ משוגענער מח ?

מרימס פאָטער איז אויך דער ענין ביסלעכווײַז נמאס געוואָרן. זינט דער מעשה מיטן גט איז ער אויפגעהייטערט געוואָרן און אײַנגעזען, אַז בײַ פּופּציק יאָר דאַרף מען זיך נאָך נישט לייגן אין קבר אַרײַן. נאָך דער לאַנגער אַלמנ׳שאַפט האָט עפּעס אַ שדכן פאַר אים אויסגעזוכט אַ גרושה, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען צו דער חופּה. טאַקע די דאָזיקע ייִדענע זײַנע האָט געוואָלט אים אַרויסווײַזן געטרײַשאַפט און זי האָט נישט געלאָזט אײַנשלאָפן דעם עסק. זי קען נישט פאַרשטיין, האָט זי אַרײַנגעטענהט אין אים, וויאַזוי אַן אייגענער טאַטע קען צוזען דעם צער פון אַ טאָכטער און שווײַגן. זי האָט אים געטריבן צו רבנים, געלאָזט אים שרײַבן בריוו צו אַלערליי קהילות און אומעטום האָט ער אַרויסגעלייגט זײַנע טענות : זײַן טאָכטער פאַרשפּילט אירע יונגע יאָרן ! נאָר פון אַלע זײַטן איז פאָרט צוריקגעקומען דער זעלבער ענטפער. מען פאַרשטייט טאַקע זײַן צער, אָבער דער דין איז שטאַרקער פאַרן באַרג. זי איז דערווײַל אַן אשת איש און מער קען מען דאָ גאָרנישט זאָגן.

עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ר׳ לייב מיט זײַן טאָכטער זאָלן זיך אַרויסלאָזן איבער דער מדינה און זוכן יאַקאָבס שפּור פון אָרט צו אָרט. האָט אָבער מרים נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קראָם און אויך די גרושה האָט נישט געוואָלט אַוועקלאָזן ר׳ לייבן פון זיך. ער איז אַן

עלטערער מענטש און אַלע וועגן זענען בחזקת סכנה. וויל זי נישט ווערן קיין עגונה אויף מרימס אָרט. האָט ר׳ לייב געמוזט אויפהויבן די הענט צום הימל און זיך פאַרענטפערן, אַז מער קען ער גאָרנישט טון. איין גאָט פון הימל איז דער עדות! איז מער נישט געווען ווער עס זאָל דאָ אַרומלויפן זוכן אַ היתר פאַר מרימען. עס איז אויסגעקומען נישט אַנדערש, נאָר אַז זי מוז שוין דאָ וואַרטן אויף אַ גרויסן נס.

קאַפּיטל דרײַצן

— 1 —

אין די שטעטלעך, וואָס קראַנצן אַרום די ליסער קהילה, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ מאַן, וועמען אַ סך האָבן אָנגענומען פאַר אַ געוויינלעכן שנאָרער. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין אים געזען קענטלעכע סימנים. דער עיקר האָט מען אים אָבער גענומען נאָכקוקן צוליב זײַנע משונהדיקע התנהגותן. דער מענטש האָט אויסגעזען אַ גרויסער שווײַגער, ווײַל ער האָט גאַנצע שעהן נישט געקענט עפענען דאָס מויל. דערפאַר אָבער אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט ער שוין געשאָטן מיט רייד פאַר פֿיר און פאַר וואַסער. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אַנדערע ענינים. ער האָט אויסגעזען אַ גרויסער מרה־שחורהניק. נאָר וויבאַלד עמעצער איז זײַן זײַט האָט געמאַכט אַ שפּאַס האָט דער פרעמדער מיטגעשמייכלט און אַפילו געגומען וואַרפן מיט געלעכטערס, וואָס נישט אַלעמאָל זענען זיי אים געראָטן. מען האָט געקענט זען, אַז דער מאַן האָט זיך אַמאָל מתקנא געווען אין אַ גרויסן לץ און ער באַמיט זיך יענעם נאָכצומאַכן, כאָטש ער איז נישט מסוגל דערצו.

נאָך אַ זאַך האָט מען געמוזט דערזען אין דעם מאַנס פּירעַנישן. ער האָט זיך געהאַלטן אין אַ ווינקל, געוואָלט וואָס ווייניקער זיך אַרויסזען, האָט מען געקענט מיינען, אַז ער וויל נישט מען זאָל וויסן פון וואַנען ער קומט. ייִדן זענען שוין געוווינט צו אַזעלכע זאַכן. פאַראַן אַ סך אַזעלכע וואָס זענען אַמאָל געווען בכבודיק און הײַנט זענען זיי יורדים.

ביז זיי האָבן געמוזט אָנקומען צום בעטל־ברויט. איז גלײַכער ווען מען לאָזט אַזעלכן צורו און מען פרעגט אים וואָס ווייניקער שאלות. נאָר אַז מען האָט יענעם צורו געלאָזט אַ שטיקל צײַט האָט ער זיך גאָר געפילט באַליידיקט און צוריקגעשטויסן. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז מען אים בכיוון מבטל, ווײַל ער איז אַן אביון. צוליב דעם איז ער אַרויפגע־קראָכן פון זײַן ווינקל און צוגעגאַנגען צו איין ייִד, צו אַ צווייטן מיט אַ ווילדער טענה אין מויל:

— און איר מיינט אַוודאי, אַז איך בין אַ געבוירענער שנאָרער?

עס האָט זיך נישט געגלוסט מיט אים אַרײַנצוגיין אין רייד: וואָס באַליידיקט ער זיך דאָ? וואָס דען זאָל מען מיינען? אַן ארחי ופרחי וואָס גייט איבער די הײַזער, נעכטיקט אין הקדש און ער האָט נישט קיין גאַנץ העמד אויפן לײַב — איז אַ שנאָרער. קיין מלך אָדער פירשט איז ער זיכער נישט. וואָסזשע האָט ער דאָס פאַר אַ טענות?

דער פרעמדער האָט זיך אָבער אָנגעכמורעט:

— ווען איר זאָלט נאָר וויסן, ווער איך בין אין דער אמתן...

קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט וויסן, דווקא ווײַל ער האָט עס יעדן איינעם געוואָלט אָנוואַרפן ביז היינטער דער נאָז. עפּעס האָט ער פאַר איינעם יאָ אָנגעהויבן אַרויסלייגן אַ גאַנצע מעשה, אַז ער וואָלט געקענט זײַן אַ גביר אדיר, אַ בעל־הבית פון אַ גרויס פאַרמעגן ווען נישט זײַן אומגליק. נאָר יענער האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף:

מיר האָבן שוין געהערט אַזעלכע מעשהס... און למאי נפקא מינה? סײַווי גיט מען דאָ יעדן איינעם די זעלבע נדבה...

האָט זיך דער פרעמדער אָנגערוגזט און אָנגעקוקט זײַן בעל דבר מיט אַזעלכע אויגן, אַז יענער האָט אײַנגעפּונען פאַר בעסער זיך פון אים אָפּצורוקן וואָס ווײַטער. נאָר וויפל מען האָט אים נישט געוואָלט אויס־הערן, האָט זיך דאָך זײַן געשיכטע צעטראָגן מבית לבית. ער קערט זיך איצט אום פון אַ ווײַטן וועג. ער שנאָרעט נישט סתם צוליב בעטלערײַ. דאָס גייט ער איצט אַדורכפירן אַ וויכטיקע דין תורה, מיט וועלכער די גאַנצע מדינה וועט קלינגען. זײַן מאַמע מיטן שטיפטאַטן האָבן בײַ אים צוגערויבט אַ גרויס פאַרמעגן ווען ער איז געווען קליין. ערשט איצט

איז ער געקומען צו זײַן גאַנצן שכל. לאָזט ער זיך פאַרלאַנגען יושר בײַ דער תורה און בײַ דער וועלט. דערבײַ האָט ער אויסגעזאָגט נאָך אַן אמת: סײַווי מוז ער אויסשטרעקן די האַנט, ווייל ער כאַטש אַז מען זאָל וויסן ווער זײַן מאַמע איז און ווער ס׳איז דער רוביערישער שטיפּ־טאַטע. אַדרבא, זאָלן גוטע מענטשן זיי אָפּדערציילן וואָס זיי האָבן גע־מאַכט פון זייער בן־יחיד און זאָל עס זיי דאָרט וואַרפן אין דער הויך פאַר חרפּה.

האָבן אָבער יידן נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק אַרײַנצושטעקן זייער געזונטן קאָפּ אין יענעמס קראַנקע עסקים. מען ווייסט דען ווער ער איז? און אויב יושר — זענען דערויף פאַראַן בײַ יידן ברוך השם געגנוג רבנים און דיינים... וועט דאָס שארית פון ישראל נישט טאָן קיין עוולה. וואָסזשע וויל ער פון יעדן ייד באַזונדער? העכסטנס קען מען אים געבן נאָך אַ פּרוטה.

איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ און אַרײַנגעפאַלן אין אייגענער התפעלות, בעת ער האָט פאָרגעשטעלט וויאַזוי ער וועט זיך נוקם זײַן אין זײַנע אייגענע לײַט. די בעסטע צוהערער זײַנע זענען געווען די אָרעמלײַט, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט אים געוואַלגערט אין אַלערליי הקדשים. בײַנאַכט, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אויסגעציילט זייער טאָג פּדיון און אויפגעגעסן זייער בײַנאַכטיקע וועטשערע, איז דער בעסטער תענוג געווען צו דערציילן זיך מעשהס, וואָס טוען זיך אָפּ אויף דער וועלט. עס ווערט דאַן אַ מחיה זיך אײַנצוטוליען אין דעם זיכערן שטרוי־זאַק און צו פילן זיך געשיצט פאַר אַזעלכע אומגליקן, וואָס טרעפן דווקא די רײַכע און די זאַטע. דאָס הערן אויס נישט בלויז די אָרעמעלײַט, נאָר אויך דער שמש פון הקדש שטעלט אַן מויל און אויערן. האָט דער פרעמדער געקענט אַרײַנקריכן מיט זײַנע רייד אין אַזעלכע מינוטן.

זײַן גאַנצע מעשה וואָלט קיינעם נישט געווען צופיל אויפגערודערט. קאָרג אויסטערלישקייטן הערן זיי זיך אָן? נאָר איינמאָל האָט ער פון זיך אַרויסגעבערענגט אַזעלכע דיבורים, וואָס האָבן דעם הקדש־שמש גע־מוזט אויפקאָכן. פּאַסירט האָט עס אין שטעטל סאַמטאָר. די אביונים זענען געלעגן צעלייגט אויף זייערע געלעגערס און עס האָט געדאַרפט

זײַן שטיל צוליב דער שפּעטער שעה. אויך בעטלער דאַרפֿן שלאָפֿן. נאָר איינעם פֿון די אורחים האָט ער נישט געלאָזט אײַנרוען. ער האָט איבער־געוועקט זײַן שכן און דווקא אים געוואָלט אַרויספֿירן אויף אַ שמועס. בכדי אים מפייס צו זײַן פֿאַרן וועקן אים אַזוי שפּעט, האָט ער אים גע־זאָגט עפּעס אַזוינס, צוליב וועלכן יענער האָט זיך אַזש אויפֿגעזעצט. ווי מיד יענער האָט זיך נישט געפֿילט פֿון אַרומקריכן דעם גאַנצן טאָג איבער די הײַזער, האָט ער זיך געלאָזט אַרײַנציִען פֿון דעם פֿרעמדן אין אַ שמועס.

צומערשט האָט ער אָנגעהויבן שטיל. דערנאָך האָט ער גענומען רעדן העכער, צעוויינט זיך און לבסוף איז ער אַריבער אין אַ משוגענעם גע־לעכטערל. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויך זײַן צוהערער האָט זיך פֿאַרקײַכט פֿון שטילן, אײַנגעהאַלטענעם לאַכן.

קבצנים האָבן נישט קיין סך פֿרייד אין לעבן און אַוודאי האָבן זיי נישט אָלעמאָל די געלעגנהייט און דאָס געמיט צו לאַכן. דערפֿאַר האָבן די אַנדערע הקדש־אורחים מקנא געווען די צוויי לײַט, וואָס פֿראַווען אין אַ ווינקל אַ גאַנצע סעודה פֿון לאַכעניש פֿאַר זיך אַליין. דאָס האָט בײַ זיי אַפֿילו צוגענומען דעם כעס, פֿאַרוואָס מען וועקט זיי אין מיטן דער נאַכט. איז געוואָרן שטיל און אָנגעשטרענגט. נאָר זיי האָבן גאָרנישט געקענט אויפֿכאַפּן. דערפֿאַר האָבן אַנדערע גענומען בעטן און פֿאָדערן:

— זאָל שוין נעמען אַ סוף... לאָמיר אויך הערן אַ וואָרט!

דער ערשטער, וואָס האָט דעם שמועס אָנגעהויבן, איז גאָר צופֿרידן געווען דערפֿון און ער האָט מסכים געווען אויפֿן קול:

— אדרבא ואדרבא...

מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט. די קבצנים פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך גענומען דרענגען מיט באָרוועסע פֿיס אין יענעם ווינקל אַרײַן. דער פֿרעמ־דער האָט ווידער גענומען דערציילן פֿון אָנהייב זײַן געשיכטע. דער קפּדנישער שומר פֿון סאַמטאָרער הקדש האָט דאָס אַפֿילו נישט געקענט פֿאַרטראָגן: וואָס איז דאָ אינמיטן דערין אויף זיי די שמחה? קאָרג טאָג האָבן זיי צו באַלאַקען און מאַכן אַ טומל? מוזן זיי גאָר מאַכן אַ בעטלערישע אַסיפֿה נאָך חצות! נאָר די נײַגעריקייט האָט אויך אים

גובר געווען. די נאַכט איז אַזוי לאַנג און נמאס, טאָ פאַרוואָס זאָל ער בעסער נישט אויסהערן וואָס די חברה האָבן דאָרט צו דערציילן?

און יענער, דער הויכער מיט דער צעשויבערטער באָרד, האָט דער־ציילט אַזעלכעס וואָס נישט אַלעמאָל קען מען עס הערן. זינט ער, ר׳ זלמן, באַוואַכט דאָס הקדש האָט ער שוין געהערט וועגן אַלערליי צרות פון אָראָפּגעקומענע לײַט, וואָס האָבן דערגרייכט אַזאַ שטאַנד. זענען זיי עס געוואָרן, ווײַל זיי האָבן קיין אַנדער עצה נישט געהאַט. דאָ אָבער האָט דער הויכער פאַרשוין באַרימעריש מודיע געווען פאַר דער מחנה אָרעמעלײַט:

— ווען איך וויל, קען איך נאָך הײַנט ווערן אויס שנאָרער...

ווען ער וויל... פאַרוואָסזשע וויל ער נישט? אַזוי זיס איז דאָס ברויט וואָס ווערט אויסגעבעטלט? האָט טאַקע ר׳ זלמן אָנגעשפּיצט זײַן אויער און ער האָט פלוצים געהערט דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ ייִד, וואָס ער האָט אַמאָל זייער גוט געקענט. דער שנאָרער באַרימט זיך, אַז ער איז ר׳ נח פינערס שטיפזון. אַ גאַנצע געשיכטע האָט ער דערציילט וויאַזוי זײַן פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט אַ מטמון, נאָר ר׳ נח האָט זיך אַליין געמאַכט פאַרן יורש. לכן האָט ער באַשלאָסן אַרומצוגיין שנאָרען — נחן מיטן ווײַב להכעיס. דערבײַ האָט ער געזאָגט עפּעס אַ חכמה וואָס ר׳ זלמן האָט נישט געהערט, נאָר אַלע אָרעמעלײַט האָבן זיך דערפאַר געקאָטשעט פון געלעכטער.

ווען עס איז ר׳ זלמנען ווידער מעגלעך געווען צו הערן האָט שוין דער הויכער געהאַלטן בײַ אַ צווייטן ענין. ר׳ זלמן איז דערפון אַזוי פאַר־כאַפּט געוואָרן, אַז ער האָט זיך צוגעלאָזט ביז צו דער חברה. דאָ האָט זיך שוין דער בעל־דבר באַרימט, וויאַזוי ער האָט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט גאַנץ קהל — צוזאַמען מיט אַלע פּרנסים און דיינים פון ליסע. מיט אַ פול מויל געלעכטער האָט ער געשילדערט פאַר זײַנע צוהערער וויאַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען:

„...צום סוף האָבן די דיינים פון ליסע גאָר געהייסן מיך תפוס נעמען. נאָר פרעגט שוין גאָרנישט, וויאַזוי איך האָב זיי אַלע צום נאַר געמאַכט! צומערשט האָב איך געזאָגט: יאָ, דאָס בין איך טאַקע... און אַז זיי זענען שוין געווען גאָר צופרידן האָב איך זיי ווידער געזאָגט:

זײַט וויסן אַז דאָס בין איך נישט... די קעפּ האָב איך זיי פאַרדרייט און זיי האָבן מער נישט געוווסט, ווו זיי האַלטן מיט מיר... סך הכל זענען זיי אַלע בײַ מיר געבליבן גרויסע נאַראָנים...״

זעט אויס, אַז מען האָט געדאַרפט הערן דאָס פּרײַערדיקע בכדי צו לאַכן דערפון מיט אַזאַ ווילד געלעכטער ווי די אָרעמעלײַט האָבן געלאַכט. ר׳ זלמן האָט עס נישט באַוויזן. ער האָט בלויז געהערט, אַז דער פאַרשוין מאַכט חוזק פון דיינים און פרומע לײַט. דאַרף מען אים האַלטן אויפן אויג. ראשית, איז ער אפשר טאַקע ר׳ נחס קרוב און מען דאַרף עס יענעם מודיע זײַן. והשנית, הערט ער אַז דאָ האַנדלט זיך אין עפּעס אַ גט ווו מען האָט נישט געוווסט מיט וועמען מען האָט צו טון. די גאַנצע זאַך איז געקומען דערפון, וואָס מען האָט נישט געוווסט ווער דער איצטיקער לץ איז, דאַרף עס זײַן אַ געלעכטער? ווער ווייסט, אויב אַ פאַרבלוטיקט האַרץ וואַרט נישט אויף אַ פּיצל ידיעה, וואָס ער ר׳ זלמן קען זי אַרי־בערשיקן? האָט ער זיך פאַרשריבן אַלע פּרטים, טאָמער וועט מען זיי אַמאָל באַדאַרפן.

— 2 —

זעט אויס אַז מיט ר׳ זלמנס אונטערהערן דעם שמועס האָט נאָך דער מאַן נישט געענדיקט זײַן געשיכטע אין סאַמטאַר. בעת זײַן גיין איבער די הײַזער פון שטעטל האָט מיט אים פּאַסירט נאָך עפּעס:

אין שטעטל איז דאַן געווען דער גבאי פון צדקה אַ נישט־לאַנג גע־קומענער נגיד און למדן, ר׳ דוד בן הרב ר׳ פאלק. האָבן די אָרעמעלײַט צו אים געמוזט אָנקומען, בעתן נעמען אַ פּלעט אויף עסן און שלאָפן. האָט אויך דער משונהדיקער מאַן געמוזט אַרײַנגיין צו ר׳ דודן אין שטוב אַרײַן. ר׳ דוד איז גראַד נישט געווען אין דער היים און דער אורח האָט בלויז אָנגעטראָפן אויפן גבאיס ווײַב, וואָס האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. דעם אורח איז דערפון נישט גוט געוואָרן און ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, אָבער זי האָט אים פאַרהאַלטן:

— איר זענט מיר עפּעס קענטלעך...

מיטן גבאיס ווײַב קען מען זיך נישט אײַנרײַסן, דערפאַר האָט דער אורח בלויז געוואָלט מבטל זײַן אירע רייד:

פון וואַנען זאָלט איר מיך דען קענען ?
נאָר די אשת חיל האָט אים שוין נישט נאָכגעלאָזט :
— הייסט איר נישט ר׳ יאַקאָב בן ר׳ נח מפין, כ׳מיין זײַן שטיפזון ?
דער פּרעמדער האָט עס בלית ברירה באַשטעטיקט. ר׳ דודס ווײַב האָט געהאַט אַ פול מויל מיט שטראָפרייד, אָבער זי האָט בעסער גע־וואָלט גיין מיט גוטן. האָט זי אָנגעהויבן מיט תכלית־זאַכן : וואָס בלאָנ־קעט ער זיך אַזוי אַרום איבער דער וועלט ? וואָלט דען נישט בעסער געווען, ווען ער איז אַ בעל הבית פאַר זיך אין ליסע און לעבט מיט זײַן ווײַב ווי גאָט און לײַט האָבן געבאָטן ? און זי האָט אים זאָרגעוודיק אויסגעשטראָפט :
— איר פאַרוואָגלט אײַך דאָס לעבן !
נאָר דער אורח איז גאָר בייז געוואָרן דערפון. ווי נאָר זי האָט אים דערמאָנט דאָס ווײַב האָט ער גענומען שרײַען הויך און מיט ווילדקייט :
— זאָל זי אויך פאַרשוואַרצט ווערן ! ווי נאָר איך וועל זיך איר געבן צו דערקענען, וועט זי מיר געבן אַ גט... איז שוין גלײַכער זי זאָל נאָך מיר רײַסן קריעה !
די גבאיטע האָט בלויז געדאַרפט בײַ אים אַרויסבאַקומען די ערשטע ווערטער. איצט האָט זי זיך ערשט געגרייט פאַר אים צו האַלטן אַ גאַנצע דרשה. ער האָט זיך אָבער דערנענטערט צו דער טיר, אויפגעריסן זי און אַנטלאָפן. מער איז ער נאָך קיין פלעט נישט געקומען און בײַנאַכט האָט מען אים מער נישט געזען אין הקדש. האָט זי בלויז געקענט אויסגיסן איר ביטער האַרץ אויפן מאַן, וואָס ער איז קיינמאָל נישטאָ ווען מ׳דאַרף אים. מען האָט אַזוי לײַכט געקענט ראַטעווען אַן עגונה — נאָר עס האָט געפעלט דער מאַנסבילישער כח וואָס זאָל אים פאַרהאַלטן.
ער איז אָבער סײַווי ווײַט נישט אַפּגעלאָפן. אין כענטשין האָט מען אים ווידער דערקענט. דערצו זײַנען עס געווען עטלעכע באַזונדערע מענטשן. אָנגעהויבן האָט זיך עס אויף דער גרויסער אסיפה. דער אלוף און קהלס פאָרשטייער ר׳ יצחק אײַזיק כענטשינער איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקו־מען פון דעם צוזאַמענפאָר וואָס דער ועד ארבע ארצות האָט אָפּגעהאַלטן אין פּילץ. דאָרט האָט זיך שטאַרק געקאָכט מיט עפּעס אַ גט אין ליסע, וואָס איז נישט גלאַטיק צוגעגאַנגען. רבנים האָבן זיך געעסקט, געפּלפּולט און

מען האָט געשמועסט, אַז דער גט־געבער אַליין איז געקומען אויפן „ועד״ מאָנען יושר ביַי די האָרן פון דער תורה. ר׳ יצחק אייזיק אַליין האָט דעם בעל דבר נישט געזען, אָבער אַנדערע האָבן אים דערציילט פון אים. ביַים צוריקקומען, האָט ער אויף דער גרויסער אַסיפה פון קהל דערציילט וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין פּילץ. אָבער אין מיטן זיַין דין וחשבון האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ הויכער מאַן און געבעטן אַ טובה. ר׳ יצחק אייזיק, אַ נח לבריות, האָט איבערגעריסן זיַינע רייד און יענעם אויסגע־הערט. דער פרעמדער האָט געהאָט אַ קליינע בקשה: ער דאַרף זיַין וואָס־פריער אין ליסע, נאָר ער האָט נישט אויף הוצאות־הדרך. היות ווי גאַנץ קהל איז דאָ פאַרזאַמלט בעט ער, אַז ר׳ יצחק אייזיק זאָל אים אין זינען האָבן...

אין ר׳ יצחק אייזיקס מח האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן. ער האָט באַלד אַ פרעג געטאָן בפני קהל ועדה דעם פרעמדן, אויב ער איז עס נישט אַמאָל דער יאַקאָב וואָס האָט געגעבן דעם ליסער גט. יענער האָט זיך באַלד מודה געווען און דערציילט פאַרן עולם וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער האָט דאָן נישט געהאָט קיין עצה. איצט איז ער אָבער באַוואָפנט מיט כתבים פון די גרעסטע רבנים און דערפאַר לאָזט ער זיך קיין ליסע אויסוויַיזן דעם אמת. עס איז דערפאַר אויך געווען קלאָר, אַז דאָס כענ־טשינער קהל קען צו אים קיין טענות נישט האָבן. זאָל ער אַליין גיין קיין ליסע און די דאָרטיקע חכמים ונבונים וועלן שוין איַינזען וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט אים.

די אַלע בריוו און זיַינע רייד האָבן געדאַרפט באַוויַיזן, אַז ער איז נישט דער אמתער מאַן פון דער ליסער עגונה. נאָר מיטן זעלבן פאַרשוין האָבן געטראָפן אין כענטשין באַגעגענישן וואָס האָבן באַוויזן דאָס פאַר־קערטע. אַזוי למשל האָט דער שמש און נאמן פון כענטשין, דער למדן ר׳ יוסף, בפירוש דערקענט דעם פרעמדן אַלס יאַקאָב פינער. ער האָט מיט אים אַפילו געשמועסט פון היימישע זאַכן, בעת ביידע זענען נאָך געווען חתן־בחורים. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז אין ליסע גופא וועט מען שוין קלאָר מאַכן דעם אמת און די בריוו פון אַזויפיל רבנים האָבן אויף אים אָנגעיאָגט אַ פחד. וויאַזוי קען ער זאָגן דאָס פאַרקערטע ווי זיי, הגם ער דערקענט אים?

אין דעם שטעטל גאַלין האָט דער פרעמדער געהאַט נאָך אַ שווערע באַגעגעניש. ער איז אַרײַנגעקומען אין אַ שטוב בעטן אַ נדבה און דאָרט אָנגעטראָפן אויף זײַנס אַ חבר פון ליסע, ר׳ ישראל דער זון פון ר׳ הירש רופא. זיי האָבן זיך געקענט נאָך פון קינדוויַז. בעת יאַקאָב איז אַרײַנגעקומען צום בעל־הבית זעליק קראַטאשינער בעטן אַ נדבה האָט ער ראַפּטום דערזען אַזאַ היימיש פּנים און עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו אַנטלויפן. ער איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו ר׳ ישראלן און אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם. נאָך איידער ישראל האָט געקענט עפּעס זאָגן האָט אים יאַקאָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עפּעס מײַן מרים?

ר׳ ישראל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג. פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט ער גענומען זידלען יאַקאָבן מיט די ערגסטע ווערטער:

— דו פרעגסט נאָך! דו ביזט שוין איינמאָל אַ היפּשער בעל־דבר! וואָס האָסטו דאָ אָנגעאַרבעט פאַר אַ מלאכה? מיר וועסטו דאָך נישט דערציילן ווער דו ביזט — הײַנט ווי קומט צו דיר אַ כּתב, אַז דו ביסט פון פּרעמיסלע? מיינסטו צו פירן אַלע חכמים אויף אַן אָפּגענאַרטן וועג?

יאַקאָב האָט זיך פאַרלוירן, אַוועקגעצויגן ישראלן אין אַ זײַט און אים באַשאָטן מיט רייד. זאָל ער אים נאָר נישט מאַכן קיין צרות. עס איז אים געגנוג ביטער אָנגעקומען ביז ער האָלט אַזוי ווײַט. ער האָט אָבער מרימען געמוזט באַצאָלן וואָס איר איז געקומען. ווייסט דען עמעצער, וואָס ער איז פון איר אויסגעשטאַנען? אויך דאָס כּתב קאָסט אים אַ מטמון, אָבער ס׳איז ווערט... דאָס וועט זײַן אַ מעסער פאַר מרימס לעבן — און זאָל עמעצער עס וואָגן אָפּצולייקענען!

דער בעל הבית פון הויז, זעליק קראַטאשינער, האָט בעיקר געוואָלט וויסן איינס: יאַקאָב אַליין קען דאָך נישט לייקענען, אַז ער איז פון ליסע. אַט זעען דאָך מענטשן! הײַנט וויאַזוי קען ער האָבן כּתוב וחתום אַ בריוו אַז ער איז אַ געבוירענער אין פּרעמיסלע? מען קען דאָך חלילה נישט חושד זײַן די דאָרטיקע רבנים און דיינים אין מאַכן פאַלשקייטן! איז דאָך אַ סימן, אַז דער יאַקאָב האָט באַוויזן אַ גרויסן שווינדל און אפשר

אַ כישוף גאָר... פאַרוואָס זאָל ער נישט דערציילן פאַר היימישע מענטשן וועגן זיין בריהשאַפט? ער, זעליק איז גרייט צו געבן אַ רענדל פאַרן הערן דעם אמת... אָט זענען מענטשן עדות דערפון!

יאַקאָב האָט זיך אָבער געאַײַלט. ער דאַרף וואָס פריִער זײַן אין ליסע. דערפאַר האָט ער זעליקן שאַרף אָפּגעפּאָרן:

— אויב אַלע זאָלן עס וויסן, פאַרוואָסזשע זאָל דער ליסער גט נישט טויגן?

און קיינער האָט נישט געקענט וויסן, אויב דאָס אַליין איז אויך נישט קיין ביטערער שפּאָס פון דעם משונהדיקן בעל דבר. האָט מען אים געלאָזט גיין זײַן וועג. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז דער יאַקאָב איז אַ גרויסער באַרימער. פון אַלע שטעטלעך אויפן וועג צו ליסע זענען אָנגעקומען בריוו, וואָס האָבן דערציילט, אַז דער בעל־דבר שטעלט זיך פאַר בײַ מענטשן מיט זײַן גרויסער חכמה. ער פּירט אַ גאַנצע וועלט פאַר דער נאָז! אין ליסע קענען זײַן שטאַרקערע פאַר אים, זיי קענען שלאָגן און פּייניקן — אָבער ער האָט אַ קאָפּ אויפן אַקסל! זיי מיינען, אַז מיט אַן אָרעמען מאַנספּאַרשוין קענען זיי טון וואָס זיי ווילן. אָבער ער וועט זיי באַווײַזן, אַז קעגן זײַן חכמה וועלן זיי קיינס גאָרנישט אויפטון...

פון די בריוו, וועלכע האָבן געגרייכט קיין ליסע, האָט קיין ספק נישט געקענט זײַן אַז דאָס האָט טאַקע דער משוגענער יאַקאָב גופא אונטערגעוואָרפן דאָס בריוול. ער אַליין האָט זיך באַרימט אין אַ דאָרף אַן אַ בית דין, אַז הגם מען האָט אים אין ליסע געשלאָגן — האָט ער נאָך אין זײַן לעבן נישט געהאַט אַזאַ הנאה, ווי בעת ער האָט אין ליסע געצאַפּט דאָס בלוט בײַ זײַן מרשעת... דאַרף מען נאָך האָבן בעסערע ראיות?

נאָר קיינער האָט פאָרט נישט געקענט אַראָפּנידערן צום סוף פון דעם משוגענעמס דעה. אָט האָט ער זיך יאָרן־לאַנג אויסבאַהאַלטן פאַר מענטשנס אויגן און געציטערט, אַז מען זאָל אין ליסע נישט וויסן ווו ער איז. צום סוף איז ער גאָר אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש. ער זוכט־אויף ליסער ייִדן אין דער פרעמד, גיט זיך זיי צו דערקענען און ער זידלט זיי, אויב מען גלויבט אים נישט אַז דאָס איז ער טאַקע. וואָס קען דאָ שטעקן? עטלעכע ליסער ייִדן האָט ממש מבייש געווען ברבים. זיי האָבן זיך שפּאַס געמאַכט פאַר מענטשנס אויגן און געזאָגט, אַז מרימס מאַן האָט אַן

אַנדער צורה... נו, האָט זיי שוין קיין צרות נישט געפעלט! דער פּאַר־שוין האָט וועגן זיי אָנגעגעבן אַזעלכע מינים סימנים פון אַמאָל, אַז דאָס פּנים האָט זיי גענומען פלאַקערן און זיי האָבן שוין מער נישט געקענט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

אין ליסע וואָלט מען זיכער געווען, אַז דעם משוגענעם איז נמאס געוואָרן דאָס זײַן נע־ונד און אַז ער וויל שוין דערפירן דעם ענין מיט מרימען צו אַ סוף. אויב ער גיט זיך צו דערקענען אין דער פרעמד, וועט ער אויך קומען קיין ליסע אַזוי ווי ער דערציילט עס אַלעמען. קען אַמאָל מרים געהאָלפן ווערן נאָך פריִער ווי זי האָט גערעכנט. אָבער אַ גרויסער פחד איז אָנגעפאַלן אויף דער קהילה בעת דער ליסער דיין און שליח צום ועד ארבע ארצות קיין פּילץ, ר׳ אברהם האָט איבערגעשיקט אַ בריוו אין וועלכן ער איז מודיע: אַ סך רבנים האָבן אים געפרעגט אַ האַרבע שאלה און ער האָט קיין תשובה אויף זייערע רייד נישט געפונען אין זײַן מויל. עס איז צו זיי געקומען אַ יונגערמאַן און געוויינט פאַר זיי, באשר ער איז אַ פּרעמיסלער קבצן וואָס איז אַרײַנגעפאַלן קיין ליסע. דאָרט האָט מען אים געשלאָגן און געבערענגט לידי נסיון, ביז ער האָט געמוזט גטן אַ פרעמדע אשה בכדי צו ראַטעווען זײַן לעבן. אַלס צייכן האָט ער באַוויזן אַ בריוו פון דעם באַרימטן גאון ר׳ יחיאל מיכל, וואָס איז אב בית דין און ראש ישיבה פון פּרעמיסלע. דער גאון זאָגט דאָרט בפירוש עדות, אַז דער באַזיצער פון דעם בריוו הייסט יאַקאָב קאַפּהאַן און איז דער זון פון דאָרטיקן בעל הבית ר׳ מנחם מאַן. דער זעלבער האָט אין פּרעמיסלע געגעבן אַ גט פאַר די אויגן פון גאַנץ קהל צו זײַן ווײַב רבקה און אַלע האָבן עס באַשטעטיקט. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, איז דער סופר פון דער אסיפה אין פּילץ געווען אַ פּרעמיסלער — און ער האָט געבעטן מען זאָל אים ווײַזן דעם פאַרשוין. ווי נאָר ער האָט אים אָנגעקוקט האָט דער פּרעמיסלער סופר געמאַכט אַ גרויס געשריי. ער האָט געוואָלט גיין שווערן בײַ אַ ספר תורה, אַז ער אַליין האָט פאַר דעם פאַרשוין געשריבן דעם גט אין פּרעמיסלער בית דין און ער איז אויך גרייט עדות צו זאָגן אונטער אַלע האַרבקייטן, אַז ער קען דעם בעל דבר זינט יענער איז געווען אַ קליין קינד...

וואָסזשע מישטיינס געזאָגט האָט שוין דער ליסער דיין געקענט

ענטפערן ? לכן, האָט ער געבעטן דעם ליסער בית דין, אַז מען זאָל גוט חוקר ודורש זײַן די זאַך און אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן אַזוי לײַכט פאַר־פירן פון מויל־קלאַנגען און גלאַט סברות, וואָס איינער זאָגט און דער צווייטער קומט דערמיט פאַרפירן אַ גאַנצע עדה... ר׳ אברהם האָט דערבײַ מודיע געווען, אַז ער פירט מיט זיך אַ כתב, וואָס דער פרעמיסלער סופר האָט אונטערגעשריבן מיטן גאַנצן האַרץ. ער איז דאָרט מוסר מודעה, אַז ער אַליין איז געווען דערבײַ בעת דער פרעמיסלער גאון האָט דעם זעלבן פאַרשוין אָנגעשריבן דעם בריוו. אַזוי אויך האָט ער געשריבן דעם גט פאַר דעם פאַרשוין, וואָס איז מפורסם אין גאַנצן פרעמיסלער געגנט פאַר אַ גרויסן לץ און שפּאַס־מאַכער. לכן, איז ער מתרה אַז דער דאָזיקער לץ קען אַמאָל פון ליצנותדיקער הנאה וועגן שפּעטער פאַרשפּרייטן קלאַנגען אַז ער איז אַ ליסער, בכדי אָפּצוחוזקן פון גאַנצע קהילות. פרעמיסלע האָט שוין נישט איינמאָל געהאַט אַזעלכע צרות פון אים. מען קען שיקן עדות קיין פרעמיסלע, זיי זאָלן זיך נאָכפרעגן; זיי וועלן דאָן הערן אַזעלכע מעשהס פון וועלכע די האָר אין קאָפּ וועלן בײַ זיי פאַרוואַנדלט ווערן אין טשוועקעס...

וואָסזשע קענען שוין געוויינטלעכע מענטשן וויסן ? און ווי שטאַרק קענען זיי זיך שוין פאַרלאָזן אויף די אייגענע אויערן אָדער אויגן ? אפשר איז ער טאַקע אַ פרעמיסלער ? און אפשר איז עס גאָר אַ שד, אַ מזיק וואָס קען זײַן ביידע צוזאַמען ? דער פרעמיסלער גאון שרײַבט נישט קיין כתבים גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. און מען שמועסט, אַז עס האָט נאָך נישט געטראָפן עמעצער זאָל אין אים מורד זײַן און דערנאָך זאָל ער מוציא שנתו זײַן... איז שוין גלײַכער צו האַלטן דאָס מויל און זען וואָס קלוגערע מענטשן וועלן דאָ באַווײַזן...

האָט יאַקאָב זיך אַליין געוואונדערט, וואָס מענטשן מײַדן אים אויס, הגם ער גיט זיי אָן אַלע סימנים.

— 3 —

זינט עס איז פאַרגעקומען די אסיפה פון ועד ארבע ארצות אין פּילץ, אין די טעג פון סיון שנת תקכ״ז (1767) האָט זיך די שמועה וועגן ליסער גט צעטראָגן איבער אַ האַלבער מדינה. ווו נאָר דער הויכער און בלאַסער

יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן און געוואָלט אַרײַנגיין צום רב — האָט אַלע־מען אַרומגעכאַפּט אַ ציטערניש אין די לענדן. אַלע האָבן טאַקע גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַרן באַרימטן ליסער בית דין. נאָר אויב עס זאָל אמת זײַן וואָס דער יונגערמאַן דערציילט איז עס רחמנא לצלן אַ צווייטע מעשה פּלגש בגבעה.

ער האָט אין פאַרשידענע שטעט געמאָנט מען זאָל זיך אָננעמען זײַן בזיון. אויסער דעם האָט ער געוויזן צייכנס פון בײַלן אויף זײַן גוף און ער איז גרייט געווען צו ברענגען רופאים, וואָס זאָלן באַשטעטיקן אַז פון די קלעפּ איז זײַן גוף שוין געשעדיקט געוואָרן אויף לאַנגע צײַטן. וויל ער מען זאָל אים באַצאָלן קנס פאַר נזק און צער, פאַר ריפּוי שבת ובושת. ער האָט באַוויזן זײַן קענטשאַפט אין לערנען און פאַרשטאַנען אַז בזמן הזה האָט קיינער נישט דאָס פולע רעכט אויפצונעמען אַזעלכע זאַכן. נאָר היות ווי ער איז אַ מר נפש און פון הימל האָט מען אים געשטראָפט, ער זאָל זײַן ברויט נישט קענען פאַרדינען מיט זײַנע הענט — מעג מען פאַר אים מאַכן אַן אויסנאַם. דערצו האָט ער דערציילט אַזעלכע זאַכן, וועגן דער פרעמדער אשה וואָס ער האָט געגעט, וועלכע מען וואָלט גאָר נישט געטאָרט אויסהערן צוליב אבק רכילות און לשון הרע. עס איז אָבער געגאַנגען אין דעם האַרבן ענין פון אשת איש און דערפאַר האָט מען געמוזט צווינגען אַן אויער און זיי אויסהערן.

דורך תנועות און רמזים האָט ער באַוויזן, אַז זי איז נישט געווען גאָר צניעותדיק, סײַ ווען זי איז געווען אונטער איר מאַן יאַקאָב און סײַ פאַר אים. וויאַזוי־זשע קען מען איר בכלל אָנטרויען, אַז זי וועט געהיטן זײַן איידער זי גייט חתונה האָבן? דער פרעמדער האָט געהאַלטן, אַז זי האָט אונטערגעשטעלט אַ חברה ריקים ופוחזים זיי זאָלן אים שלאָגן און פּײַניקן, ווײַל עס איז איר שוין נמאס געוואָרן דאָס זיצן אַליין. ער ווייסט נישט, וויאַזוי איר אמתער מאַן האָט אויסגעזען, עס קען אָבער מעגלעך זײַן אַז ער איז טאַקע צו אים ענלעך לויטן קול און געשטאַלט. אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך און דאָס האָט איר געקענט צוהעלפן אין אירע פּלענער. וואָס קען ער וויסן? דערצו איז איר מאַן אַוועק פון שטאָט ווען ער איז נאָך געווען אַן דער חתימה פון אַ באָרד און אירע פרײַנט האָבן זיך גע־קענט באַנוצן מיטן תירוץ, אַז די יאָרן האָבן אים געענדערט. ער ווייסט

דאָך אָבער דעם אמת, אַז ער איז פון פּרעמיסלע. פרעגט ער בלויז די מלכים פון דער תורה, אויב ער דאַרף צולאָזן דערצו, אַז אַן אשה זאָל חתונה האָבן מיט אַ פּסולן גט. דאָס דאַרף ער וויסן, בכדי זײַן נשמה זאָל בלײַבן ריין און ער זאָל נישט נוצן ווי אַ מכשול פאַר אַנדערע.

זײַנע טענות האָבן געמאַכט אַזאַ רושם, ביז טייל רבנים האָבן געוואָלט קריעה רײַסן. נאָך גוט, וואָס די אשה איז בין איצט געבליבן ליידיק פון אַ מאַן. זייער דרך־ארץ און מורא פאַר די ליסער גאונים האָבן זיי אָפּגעהאַלטן פון מאַכן אַ גרויסן רעש, בכדי חלילה נישט פּוגע־בכבוד צו זײַן קיינעם. זיי האָבן בלויז געבעטן דעם ליסער דיין, אַז ער זאָל אויפהאַלטן דער אשהס וואַרטן פונקט ווי זי האָט שוין געוואַרט דרײַ יאָר צײַט. אָבער נאָך איידער זיי זענען זיך צעפאָרן אין זייערע שטעט בכדי ווי געהעריק מעיין צו זײַן אין די פּוסקים, האָט זיך שוין דער שם פון דעם פּילצער צוניפטרעף געטראָגן איבער די מדינות, דער יונגערמאַן אַליין האָט אַלץ געטון, אַז דער ענין זאָל מפורסם ווערן.

לומדים אין פאַרשידענע שטעט האָבן דערווײַל געהאַט מיט וואָס זיך מפלפל צו זײַן. זיי האָבן גאָר אַרײַנגעקלערט אויב עס איז מעגלעך, אַז צוויי מענער זאָלן לעבן אין איין גוף. אַנדערש איז דאָך נישט מעגלעך אַז איינער פון אַזעלכע צוויי גאונים, ווי ר׳ פּייוויש פון ליסע אָדער ר׳ יחיאל מיכל פון פּרעמיסלע, זאָל קענען חלילה באַגיין טעותים. און נאָך האָבן זיי געקלערט: אויב על פּי קבלה זאָל אַזאַ מין זאַך מעגלעך זײַן, וויאַזוי דאַרף זײַן דער דין, ווען אַזעלכער זאָל האָבן צוויי פרויען? דערצו האָבן שוין אַנדערע געחקרנט, אויב אַזעלכער קען בכלל אַרײַנגענומען ווערן אינעם כלל פון „איש״ אָדער נישט. עס קען גאָר זײַן, אַז אַזעלכע קענען גאָרנישט אסרן זייערע נשים צו דער וועלט אפילו דורך חופּה וקידושין. דערבײַ האָט מען זיך שוין דערציילט שוידערלעכע מעשהס וועגן אַ גאָלדשמידט, וואָס האָט אין די צײַטן פון זאַמאָשטשער בעל שם טוב ר׳ יואל געהאַט קינדער מיט אַ שדית און וויאַזוי דעם אר״י הקדוש׳ס תלמיד האָט אַמאָל מקדש געווען אַ פינגער, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דער ערד און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַ שדית האָט אים גענומען האַלטן ווי איר אַ מאַן דורך קידושין — — —

די אַלע פּשטלעך זענען נאָר געמאַכט געוואָרן צו שאַרפן דעם שכל

אין הלכה. דעם דין האָבן זיי סוף כל סוף נישט געקענט רירן פון אָרט און דער גט האָט זיך ווײַטער געהאַלטן אין זײַן פעסטקייט. אָבער דאָס בלויזע חקירהן זיך האָט געמאַכט שווערער דעם פרעמדנס גאַנג, טייל האָבן זיך געשראָקן מיט אים אַ וואָרט אַרויסצורעדן און אַנדערע האָבן געמוזט האָבן אַ שטאַרק האַרץ, בכדי זיך צו דערנענטערן ביז צו אים. די מיטלמעסיקע לײַט האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האַרץ טאָר גאָר דעם מאָל נישט אויסזאָגן אַז מען טראַכט פון אים. דאָך האָבן זיך געפונען אַזעלכע אומגעדולדיקע וואָס האָבן שוין געוואָלט, אַז ער זאָל האָבן אַדורכגע־שפּרײַזט זייער שטאָט און דערבײַ זאָל מען אים פאַרגנבעטערהייט קענען אָנקוקן. סך הכל קען מען אַזאַ מין שד זען איינמאָל אין דורות. חדר־יינגלעך האָבן זיך שוין אַפילו באַצײַטנס אַרײַנגעגנבעט אין בית המדרש אָדער אין די הקדשים, בכדי נאָכצוזען אויב איינער פון די אָרעמעלײַט גייט נישט אַרום אין זײַנע גרויסע שטיוול אויף הינערשע פיסלעך. אין יעדן אורח, האָט מען אָנגעהויבן חושד צו זײַן אַז פאַר ליסער לײַט איז ער יאַקאָב פינער — און פאַר פרעמיסלער איז ער דער לץ קאָפּהאָן.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט יעדער שטאָט קען זיך אויף אים דערוואַרטן. ער האָט זיך טיילמאָל אויסגעזוכט באַהאַלטענע און פאַרוואָרלאָזטע שטעגלעך דורך וועלכע ער האָט געמאַכט זײַן גאַנג. מען האָט געשמועסט אַז טיילמאָל שפּרײַזט ער טאָג און נאַכט דורך די וועלדער און אַז מען דאַרף פליט ער אַ שטיקל וועגס אין דער לופט, בכדי ניט מיד צו מאַכן די פיס. ער וואָלט שוין לאַנג אפילו געקענט זײַן אין ליסע, נאָר ער מוז אָפּטרעטן אין אַ סך ערטער, ער דאַרף אויסגעפינען ברעקלעך פאַר זײַן תיקון. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט באַווײַזן, אַז דער בעל דבר האָט גאָרנישט קיין מורא פאַר די אַלע סכנות וואָס לויערן אויף געוויינטלעכע יידישע וועגס־גייער...

האָט אים אַליין שוין אָנגעהויבן צו נמאס ווערן דאָס גיין איבער שטעט דורך מויערן פון פחד און נײַגער. אַפילו אין די היימישע שטעטלעך ווו מען האָט אים געקענט — האָט מען אים קוים אָפּגעשטעלט און אויס־געהערט. די מענטשן האָבן אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז ער איז אַ לעבעדיקער מענטש וואָס דאַרף עסן און שלאָפן. אַפילו שטאַרקע הערצער האָבן אים נאָך צוגעוואָרפן אַ לאַבן ברויט און געלאָפן ווײַטער. דערפאַר איז אים

אַליין אויך דערעסן געוואָרן צו דערציילן אַלעמאָל די זעלבע מעשה, כאָטש פריִער האָט ער דערפון געהאַט אַזאַ גרויסע הנאה. ער האָט שוין געוואָלט זײַן וואָס שנעלער אין ליסע און זען וואָס זײַן גאַנג איבער דער מדינה האָט דאָרט אָנגעמאַכט און וויאַזוי מרים לעבט דאָס אַלץ איבער אויפן אייגענעם קאָפּ.

איין זאַך האָט אים בלויז שטאַרק הנאה געטון אין דעם גאַנצן טומל. אַפילו די וואָס האָבן מיט אים זיך אויסגעטענהט געגנוי, האָבן אויך מורא געהאַט דערנאָך אַרויסצוזאָגן זייער קלאָרע מיינונג, ווער וויל עס אַרײַנשטעקן זײַן קאָפּ צווישן צוויי בערג? אַ סבֿרא, אַז אין ליסע גופא טוט זיך חושך. דערפֿאַר האָט ער זיך גענומען שלײַכן איבער קליינע דערפלעך, געמאַכט אומוועגן און אפילו פאַרבלאָנקעט גאַנץ אָפט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אויך דאָס האָט אים הנאה געטון, נישט בלויז צוליב דער לוסט פון וואַנדערן אָן אַ זין און וויסן אַז אַ גאַנצע וועלט פאָרשט פלוצים נאָך זײַן יעדן טריט. קאָפּהאָנס תורה האָט צענומען זײַנע געדערים און ער האָט אין גרעסטן הונגער זיך טיילמאָל שפּאַס געמאַכט. טייל מענטשן, וואָס האָבן אים געפרעגט ווו ער גייט האָט ער גאָר געענטפערט, אַז ער גייט קיין פּרעמיסלע ווײַל ער האָפט נאָך צוריקצונעמען זײַן אַמאָליקע גרושה... וואָס מיינען זיי דאָרט אין ליסע? האָפן זיי דען, אַז די הנאה פון זייער דערוואַרטונג וועט זיי לײַכט אָנקומען? ער איז מחוייב זיך צו באַווײַזן פאַר זיי, בכדי וואָס פריִער אײַנצושטילן זייער צאָרן? זאָלן זיי זיך אויך ברעכן אַביסל דעם קאָפּ!

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך גענומען האַלטן פאַר אַ בר־מזל. נאָך אין פילץ האָט מען בײַ אים געבאָרגט דאָס פּרעמיסלער כתב און דער פינקטלעכער סופר פון פּרעמיסלע, ר׳ ירמיה האָט דערפון אָפּגעשריבן עטלעכע קאָפּיעס. יאַקאָב האָט דאָרט פאַרזיכערט, אַז סײַווי גייט ער קיין ליסע און וועט דאָרט באַווײַזן דאָס אמתע כתב. ר׳ ירמיה האָט עדות געזאָגט אויף זײַן אמת. דערפאַר האָט מען פאַרשפּאָרט די הוצאות וואָס שליחים קיין פּרעמיסלע וואָלטן געקאָסט, בכדי אויסצופאָרשן אויב דאָס כתב איז נישט געפעלשט. דערצו האָט געטראָפן אַזאַ נס און דער ליסער דיין, ר׳ אברהם בר׳ יאָסקע האָט אים דערקענט בעת ער האָט געשמועסט מיטן פּרעמיסלער סופר. דער ליסער דיין האָט זיך דערפון געפילט אַזוי

צעבראָכן, אַז ער האָט זיך געשעמט דעם יאַקאָב צו קוקן אין פּנים אַרײַן...
איז ער געוואָרן מוראדיק זיכער אין זיך, דער יאַקאָב און דאָס הארץ איז אין אים געוואקסן ווי סנדיק, אַז אין ליסע קוקט מען זיך אַרויס די אויגן אויף אים. ער וואָלט אַפילו געקושט דעם ר׳ ירמיהו דערפאַר וואָס ער האָט אים געמוסרט פאַרן ליסער דיינס אויגן:

— דו זעסט ווי איך זאָג עדות אויף דײַן אמתדיקייט? אָבער געדענק, אַז מען וועט דיך פאַרשעלטן אויף אַלע עולמות, וויבאַלד דו וועסט זיך אָנגעבן פאַר אַ צווייטן מאָן, אַזוי ווי דו פלעגסט זיך אַלעמאָל נוהג זײַן אין פּרעמיסלע! ס׳איז דאָך שומו שמים, וואָס דו קענסט נאָך אָנמאַכן מיט דיין ליצנות...

ר׳ אברהם האָט געבעטן דעם פּרעמיסלער סופר אַז ער זאָל אים בײַהילפיק זײַן מיטן ראַטעווען זײַן קהילה פון אַ מכשול. יאַקאָב האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט בקרוב קומען קיין ליסע און מיט זײַן הילף מברר זײַן דעם גאַנצן אמת. נאָר ערשט ווען ער האָט געשפּרײַזט אויפן וועג האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פּריילעכער צאָרן: וואָס איז דאָס געאײַל? זאָלן זיי דערווײַל דאָרט נישט וויסן אויף וועלכער וועלט זיי זענען! פאַר זײַנע פופציק דוקאַטן מעג ער זיך נאָך אַביסל אויסרוען, איידער די פּלייצעס וועלן גרייט זײַן צו באַקומען ווײַטערדיקע קלעפּ.

אין זײַן גאַנג האָט ער קודם כל געדאַרפט קלאָר מאַכן, וואָס ער פאַרלאַנגט אייגנטלעך און וויאַזוי ער דאַרף צו טענהן. קאַפּהאָן איז שוין ערגעץ ווייט און ער האָט נישט ביי וועמען צו פרעגן קיין עצות. ער האָט טאַקע בײַ אַלעמען צעטומלט די מוחות, אָבער בײַ זיך אַליין איז ער אויך נישט קלאָר. די פאַרלאַנגען זײַנע זענען זיך נאָך אַלץ סותר און זײַן שכל איז נאָך אַלץ צו קורץ פאַר די חכמים ונבונים פון ליסע. מוז ער געהיטן זײַן מיט רייד און ער מוז אַלצדינג צוגרייטן בײַ זיך אין דער מחשבה. טיילמאָל איז אים אַפילו באַפאַלן אַ חרטה אויפן גאַנצן עסק. צופיל פלאָנטער פאַר איין מענטש. נאָר אַז ער האָט עס שוין אָנגעהויבן, מעג ער עס דערפירן ביז אַ סוף און דערווײַל נקמה נעמען וויפל עס לאָזט זיך... זיי וועלן נאָך אָפּוועגן יעדעס וואָרט זײַנס מיט גאָלד צוגלײַך! און דערנאָך זאָלן זיי וויסן, אַז דעם יאַקאָב וואָס אַלע האָבן

פאַרשעמט קען מען נישט מנצח זײַן אַפילו אין די שווערסטע מלחמות. נאָר ווו נעמט מען כח דערצו ?

יאַקאָב האָט אײַנגעזען, אַז ער דאַרף גיין געלאָסן. ער דאַרף מאַכן איין טריט פאָרויס און צוויי טריט צוריק. קען זײַן אַז קאַפּהאָן זאָל אים גאָר פאַרלויפן דעם וועג, ווי ער האָט עס אים געהאַט צוגעזאָגט. און אויב נישט — מוז ער דערוויַיל אַליין טראַכטן, ישובן זיך און האָבן אַלצדינג קלאָר אויף דער האַנט איידער ער גייט אַרײַן אין די ליסער טויערן...

און יאַקאָב אַליין האָט זיך דערנאָך געוווּנדערט, וויאַזוי ער האָט געקענט בײַם אָנקומען קיין ליסע צוטראַכטן אַזוינס, וואָס די גרעסטע חכמים מיט די שאַרפסטע קעפּ האָבן עס נישט געקענט אָפּווענדן. זעט אויס, אַז ער אַליין האָט נישט געוווּסט וואָס אין אים שטעקט. דערפאַר האָט ער זיך אָנגעמאַכט אַזעלכע צרות פון וועלכע ער קען שוין דאָס גאַנצע לעבן נישט אַרויס.

דאָס וועט מאָרגן וויסן ר׳ לייב. דערפון וועט נאָך הערן גאַנץ ליסע און דערנאָך די גאַנצע וועלט. און דערפון וועט אויך מרים רײַסן זיך די האָר, פאַרוואָס זי האָט אים געטריבן.

קאַפּיטל פערצן

— 1 —

מרים איז געווען פון די לעצטע, וואָס האָבן זיך דערוווּסט אַז יאַקאָב איז דאָ אין ליסע. ער איז אָנגעקומען פאַרטאָג און די מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרהאַלטן, האָבן אים מער אויסגעפרעגט דאָס וואָס זיי אינטערע־סירט, איידער וועגן די זאַכן וואָס זענען איר נוגע. אין יענעם טאָג איז זי אַביסל מיד געווען און ערשט דער פאָטער מיט זײַן ווײַב האָבן זי אַרויסגעריסן פון שלאָף. ר׳ לייב האָט איר בלויז אַ וואָרף געטון די ידיעה, אַז איר תכשיט געפינט זיך אין שטאָט און דערנאָך איז ער ווײַטער געלאָפן. דאָס האָט ער אים קודם כל געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן

און אויך געפינען עטלעכע שטאַרקע לײַט, וואָס זאָלן זיך נישט שרעקן אים צו פאַרהאַלטן.

מרים אַליין איז אַזוי שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, אַז אירע הענט צוזאַמען מיט די ווערטער אין מויל האָבן זיך געטרייסלט. אנשטאָט צו לויפן מיטן פאָטער צוזאַמען און שרײַען איבער די גאַסן, איז זי געבליבן אויפגעזעצט אין איר בעט און נישט געהאַט קיין כח זיך צו רירן. זי האָט אַפילו נישט געהערט פון גרויס צעהושטקייט וואָס זי האָט געזאָגט דער צעהיצטער שטיפמאַמען. דוכט זיך, אַז זי האָט גאָר געוואָלט רו׳ק זײַן, געבעטן זיך:

— נישט שלאָגן... נאָר געלאַסן... אפשר וואָלט מען געפּרוווט מיטן גוטן?

נאָר וואָס אַזעלכעס מען קען דאָ פּרובירן מיט גוטן האָט זי אַליין נישט געוווסט, אָדער נישט געוואָלט מען זאָל וויסן. ערשט ווען די גרושה איז נאָכגעלאָפן דעם פאָטער האָבן מרימען באַשלאָגן קאַלטע אַנגסטן און זי האָט נישט געוווסט, וואָס זי דאַרף איצט טון. זעט אויס אַז די יאָרן פון וואַרטן האָבן אין איר אַרײַנגעבראַכט אַ שטיק משוגעת. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר צעטומלטקייט האָט זי זיך גאָר געזען שטיין ביים אָפּגעבראָכענעם שפּיגל. אָן מחשבות האָט זי זיך געקעמט די האָר און דערבײַ פאַרטראָגן געשמייכלט. וואָס טוט עס איר אַזאַ הנאה? איז עס בלויז דערפאַר, וואָס ער איז געקומען און מען וועט בײַ אים אַרויס־פּרעסן אַן הסכמה אויפן גט? אויב אַזוי, דאַרף זי אַרויסלויפן מיט צע־שויבערטע האָר, אַן אָפּגעריסענע און צעקנייטשטע. דערמיט וועט זי יעדן איינעם ווײַזן איר אומגליק, לאָזן דורך איר צעפּלאָשעטקייט זען די מענטשן וואָס דער רשע האָט פון איר געמאַכט און זייער רחמנות זאָל זיך דערוועקן. דערמיט וואָלט זי אפשר מער געפּועלט ווי דער פאָטער. אויסער דעם וואָלט דער משוגענער תם אפשר פאַרלוירן זײַנע חפציות צו איר און עס וואָלט אים מער נישט געווען קיין שאָד זי צו פּטרן. נישטאָ וואָס אומצו־ברענגען זיך צוליב אַזאַ מציאה!

זי איז אָבער נישט געלאָפן מיטן געוויין און מיט די פּײַנען פון פאַרוואָרלאָזטע נעכט אויף איר יונג פּנים. אַ שטאַרקער כח האָט זי צוריק־געהאַלטן, איר אַרײַנגעזאָגט אַז זי מוז זיך גאָר אויספּוצן, פאַרקעמען און

שיין מאַכן איר גאַנץ אויסזען נאָך מער ווי אַ גאַנץ יאָר. אַ טייל פון אירע געדאַנקען האָט בײַ איר געשריגן אין מח, אַז עס טויג נישט אַזוי. דאָס וועט געבן שטאָף פאַר אַ סך מענטשן צו רעדן וועגן איר זאָרגלאָזער פריילעכקייט און זיי וועלן האַלטן, אַז זי קען זיך אַליין באַשטיין איר שטעטל. נאָר שטאַרקער זענען פאָרט געווען די מחשבות, וואָס האָבן דערוויַל געהאַט סודות מיט איר קלאַפּנדיק האַרץ. זיי האָבן איר געזאָגט, אַז זי טאָר זיך נישט באַווײַזן מיט אַ מטורפדיק אויסזען. אויגן וועלן אויף איר קוקן, מענטשן וועלן זי זען. קען זײַן, אַז אויך מיט אים וועט זי זיך צוזאַמענטרעפן און עס איז בעסער אַז זי זאָל זיך האַלטן ווי עס פּאַסט אַ מרים בת ר׳ לייב. זי טאָר זיך נישט אײַלן, דווקא ווײַל איר געדולד גייט אַרויס פון אַלע גרענעצן און זי וויל אים אַזוי שטאַרק זען... זי וויל!

נאָר וואָס־לענגער זי האָט זיך נישט געוויזן אין דרויסן, אַלץ מער האָט עס געצויגן מענטשן צו איר שטוב. עס האָט זיי אַריינגעבערענגט אין שטוינונג: די גאַנצע שטאָט קאָכט און זי זיצט גאָר אין שטוב! וואָס קען דאָ זײַן? ווייסט זי נאָכנישט? אויב אַזוי, פאַרוואָס לויפט שוין דער אַלטער ר׳ לייב אַרום מיט צעפּלויגענע פּאָלעס? האָבן מענטשן זיך מטריח געווען, אַנגעקלאַפּט אין איר צוגעמאַכטער טיר, בכדי איר אָנצוזאָגן די גוטע בשורה און טאַקע זען וויאַזוי זי נעמט אויף די נײַעס. קיין סך איז אָבער נישט געווען צו זען. מרים האָט בלויז אַרויסגעענטפערט דורכן שליסל־לאָך, אַז זי קען איצט קיינעם נישט זען... קיינעם נישט!

האָבן די בשורה־ברענגער אָפּגעטרעטן און באַוואונדערט איר כח. זי ווייסט, אַז זי וועט איצט אויסברעכן אין געשרייען. דערפאַר וויל זי זיך נישט מבזה מאַכן פאַר קהל ביז זי וועט זיך אָביסל באַרויִקן. אַ חכמה פון אַן אשה! נישט אומזיסט איז דער יאַקאָב אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט.

עס האָט אָבער אויסגעזען אין דער ערשטער מינוט, אַז דאָ וועט סײַווי קיין שום מי נישט נויטיק זײַן און דער גאַנצער ר׳ לייב מאַכט אַן מער רעש ווי עפּעס. פאַר אַנדערע איז אַפילו חשוד געוואָרן, וואָס באַלד אין דער ערשטער מינוט האָט יאַקאָב אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט בדעה זיך אַליין צו פאַרלייקענען. דער פריִערדיקער האָט זיך לאַנג געלאָזט

בעטן און פּײַניקן ביז ער האָט זיך מודה געווען, בכדי דערנאָך ווידער צו לייקענען. אָבער דער איצטיקער האָט זיך אַרומגעדרייט, געלאָזט זיך פאַרבעטן צו ייִדן אין די שטובן און געשמועסט מיטן עולם אַזוי ווי ער זוכט גאָרנישט צו דערוועקן קיין ספק דערין ווער ער איז. זעט אויס, אַז די אַלע שרעקלעכע מעשהס וועגן אים האָבן אויסגעקלערט סתם ווערעמדיקע מײַלער. ער האָט אַפילו נישט געפּרוווט דערמאָנען, אַז ער האָט אַמאָל געוואָלט אָנגיין פאַר אַן אַנדערן. דאָס האָט דעם עולם אַזוי שטאַרק דערמוטיקט, ביז טייל האָבן באַשלאָסן מיט אים צו רעדן אָפענע דיבורים.

דער ערשטער האָט עס געפּרוווט טון ר׳ דוד שוחט. ער האָט אים אַרײַנגעבעטן צו ר׳ לייב חזן אין שטוב אַרײַן און בײַ דער סאַמע שוועל אים גענומען באַשיטן מיט שטראָף־רייד: עס איז עפּעס נישט שײַך... אַזוי טוט נישט קיין מענטש וואָס האָט מורא פאַר גאָט! ווי קען מען עס נעמען אַזאַ יונגע פרוי און איר אויסנאָגן דאָס ביסל לעבן? יאַקאָב האָט אים אָבער נישט געלאָזט רעדן ווײַטער. ער האָט איבערגעריסן ר׳ דודן בײַם סאַמע אָנהייב און עס איז קענטיק געווען, אַז הײַנט וועט ער קיינעם קיין ענטפער נישט שולדיק בלײַבן:

— אַלע זענען אַזוי פרום בלויז פאַר אירעטוועגן... א י ר טוט מען עוולות און ז י פּײַניקט מען... און וואָס איז מיט מיר? ווען איר זאָלט וויסן וועלכע מעשים זי האָט מיר אָפּגעטון אין דער נאַכט פון איר טבילה בלויז — וואָלט איר זיכער געגאַנגען זי אויסשטראָפן איידער מיך. ווער וואַלגערט זיך דען אויף דער וועלט: איך אָדער זי?

און דערבײַ האָט ער אָנגעהויבן דערציילן מעשהס פון וועלכע אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. ערשט יאַקאָב אַליין האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון פריילעכערע זאַכן. ער האָט דערמאָנט דעם חזן וויאַזוי ביידע זענען אַמאָל יונג געווען. שאַ, ער מיט מרימען זענען דאָך ווי חתן־כלה געקומען צו ר׳ לייב חזנס שאַך־מאָל? דערמאָנט ער זיך? דער חזן האָט זיך אַזוי צעוואַרעמט פון די זכרונות, אַז ער האָט מער נישט געוואָלט אַוועקלאָזן יאַקאָבן פון זיך. עלעהיי אַ גאַסט איז געקומען אויף אַ פּאָר טעג. טאַקע צו ר׳ לייב חזן אין שטוב אַרײַן האָבן זיך אַרײַנגעריסן יאַקאָבס מוטער מיט דער שוועסטער און זיך צעקושט מיט אים. אויך מיט

זיי האָט יאַקאָב גערעדט וועגן אַזעלכע סימנים, וואָס קענען קיינעם נישט באַקאַנט זײַן אויסער אים.

איבער דער צײַט האָט מרימס שטיפמאַמע אויך נישט גערוט. זי איז אַוועק צו איינעם פון די חשובסטע ייִדן אין שטאָט, ר׳ נחום בארנעס און זיך בײַ אים געבעטן רחמים:

— ר׳ נחום... איר קענט דאָך אים פון קליינווײַז אויף און איר האָט זיך מיט אים גוט געהאַלטן... טאָ פאַרוואָס זאָלט איר נישט גיין מיט אים אַ שמועס טון? איר וועט אים זיכער דערקענען!

אָבער אויך ר׳ נחום בארנעס האָט מיט אים נישט געדאַרפט לאַנג האַרעווען. ווי נאָר ער האָט גענומען אַריבערשפּרײַזן דעם חזנס שוועל איז אים יאַקאָב אַנטקעגנגעקומען: שלום עליכם, נחום!

דער קלוגער ר׳ נחום האָט אים דווקא געוואָלט אויספּרוּוון. דערפאַר האָט ער זיך געמאַכט ווי אַ פרעמדער און זיך מכלומרשט געוווּנדערט: וויאַזוי דערקענט איר מיך? דאָס האָט יאַקאָבן פאַרדראָסן. ער ווי͏ל זיך דערפרייען מיט אַ היימישן פון אַמאָליקע יאָרן — און יענער בלאָזט זיך גאָר, מאַכט זיך נישט דערקענען! ער האָט דערפאַר באַרנעסן גענומען באַוואַרפן מיט רייד:

— אַלץ הייסט דערקענען! איך וועל אײַך אַפילו געבן סימנים: איר האָט חתונה געהאַט בעת איך מיט מרימען זענען געווען חתן־כלה, טאַקע ערב אײַער חתונה האָט זיך אונדז פאַרוואָלט טרינקען ביר. זענען מיר ביידע אַוועק צו דער אכסניה, וואָס שטייט הינטער דער שטאָט. דאָס איז געווען בײַ פּין, ווײַל איר זענט אַ חתן געוואָרן פון מײַן שטאָט. איך וויל אײַך דערמאָנען נאָך עפּעס: מיר זענען אַמאָל געפאָרן צוזאַמען מיט מיין שטיפטאַטנס משרתים, ביז מיר זענען געקומען קיין גריידיץ. איך האָב אַמאָל ליב געהאַט גוט צו עסן. האָב איך געוואָלט, אַז דער גריידיצער בעל אכסניה זאָל פאַר אונדז אָפּקאָכן אַ מאַלצײַט מיט פליישׂ. אָבער מער ווי געטריקנט בשר האָבן מיר דאָרט נישט געקריגן. געדענקט איר?

אַ שאלה צי נחום האָט געדענקט! ער האָט דעם בעל דבר נאָך באַקענט בעת ער האָט זיך געחתנ׳ט אין פּין. ביידע האָבן נישט פײַנט געהאַט קיין פריילעכע כוסה און בכדי נישט צו שפּאָט זײַן אין לײַטנס

אויגן, זענען זיי געגאַנגען אויפן פונאַנדערשייד פון די וועגן טרינקען דאָס מחיהדיקע ביר. הײַנט דאָס עסן אין גריידיק! אפילו דאָס בשר יבש האָט דאָך געהאַט טויזנט טעם! און איצט איז עס דער זעלבער יאַקאָב אויסן אויג!

נאָך אַז יאַקאָב אַליין דערמאָנט עס, איז אַ סימן אַז ער וויל זיך גאָרנישט מער פאַרשטעלן. האָט ר' נחום געעצהט ר' לייבס ווײַב, אַז זי זאָל נישט אָנמאַכן קיין וויינט. נישטאָ בײַ וואָס. אויך בייניש, דער תפיסה־שומר און פורים־שפּילער איז געקומען צו לויפן. ער האָט אָבער נישט באַוויזן אַרויסצורעדן דאָס ערשטע וואָרט, ביז יאַקאָב האָט אים דערמאָנט אין זײַן אַמאַליקער גדולה. אַי, וואָס פון דעם בייניש איז געוואָרן! אַמאָליקע יאָרן איז ער נאָך געווען ביי די כוחות. דערפאַר האָט ער פורים געפּלעגט רײַטן אויף אַן אמתן סוס... דאָס פּנים האָט ער גע־האַלטן אויסגעדרייט צום פערדס זנב און אין פּה האָט ער געהאַלטן אַ פּאָסט־הארן... אוי, זענען דאָס געווען פריילעכע צייטן! נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז הײַנט איז אַלצדינג נאָכגעמאַכט. בייניש אַליין מוז זיך שוין צופרידנשטעלן מיט אַ פּאַשקוויל פון אַ פערד, וואָס ער אַליין שניצט זיך אויס... הוילע האָלץ! נו, צו אַן אמת פערד דאַרף מען האָבן כח... און ווו זאָל אים האָבן אַזאַ אויסגעמאַרעטער שומר בײַ ליסער קהל?

בייניש דער כעסן האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס דער שנאָרער לאַכט פון אים אָפּ און רעדט אַזוי ברייטלעך פון זײַן געפאַלענער גדולה; אָבער יאַקאָב האָט אים תיכף אײַנגענומען. ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל קומען צו אים און דאַן וועט ער אים געבן אַביסל מעות, גלײַך ווי יעדער בעל הבית פון ליסע. ווער האָט אים דען געזאָגט אַז יאַקאָב האָט נישט? אַזאַ יצר הרע האָט בייניש, דער מטופל מיט ווײַב און קינדער, נישט געקענט בײַשטיין. דערפאַר איז ער שוין זיצן געבליבן אַ רויקער. נאָר דער ווײַסטער לץ האָט זיך דווקא פאַרלייגט אָפּצועסן ביי ביינישן דאָס האַרץ. ער האָט אים דערמאָנט אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פאַרן לאַכעדיקן חזן. דער שלימזל און

הײַזער־גייער האָט דווקא איצט געהאַלטן פאַר זײַן חוב צו דערמאָנען, אַז דער גאַנצער בייניש איז אַ לאַ־יוצלח. אדרבא, ער וועט אים טאַקע דערמאָנען אַ מעשה... וואָס קאָכט ער זיך ?

און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו די מעשהס וואָס יאַקאָב ווייסט וועגן יעדן איינעם אין ליסע האָט גאָרנישט קיין שיעור און קיין עק.

— 2 —

וואָס ער האָט עס אויסגערודערט ! אָט למשל האָט בייניש אים געוואָלט דערמאָנען אין זײַן הילפלאָזיקייט און דערפאַר געשמועסט וועגן ר׳ נחס עשירות. איז דער יאַקאָב גאָר דערפון נישט אויפגעשפּרונגען. ער האָט געלאָזן אויפגענומען דעם שמועס און דורך דעם ווידער אַרײַנגע־ברענגט ביינישן אין אַ טומל. צו אַלע פּרנסות זײַנע איז בייניש אויך געווען אַ קלעזמער אויף נגידישע חתונות. טיילמאָל האָט מען אים אַפילו אַרויסגערופן אויף שמחות אין די אַרומיקע שטעט. דאָס זעלבע האָט אַמאָל פּאַסירט ווען ר׳ נח האָט חתונה געמאַכט זײַן טאָכטער מעמקע, וועלכע ער האָט געהאַט מיט יאַקאָבס מוטער. האָט זיך יאַקאָב בלויז דערמאָנט אַ קלייניקייט פון יענער צײַט, ווען בייניש איז געקומען לוסטיק מאַכן :

— דו געדענקסט, בייניש, ווען דו האָסט געגעסן הערינג מיט ר׳ משה פּײַוולס אויף מײַן שוועסטערס חתונה ? איך האָב דיר דאָן אונטער־גערוקט צום הערינג אַביסל שמן זית צוזאַמען מיט ציבעלעס און עסיק...

בײַ ביינישן האָבן זיך שוין צעגלאַנצט די אויגן פון הנאה. ער האָט אים פאַרט דערמאָנט אין אַ גוטער סעודה, דער אורח ! אָבער האָט אויך דאָ געהאַט אַ כוונה פון אים אָפּצולאַכן :

— נאָר איינס צום צווייטן האָט נישט. דו מעגסט טאַקע האָבן געגעסן הערינג מיט שמן זית, ביזטו אַ שוטה, אַז ס׳גייט דיר אויס דאָס חיות... דו ווייסט שוין וואָס איך מיין, בייניש ! זאָלן אַלע הערן ווי גרויס נאָר דו ביסט ! די אַנדערע קלעזמער, וואָס זענען מיט דיר געווען אויף מײַן שוועסטערס חתונה, האָבן געוווסט אַז ר׳ נח איז נישט פון די וואָזשנע נותנים און אַז ער קען זיי דערנאָך לאָזן אַהיימפאָרן מיט ליידיקן. וואָס איז ? זיי האָבן נישט גענוג געפרעסן און געהוליעט אויף זײַן חשבון ?

האָבן דען די בעלי בתים זיי נישט געגעבן קיין מטבעות בײַם אָפּשפּילן לכבוד זיי אַ ניגון? זיי האָבן געקענט דעם נחן מיט זײַנע תירוצים און דערפאַר האָבן זיי זיך שטילערהייט אַרײַנגעכאַפּט צו אים אין דער סחורה־קאָמער און זיי האָבן גענומען אַ פּאָר פעלן אַלס משכון. וועט ער באַצאָלן פאַרן שפּילן אויף דער חתונה, איז מה טוב... אלא נישט? וועלן זיי שוין וויסן וואָס צו טון. מיט קלעזמארים שפּילט מען זיך נישט... בלויז דו, נאַרישער בייניש האָסט געציטערט פאַר ר׳ נחס בליק... דו האָסט אים געחנפעט און געזאָגט, אַז דו וועסט אים אַפּילו טרויען אַ קאָמער מיט גאָלד. וואָסזשע איז געוואָרן דער סוף? בלויז דו איינער ביזט געבליבן אין דרויסן. איך האָב דיך געוואָרנט שטילערהייט, נאָר דו האָסט מיך נישט געפאָלגט. פאַרוואָס האָסטו נישט געכאַפּט גלײַך מיט אַלעמען? ווען דו זאָלסט געווען כאַפּן, וואָלסטו אויך געווען געהאַט! איצטער, אַז איך וועל דיך רופן צו די דיינים בכדי דו זאָלסט עדות זאָגן וואָס פאַר אַ פאַרשוין דער נח איז, וועסטו נישט גיין... וועסט ווידער שרײַען חניפה־דיק אַז דער ר׳ נח איז אַ צדיק, אַ בריליאַנט... נו, ביזטו אַ מענטש? זאָג אַליין...

פון אַזעלכע דיבורים איז שוין בײַנישן פאַרגאַנגען דער חשק ווײַטער צו מוסרן דעם פרעמדן. יענער האָט אַן אײַזערנעם זכרון און ער איז בכח אַלעמען צו פאַרמאַכן דאָס מויל מיט זײַנע טענות.

דעם זעלבן טאָג האָט זיך יאַקאָב אויך געטראָפן מיטן ליסער בעל הבית, ר׳ יעקב כאַרזאַק. יענער האָט זיך פאַר אים געקלאָגט, אַז מיט זײַן ווײַב איז ער נישט בשלום. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַן אומחן און זי וויל מיט אים נישט לעבן. וואָס טוט מען דערצו? יאַקאָבן האָט ער נישט איבערראַשט. ער קען דען נישט די ווײַבער? ער האָט גאָר חוזק געמאַכט פון דעם ר׳ יעקבן:

איר ווייסט דען וואָס איר האָט צו טון? איך בין אויך געווען אַזוי צעקראָכן פאַר מײַנער... דאָס העלפט אָבער נישט. באַצאָלט אײַער ארורה מיט דער זעלבער מטבע וואָס איך האָב באַצאָלט מײַן מרימען...

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ חשוב ווי ר׳ יעקב כארזאק וועט זיך נישט לאָזן פירן אויף אַזעלכע דרכים. אָבער זײַנע ווערטער זענען באַלד צע־טראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט און אַלע האָבן פה אחד

מסכים געווען, אַז דאָס מאָל האָט יאַקאַב מער נישט בדעה צו מאַכן קײַן שום קונצן. אָבער ער אַליין האָט זיך אויך נישט געאײַלט צו מאַכן אַ סוף, גלײַך ווי מרים וואָלט אים לגמרי נישט אָנגעגאַנגען. ווען עמעצער האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל איצטער אייגנטלעך טון אין ליסע, האָט ער געגעבן אַ פֿאַרשטענדלעכן ענטפֿער. ער האָט דאָ מסדר צו זײַן אַ וויכטיקע זאַך און ער וועט פֿריער נישט רעדן וועגן קיין שום ענין. אַלע האָבן זיך גאָרנישט געקענט אָפּוווּנדערן פֿון דעם חריפֿותדיקן מענה־לשון וואָס ער האָט באַקומען. ווען ר׳ לייבס מענטשן האָבן אים פֿאַר־האַלטן אויף דער גרויסער גאַס און געוואָלט אַרויספֿירן דעם שמועס אויף מרימען, האָט ער געהאַלטן אַ גאַנצע דרשה וואָס האָט בײַ אַלעמען צוגענומען די רייד פֿון מויל:

— אַלע ווילן דאָ, אַז דווקא ער זאָל רחמנות האָבן און זיך פֿירן לויט יושר... ער ווייסט שוין לאַנג אַז די וועלט איז פֿאַרדאַרבן און נאָך דער פּסוק זאָגט, אַז אויפֿן אָרט פֿונעם משפּט איז פֿאַראַן דאָס שלעכטע; נאָר אַזאַ רשעות און טאָפּלטע מאָס ווי אין ליסע האָט ער אין ערגעץ נישט געזען. וואָס רעדן זיי צו אים וועגן גערעכטיקייט? איידער זיי גייען זען אַ שפּאַן בײַ אים אין אויג, זאָלן זיי דערזען בײַ זיך די בעלקע. ווען האָט ער דען שלעכט געטון? קיינעם נישט. ער איז נזהר געווען בײַ קיינעם גאָרנישט צוצונעמען. נאָר מיט אים האָט געטראָפֿן דאָס פֿאַרקערטע. בעת דער רײַכער מילנער האָט בײַ אים אויס־גענאַרט זײַן פֿאַרמעגן, האָט זיך קיינער פֿאַר אים רעכט נישט אָנגענומען... און אַז יאַקאַב האָט געפּרוּווט ווייַנען און שרײַען, האָט מען אים גאָר געמאַכט פֿאַר אַ משוגענעם און קינדער האָבן אים נאָכגעשריגן שפּאָט־רייד. אַפֿילו דער שידוך מיט זײַן ברעסלויער כלה איז דאָך אָפּגעגאַנגען, בלויז דערפֿאַר ווײַל קיינעם איז נישט אָנגעגאַנגען זײַן צער! און דאָס איז נאָך נישט אַלץ: די גאַנצע שטאָט ווייסט, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסע ירושה פֿון זײַן פֿאָטער. ער איז נאָך געווען קליין און קיין שכל נישט געהאַט אויפֿצומאַנען זײַנס. נאָר די אַנדערע זענען דאָך געווען גרויס, פֿאַרוואָסשע האָבן זיי דערלאָזט אַזאַ גזילה? ר׳ נח איז רײַך געוואָרן, נישט מורא געהאַט אַז גאָט וועט אים באַשטראָפֿן פֿאַרן באַרויבן אַ יתום. וואָס האָט קהל געטאָן דערצו? גאָרנישט! ר׳ נח

איז געוואַקסן, געקויפּט זיך אַ בויד, געהאַט אייגענע משרתים און געטאָן וואָס זײַן האַרץ האָט נאָר באַגערט. ער יאַקאָב האָט געמוזט וואַנדערן איבער דער וועלט ווי אַ בעטלער און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָר אַ דאַרן ביסן. אין דער זעלבער צײַט איז נח פּינער געקומען אין בית המדרש אַרײַן און אויפגענומען אַלע ייבודים וואָס מ'האָט אים צוגעטיילט. פאַרוואָס האָט מען א י ם קיינמאָל נישט גענומען אין תפיסה אַרײַן? פאַרוואָס האָט מען אים געחנפעט און געזעצט אויפן שפּיץ פון די פאַרזאַמלונגען? אין זײַן לאַנגן גאַנג איבער דער וועלט האָט ער, יאַקאָב, זיך דערטראַכט אַז דעם גאַנצן יושר זוכט מען בלויז אַנצוהענגען אין אַזעלכע אָרעמע מענטשן ווי ער איז. זײַנע פיס זענען געשוואָלן געוואָרן און צעבלוטיקט פון גיין באָרפיס איבער סטעפּעס. זײַן כח איז אָפּגעשלאָפט געוואָרן פון נישט עסן צו דער זעט און פון שלאָפן אין פאַרלײַזיקטע הקדשים. פאַר אים האָט קיינער נישט קיין מורא און דער־פאַר שטעלט מען אים אויס דעם גאַנצן חוב פון גערעכטיקייט. מוזן בלויז נידערשלאַגענע און באַרויבטע טאַקע אויסטראָגן די גאַנצע משא פון יושר אויף זייערע אַקסל? זאָלן זיי אים זאָגן!

און נאָך עפּעס וויל ער פרעגן בײַ די גערעכטע לײַט פון ליסע: עס איז טאַקע זייער שיין, וואָס זייער האַרץ ווייטיקט צוליב דער עוולה פון אַ יידישער טאָכטער. צי איז אָבער זייער האַרץ שטענדיק אַזוי ווייך? און פאַרוואָס האָבן זיי לגמרי נישט געשפּירט זײַן צער, בעת אַ יינגער בחור איז אַרײַנגעפאַלן צו איר אין די הענט אַרײַן און זי האָט אים גע־פּײַניקט מיט אַלערליי עינויים? צי דען האָט ער נישט געשפּירט קיין ווייטיק און קיין באַליידיקונג? און פאַרוואָס האָט זי אים אָפּגעריסן פון דער ברעסלויער כלה, באַשטאַנען מיט אים צו גיין אונטער דער חופּה און דערנאָך אים נישט געלאָזט זי באַרירן, אים אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר שכנים און שנײַדער־געזעלנס? צי האָט זי דאָס גע־מעגט, בלויז דערפאַר ווײַל איר האָט הנאה געטאָן דער שפּאַס מיט אים? צי האָט זי געמעגט אָפּהאַקן זײַנע יינגע יאָרן, נאָך איידער ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון לעבן? אדרבא, זאָלן ליסער יידן אַליין זאָגן וואָס פאַר אַ גערעכטיקייט זיי זוכן אויף דער וועלט און ווער עס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט אויסצוטיילן פּאַרציעס יושר בלויז די לײַט וואָס

געפינען חן און לײַטזעליקייט אין זייערע אויגן. צי קומט אים שוין גאָרנישט קיין חלק?

קיינער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז דער שווײַגנדיקער יאַקאָב זאָל האָבן אַזויפיל רייד אין מויל. אַ שרעק איז באַפאַלן די צו־הערער, ווען ער האָט זיי אָנגעקוקט מיט זײַנע שוואַרצע אויגן און פאַר־לאַנגט אַן ענטפער. זיי האָבן זיך געוואָלט צעלויפן און דאָך שטיין גע־בליבן, בעת ער האָט אויף זיי געגאָסן זײַן שפּאָט און זײַן צאָרן:

— איר באַדויערט מרימען. זי לײַדט — און אײַער האַרץ קען עס נישט דערלאָזן. איר אַליין ווייסט אָבער, אַז זי האָט חלילה די גאַנצע צײַט קיין נויט נישט געליטן. זי האָט נישט געדאַרפט אויסשטרעקן די האַנט, בכדי איר הונגער צו לינדערן. זי האָט געגעסן וואָס זי האָט גע־וואָלט און וויפל זי האָט געהאַט חשק. איר פּוכן געלעגער איז שטענדיק געוועזן גרייט און קיין ליכט פאַר אירע אויגן האָט קיינמאָל נישט אויס־געפעלט. קיין האָר פון איר קאָפּ איז נישט געקרומט געוואָרן און קיין שלעכטער פינגער האָט זי נישט באַרירט. אויך איר מאַן האָט זי געקענט האָבן, נאָר זי האָט עס נישט געוואָלט. איר עגונהשאַפט האָט איר קיי־נער נישט אָנגעוואָרפן, נאָר זי האָט זיך עס אַליין אויסגעקליבן... און זע נאָר, זע וואָס פאַר אַ רעש מען מאַכט אַן מיט איר אומגליק! וויפל שיינע יידן און שליחים עס נעמען זיך אָן איר עוולה! צי איז דאָס דער־פאַר וואָס ליסער קהל ווייסט פון איר רײַכקייט און עשירים טאָרן נישט האָבן קיין פיצל צער? און אויב זיי זענען אַזעלכע באַרמהאַרציקע, פאַר־וואָס האָבן זיי געשוויגן ווען זי האָט אים אַרויסגעשלײַדערט אין פינצ־טערע נעכט און ער האָט זיך געוואַלגערט אויף די גאַסן ווי אַ קרעציקער? פאַרוואָס האָט דאַן קיינער נישט געהעמערט אירע צוגעמאַכטע לאָדנס און טירן, אַזוי ווי מען העמערט איצט זײַן פאַרביטערט האַרץ? פאַרוואָס האָט קהל נישט אויפגעשטורעמט, ווען עס איז געהערט געוואָרן אַז יאַקאָב גייט מיט אָפּגעריסענע מלבושים איבער פעלדער און וועלדער און דאָס פאַרשימלטע ברויט איז זײַן אייגנציקע שפּײַז? פאַרוואָס איז קיינער נישט געקומען צו איר שרײַען, בעת זי האָט צוגענומען אַלע זײַנע חפצים און אים אַליין נישט געלאָזט אויף די אויגן? אדרבא, זאָל מען פריִער גיין פרעגן בײַ רבנים זײַנע שאלות און אַז ער וועט באַקומען אַ

תשובה — וועט ער אויך ענטפערן אויף די קשיות וואָס מען פרעגט אים. ער וויל איר חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן. ער איז נאָר אַ דערוואַקסע־נער מענטש, וועלכע ווייסט שוין וואָס צו פאַרלאַנגען... וויל ער בלויז לערנען דעם סדר פון דער וועלט ביי אַזעלכע חשובע לייט....

אַ שטילקייט האָט פאַרכאַפּט דעם עולם בעת ער האָט זיך אַליין געשרפּעט מיט זיינע הייסע רייד. אַפילו די, וואָס האָבן זיך געוואָלט וואַרפן אויף אים זענען ראַפּטום דערשראָקן געוואָרן און זיך פון אים אָפּגערוקט מיט דרך ארצדיקן פחד, אַ מענטש, וואָס קען אַזוי אַרויס־שטעלן זיינע טענות, קען נישט בלייבן אומגערעכט. וואָס איז זי דען, די גאַנצע מרים? די גאַנצע שטאָט קאָכט שוין ווי אַ געפּרעגלטס און זי זיצט נאָך אַלץ אין שטוב, אַזוי ווי עס וואָלט זי נישט אָנגעגאַנגען. מיינט זי טאַקע אַז יעדער איז מחוייב פאַר איר צו מיִען, אָן איר טרחה? די מיוחסת!

יאַקאָב האָט דערזען וויאַזוי אַלע שווייגן און קוקן אויף אים מיט מיטלייד: דאָס האָט אים הנאה געטאָן און ער האָט אַן אויסגעגלייכטער ווייטער געשפּרייזט זיין וועג. פאַר דער גאַנצער עדה איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ האָט זיך אומגעקערט גאָר אַן אַנדער יאַקאָב, וואָס וועט מער נישט שווייגן הכנעהדיק און ער וועט זיך מער נישט לאָזן איינגעמען מיט אַ פּאָר געזונטע קלעפּ פון אַ לייב יערטשיוווער. גאָט האָט אים פאַר זיין צער געלייטזעליקט מיט אַ שיין לשון און מיט קלוגע טענות, וואָס בלויז גרוי־סע חכמים קענען זיך מיט זיי שטעלן קריגן. איז גלייכער צו שטיין פון דער ווייטנס און לאָזן די חכמים און פקחים מיט אים פירן דעם גרויסן וויכוח.

— 3 —

אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יאַקאָב וויל מער נישט בינדן מרימען. ער וויל בלויז פריִער אויפמאַנען זיינס ביי אַלע־מען. ראשית כל וויל ער מיט איר מאַכן אַ חשבון, פאַר די אַלע יאָרן וואָס זי האָט אים פאַרפינצטערט. צווייטנס, וויל ער זיך נישט שטעלן פאַרן דין, ביז מען וועט אים נישט באַווייזן, אַז אויך לגבי אים וועט מען אָנווענדן גערעכטיקייט. לכן וויל ער פריִער אַרויסרופן נח פינער צו די

דיינים. קודם וויל ער זען, אויב מען האָט דאָ נישט משא־פנים פאַר עשירים און ערשט דאַן וועט ער זיך קענען שטעלן מיט אַ ריין הארץ פאַר זיי און טענהן זײַנע טענות. ער ווייסט אַפילו ווויל אַז זײַן שטיפ־טאַטע געפינט זיך אין פין — בעת ער דאַרף זיך דאָ שטעלן פאַר די ראשי־העדה פון ליסע; איז אָבער גוט באַקאַנט, אַזביידע שטעט זענען ווי איין קהילה און דאָס וואָרט פון ליסע וועט אויך הייליק זײַן פאַר פין. ער וועט דערפאַר נישט ענטפערן וועגן מרימען, ביז ער וועט אָפּגעווינען זײַן גאַנץ געלט בײַם קאַרגן גביר און כופר. ער איז נישט מחוייב דאָס גאַנצע לעבן זיך צו וואַלגערן, סײַדן ער וועט חלילה פאַרשפּילן די דיך־תורה. צומערשט מוז ער אָבער זען, אַז אויך לגבי אַן אָרעמאַן איז די וועלט נישט הפקר. פּריִער האָט קיינער מיט אים נישט וואָס צו רעדן...

„איין גאָט האָט אונדז באַשאַפן און איין משפט איז פאַר אַלעמען”. די דאָזיקע ווערטער פון יאַקאָבן האָבן באַקומען פליגל איבער ליסע און געוואָרנט אַלעמען, אַז דער פאַרשווין וועט דאָ נאָך האָבן גענוג וואָס צו זאָגן. דערפאַר אָבער האָט קהל אויך געשוויגן, ווען מרימס פאָטער איז אָנגעלאָפן מיט עטלעכע פּרײַנט זײַנע און זיך געוואָרפן אויף יאַקאָבן. ר׳ לייבס צעיאָכמערט פנים איז געווען אויסגעקרומט און זײַנע אויגן זענען געווען רויט פון כעס און דערשטיקטע טרערן. האָבן מענטשן פאַר־שטאַנען, אַז אויך ער איז שרעקלעך צעווייטיקט און צווישן צוויי וועלטן מיט יסורים דאַרפן זיי זיך וואָס ווייניקער מישן.

ווען ר׳ לייב האָט באַוויזן דעם רשות פון בית דין צו נעמען יאַקאָבן אין תפיסה אַרײַן, האָבן אים בלויז געציילטע נאָכגעפאָלגט. יאַקאָב האָט זיך אין ר׳ לייבס אָנבליק קוים קעגנגעשטעלט. עס האָט אַפילו אויסגע־זען, אַז די גאַנצע זאַך טוט אים הנאה, ווײַל זײַן פּנים האָט זיך צע־שמייכלט און אַלע האָבן חושד געווען, אַז ער האָט דערבײַ אַ קלוגע כוונה. ר׳ לייבס ידידים האָבן אים אַפילו אַרײַנגערוימט אין אויער:

— איר גייט שוין ווידער מיט כעס... און דאָס גאַנצע אומגליק מיט דרײַ יאָר צוריק איז אַרויסגעקומען צוליב דעם וואָס מען האָט באַ־נוצט די פּויסטן אָנשטאָט שכל... און ער איז קליגער פאַר אונדז אַלעמען... איר זעט דען נישט וויאַזוי ער גייט צו דער תפיסה ווי צום טאַנץ? דאָ שטעקט זיכער אַ טיפער איינפאַל...

דער צעהיצטער ר׳ לייב האָט שוין אָבער מער גאָרנישט געקענט הערן. ער האָט באַקומען רשות אָפּצופירן ז״ן איידעם צו ביינישן אין תפיסה אַרײַן, וועט ער גאָרנישט משנה זײַן. מאָרגן וועט מען ווײַטער קענען אַרײַנקלערן אין עסק אַרײַן. וואָס גייט אים דען אָן, וואָס דער קאַלטער רוצח טראַכט בײַ זיך ? עס איז נאָך גוט, וואָס אַפילו יאַקאָבס ידיד, דער חזן ר׳ לייב האָט געשיקט זײַן שטאַרקן איידעם, אַז ער זאָל העלפן מרימס טאַטן אינעם תפוס נעמען יאַקאָבן. איצט קען ער זיכער זײַן.

נאָר ליסע איז נאָך באַשערט געווען צו הערן אויסטערלישע שמו־עות, נאָך איידער דאָס בית־דין האָט גענומען דעם ענין אין די הענט אַרײַן. דעם תפיסה־שומר איז אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז ער זאָל דעם יאַ־קאָב פון אויג נישט אַרויסלאָזן. אָבער זינט בייניש האָט מיט אים גע־כאַפּט אַ שמועס בײַם חזן אין שטוב האָט ער עפּעס ליב באַקומען דעם פאַרשוין, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער דער וועלט אָן אַ תיקון. ער האָט דערפאַר יאַקאָבן אַרויסגענומען פון תפיסה־אַלקער צו זיך אין שטוב אַרײַן ווי נאָר זײַנע כאַפּער זענען אַוועק. בײַ אים אין שטוב איז גראד געווען דער ליסער שטאָט־שדכן, ר׳ הערש ליפּקיס און ביידע האָבן זיך געוואָלט אַביסל אויסשמועסן מיט דעם יאַקאָבן.

ר׳ הערש שדכן האָט הײַנט געהאַט צײַט. אין דרויסן איז געווען אַ מוראַדיקע חמימה און עס איז נישט מעגלעך געווען אַרויסצודרייען זיך. ווען די גאַסן זענען ליידיק קען מען קיין פּרנסה נישט אויסגראָבן אַזוי לײַכט. דערצו איז עס געווען כ׳ סיון, ווען בײַ פרומע יידן איז עס אַ תענית צוליב אַמאָליקע גזירות אויף יידן. וועט קיינער נישט לאָזן רעדן צו זיך וועגן שידוכים אין אַזאַ נישט־מזלדיקן טאָג. אַלע זענען הײַנט מיד פון דעם פאַסטן אין דער היץ און עס איז גלײַכער, אַז מען זיצט אַליין אין שאָטן פון אַ הויז און מען לאָזט אַוועק די צײַט מיטן רויך. דער זעלבער בייניש איז דערבײַ נישט קיין נאַר : מען קען נישט וויסן. אין עטלעכע טעג אַרום קען זיך אַרויסווײַזן, אַז דער גאַנצער יאַקאָב איז אַ גרוש כדת וכדין און עס איז נישט רעכט מען זאָל אים לאָזן ווײַטער אַרומוואַנדערן. דאַרף מען אים באַצײַטנס מקרב זײַן און אַז השם יתברך

וויל נאָר, פעלן נישט בײַ ר׳ הערשן אין פּנקס אָרעמע בתולות אָדער אַל־מנות וואָס אַ יונגערמאַן וועט פאַר זיי זײַן אַ מציאה גדולה.

יאַקאָב האָט אויסגעהערט דעם שדכנס ווערטער־פּלייץ און אים גאָרנישט געענטפערט. עס האָט אויסגעזען, אַז ער טראַכט פון גאָר־ווײַטע זאַכן. אָבער הערש האָט נישט געהאַט גראַד ווו צו גיין און די תאווה צו רעדן מיט יאַקאָבן וואָס לענגער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. א מלומד אין עפּענען דאָס מויל בײַ געבונדענע צינגער, האָט ער אויף דאָ אָוועקגעלייגט אַלע ווערטער אויף דער וואָגשאָל; כאָטש ער האָט שוין געוווסט, אַז פון צופיל רעדן פאַרפלאָנטערט ער זיך שטענדיק אין נאַרישקייטן. ערשט ווען אַלע רייד האָבן זיך בײַ אים אויסגעלאָזט און דער בעל דבר האָט נאָך אַלץ געשוויגן, האָט ער זיך גאָר נאָנט צוגערוקט צו יאַקאָבן מיט אַ פאַרטרוילעך קול:

— און דעם אמת מעג איך זאָגן אויך דיר. מ י ר האָסטו זיכער אַזעלכע חרפּות נישט געדאַרפט אָנטאָן. איך דערמאָן זיך וויאַזוי דײַן מוטער האָט מיר דאָס ערשטע מאָל דערציילט, אַז דו גייסט אויס נאָך דער מרימס טריט. זי האָט מיך געבעטן רחמים, אַז איך זאָל זיך אַרײַנלייגן אין דעם עסק און צוהעלפן צום שידוך. האָב איך עס נישט געדאַרפט טאָן? עס איז נאָר געגנוג געווען, אַז איך זאָל דיר אַ קוק געבן אין די אויגן, בכדי צו זען ווי ווײַט עס האַלט. איך קאָן זיך אויף די חפציותן נישט פון הײַנט. נו, האָב איך עס דאַמאָלסט אָפּגעהאָרעוועט פאַר דײַנעטוועגן! עטלעכע מאָל בין איך געלאָפן צו איר, געריסן זיך אין פאַרמאַכטע טירן, געלאָזט זיך זידלען ווי די בלאָטע פון איר און פון ר׳ לייבן און פאָרט געטאָן דאָס מײַניקע. איינמאָל האָט מיך מרים אַפילו אָפּגעגאָסן מיט אַן אומריין שעפל וואַסער... דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן יענע בזיונות? נאָר אַז הערש ליפּקיס פאַרלייגט זיך אויף אַ גלײַכער זאַך, וועט אים קיינער נישט אַראָפּפירן פון וועג. דו ווייסט דאָך אַליין: איך האָב מײַנס אויסגעפירט און דיך געפירט צו דער חופה... נו, קענסטו מיר אפשר זאָגן, וואָס פאַר אַ נחת איך האָב דערלעבט פון דיר? דו האָסט באַוויזן וואָס פאַר אַ חברה־מאַן דו ביזט. אַליין האָסטו זיך אָפּגעטראָגן, אָבער איך בין דאָ געבליבן. ביז הײַנט קען עס מיר דער אַלטער ר׳ לייב נישט שענקען. ווען ער זעט מיך,

וואַרפט ער מיר דעם גט אין פנים אַרײַן: דאָס איז ר׳ הערשס נחת...
און אַז איך דאַרף פאַרבײַגיין מרימס געוועלב, לייג איך אָן דרײַ מאָל
אַזויפיל וועגס — אַבי זי זאָל מיך נישט זען. אַלץ בין איך שולדיק!
און אַ שם האָבן זיי מיר געמאַכט, אַז מען האָט מורא צולאָזן זיך רעדן
אַ שידוך דורך מײַן מויל... אַ שלימזלדיקע האַנט — זאָגן זיי אויף
מיר... טײַלמאָל מאַכט זיך עמעצער אָן ערנסטן שפּאַס אויף מײַן
חשבון: עס וואָלט שוין אפשר כדאי געווען, אַז איר זאָלט אויפהערן
צו פאַרזאָרגן ליסער טעכטער! עס איז גענוג אַז איר האָט אַזוי פײַן
באַזאָרגט מרימען. וויפל איז דער שיעור? לכן, פרעג איך דיך, יאַ־
קאָב: עד מתי, ווילאַנג דאַרף איך עס לײַדן פאַר דײַנעטוועגן? איך האָב
געמיינט דײַן גוטס און דו צאָלסט מיר אָפּ מיט שטיינער...

בייניש האָט זיך גראָד געפּאַרעט בײַם קאַסטן פון עסן. דאָס האַרץ
האָט אים געחלשט און עס האָט זיך אים זייער געוואָלט אַ ביס טאָן.
ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דעם שדכנישן פּלוידערזאַק, וואָס הערט
נישט אויף צו שיטן מיט רייד. ער קען אים נאָך באַרעדן פאַר דער שטאָט,
אַז ער היט נישט קיין תעניתים. וויאַזוי פּטור צו ווערן פון אים האָט ער
אַליין נישט געוווּסט. בעת ער האָט אים גערופן אַהער האָט ער געמיינט,
אַז יענער וועט באַלד אויסטאַפּן דעם תוך פון ענין און גיין זײַן וועגס.
דאָ האָט עס אָבער בײַ קיין סוף נאָך נישט געהאַלטן. האָט ער אַפילו מער
נישט אויסגעהערט פון דער ווײַטנס וואָס יענער רעדט. ער האָט בלויז
באַמערקט וויאַזוי יאַקאָב זיצט אַ מידער און לאָזט איבער זיך שיטן דעם
מבול מיט שטראָפרייד. עס האָט אים אַזש אַרומגענומען אַ רחמנות אויף
דעם הונגעריקן אַרעסטאַנט וואָס פּאַסט הײַנט גלײַך מיט אַלעמען. ער
האָט אַפילו אַ ווונק געגעבן צום שדכן, אַז איצט איז נישט קיין צײַט צו
רעדן פאַר פרעמדע אויער פאַר וואַסער. ער מעג עס אָפּלייגן אויף אַ צווייט
מאָל און נישט דערקוטשען יאַקאָבן אַזויפיל. נאָר ר׳ הערש האָט שוין
גאָרנישט געזען. וואָס מער יאַקאָב האָט געשוויגן, אַלץ מער האָט ער
אויף אים געיאָגט זײַן הונגעריקע היץ:

— דו מיינסט אַוודאי אַז מיך אַרט נישט? איך ווייס אַז מרים
האָט מיך פײַנט, שנאה למות, פאַרוואָס איך האָב זי פאַרשלייערט מיט
דיר. בין איך דאָך אַ היימישער, האָב איך געוואָלט אויסגלײַכן דאָס עסק,

טאָג און נאַכט האָב איך געטראַכט וועגן דעם. איך האָב זיך שוין אַפילו דערטראַכט ביז צו אַן אַלמן פאַר אירעטוועגן, וואָס אַזעלכעס איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. ס'איז אַ הדר פון אַ יונגנמאַן. אסור אויב זי איז ווערט זײַן שטויב! זי וואָלט אים זיכער געכאַפּט מיט בײדע הענט און אויך ר' לייב וואָלט געטאַנצט פאַר גדולה. עס וואָלט מיר באַשערט געווען צוויי זאַכן מיטאַמאָל. איך וואָלט זיך מיט בײדע איבערגעבעטן און דערצו נאָך געכאַפּט אַ שײנע מטבע. דו מײנסט, אַז מײַנע מײַלער דאַרפן נישט עסן? אלא דו... וואָלט זיך אויך דער רוח נישט געכאַפּט. איך האָב שוין וועגן דיר אויך אַ קלער געטאָן... אַלץ וואָלט געווען פײַן און גוט, ווען דו זאָלסט מיר נישט פאַרביטערן דאָס לעבן און נישט געפּראָוועט דײַנע שטיק... דערפאַר וויל איך קײן סך נישט רעדן. איך וויל דיך בלויז פרעגן: פאַרוואָס קומט עס מיר? וואָס אַרט דיך אַז איך וויל לעבן? ווילסטו מיר אַפילו נישט אָפּדאַנקען פאַר מײַן מי? לאָמיר הערן, יאַקאָב...

ביינִיש האָט זיך נישט באַוויזן אומצוקוקן, אַרויסצורעדן אַ וואָרט ביז ער האָט געהערט אין דער שטוב אַ שווער אָטעמען און אַ ברילן ווי אַ חיה. ער האָט געזען ווי יאַקאָב איז האַסטיק אויפגעשטאַנען, געבײַלט די פויסטן פאַר ווייטיק און זיך אַ רוק געטאָן אויף דעם קליינעם ייִדעלע וואָס איז געזעסן און געציטערט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ביינישן, אַז יאַקאָב וועט זיך דאָ וואַרפן אויפן שדכן און מאַכן פֿון אים שטויב. ער האָט געוואָלט צוגיין און אים צוימען, אָבער אַ פאַרגנבעט און צו־פרידן געפיל האָט אים אָפּגעהאַלטן. יאַקאָב האָט זיך אין דער לעצטער מינוט אײַנגעהאַלטן און זײַן גאַנצן צאָרן געפּרווט אויסלאָדן דורכן קול:

— אַזוי!? אַ גט ווילט איר? עס ווילט זיך אײַך פאַרדינען אַ סך שדכנות בײַ מרימען, בײַ מיר... אַ הויפן מיט מטבעות ליגן אײַך שוין פאַר די אויגן! איר ווילט אַפילו איך זאָל אײַך אָפּדאַנקען פאַר אײַער גוטסקייט... בהמה! זי וועט שוין אין איר לעבן קיין מאַן נישט האָבן! איר הערט? און ביטער וועט איר לעבן זײַן, אַזוי ווי זי האָט מײַנס פאַר־ביטערט. און אייביק וועט זי וואַרטן אומזיסט, פונקט אַזוי ווי איר וועט וואַרטן אויף אײַערע נאַרישע פאַרדינסטן און זיי נישט געפינען! און

איצט... אַנטלויפֿט! לויפֿט אַוועק, איידער איך צעשמעטער אײַער קעפּל אין דער וואַנט. האָט רחמנות אויף זיך אַליין...

בייניש האָט געוואָלט שטאַרק לאַכן און נישט געקענט. די לוסטיקייט איז אים שטיין געבליבן דערשראָקן אין גאָרגל. דאָס שוּ׳כנדל האָט נאָכגעפּאָרשט יאַקאָבס באַוועגונגען מיט די הענט, געמאָסטן דעם שטח צווישן זיך און יאַקאָבן... ער האָט פּאָרט באַשלאָסן צו ריזיקירן. פלינק ווי אַ דערשראָקן העזל האָט ער זיך אַ גליטש געטאָן צווישן יאַקאָבס צעוואַקסענע הענט און אַ פלאַטער געטאָן ביז צו דער טיר. די פּאָלעס פון זײַן כאַלאַט האָבן אָנגעמאַכט דעם איינציקן רעש אין דער שטילקייט פון הדר. ערשט אויף יענער זײַט שוועל האָט ער עפּעס אַ געשריי געטאָן, נאָר קיינער האָט עס נישט דערהערט געגנוי. בייניש האָט זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז די טיר איז אָפן און אַז יאַקאָב קען נאָכלויפן ר׳ הערשן. סוף כל סוף איז ער נאָך אַלץ יאַקאָבס שומר. האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, נאָר יאַקאָב האָט אים צוריקגעהאַלטן מיטן בליק וואָס האָט זיך ביסלעכווײַז אָפּגעקילט:

— ציטער נישט... כ׳וועל אים נישט נאָכלויפן.

אין ביינישעס האַרץ האָט זיך עפּעס אַ ריס געטון. דער הונגער! ער האָט זיך פּלוצים גאָר שטאַרק פאַרשעמט. דאָ שטייט פאַר אים אַ פאַרזינדיקטער, וואָס קהל האָט אים איבערגעגעבן צו היטן. ע ר דאַרף עס זײַן דער צדיק קעגן יענעם. אָבער דאָס האַרץ וועט נישט אויסהאַלטן. ער מוז נעמען אין מויל, וואָס עס וועט נאָר זײַן. ער וועט מוזן אָפּטון אַ זינד פאַר יענעמס אויגן און נאָך מוזן בעטן גאָט, אַז דער יאַקאָב זאָל עס פאַרשווײַגן. ער האָט זיך דערפאַר חניפהדיק צוגערוקט צו יאַקאָבן און מיט ווייכקייט אים אײַנגענומען:

— זעץ דיך, יאַקאָב און נעם זיך נישט צום האַרץ וואָס דער שוטה האָט זיך דאָ צעדברט. איך בין גאָר צופרידן וואָס דו האָסט אים אַרויסגעטריבן... אַ טײַערע זאַך!

און דערבײַ האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ קאַלט, אומהיימלעך געלעכטערל. יאַקאָבן האָט זיך אויסגעוויזן אַז ווי שטיל דאָס געלעכטערל

זאָל נישט זײַן — מוז עס זיך איצט קוילערן איבער גאַנץ ליסע צוזאַמען מיט די דערשראָקענע רייד וואָס דאָס שדכנדל לויפט איצט אַרום דערציילן פון איין שטוב אין דער צווייטער.

קאַפּיטל פופצן

— 1 —

ליסע האָט נישט געקענט פאַרשטיין די מרימען. דעם ערשטן טאָג האָט מען געמיינט אַז זי איז געריִרט געוואָרן אין איר זינען פון גרויס איבערראַשונג. זי איז פול געווען מיט כעס און געבעט. ערשט שפּעטער האָט מען געזען, אַז זי איז געבליבן די זעלבע, אויפגערעגטע מרים. קיינער האָט נישט געוווּסט אויף וואָס זי וואַרט אייגנטלעך. די ערשטע פּאָר שעה האָט מען זי נאָך געקענט באַוווּנדערן. דערנאָך האָט מען זי כמעט ווי פאַרגעסן. דער גאַנצער טומל האָט זי נישט באַוויזן צו האַלטן אין זיך, אַזוי ווי זי וואָלט צו אים קיין שייכות נישט געהאַט. אירע פרײַנט מיטן פאָטער בראש זענען אַרומגעלאָפן אויסווײַזן איר גערעכטיקייט פאַר מענטשן, בלויז זי אַליין האָט געהיטן איר כבוד און נישט אַרויסגעוויזן וואָס אין איר האַרץ טוט זיך אָפּ. זי האָט זיך צוריק אָוועקגעשטעלט אין קראָם פאַרקויפן שפּײַז און געוואַרט מען זאָל זי רופן צום גרייטן.

די ערשטע מינוטן, ווען זי האָט געהערט פון יאַקאָבס קומען האָט זי נאָר געוואָלט זיך באַרויִקן און דערנאָך אים גיין זען מיט די אייגענע אויגן. זי האָט אָבער געהערט, אַז מען האַלט אים אין איין אַרומפירן פון איין שטוב אין דער צווייטער. האָט זי נישט געוואָלט ווײַזן פאַר מענטשן וויאַזוי זי נעמט אים אויף מיטן בליק. זי האָט זיך געשראָקן טאָמער באַפאַלט זי ווידער דאָס אַלטע געפיל פון פאַרשטעלטער חרטה און אַלע וועלן עס בײַ איר אַרויסלייענען פון פנים. זי וועט זיך נישט שפּל מאַכן אין לײַטס אויגן. דערפאַר האָט זי געוואַרט אויף די ערשטע גרוסן, וואָס ער וועט זאָגן.

פון זײַנע רייד וואָס מ׳האָט איר געברענגט צו טראָגן איז געווען צו זען, אַז ער האָט דאָ בדעה צו בלײַבן אַ לענגערע צײַט און ער וויל זיך נישט פאַרלייקענען. פאַרוואָס ער האָט צוגעשיקט דאָס פרעמיסלער בריוול? דאָס איז זײַן סוד, וואָס ציט זיך מיט פרייד צו מרימס פאַר־באָרגענעם געפיל. קען זײַן, אַז ער האָט עפּעס פאַרשטאַנען און זי דאַרף בלויז באַשליסן וואָס אים צו ענטפערן אויף זײַנע רמזים. איז עס דער זעלבער וואָס האָט איר דאָס לעצטע מאָל געגעבן דעם גט? פאַר מרימען איז עס גאָר קיין ספק נישט געווען. זי האָט בלויז געוואָלט איבערוואַרטן ביז ער וועט אויספירן זײַנע משפטים מיט דער משפחה. צי איז אָבער טאַקע געשען מיט אים דער נס און ער איז געוואָרן אַזוי אַנדערש ווי בעתן גט? ציט עס זי טאַקע אַזוי באַהאַלטן צו א י ר יאַקאָבן, אָדער עס איז געווען אַ פאַרבלענדעניש? איר קאָפּ האָט זיך עס באין אופן נישט געקענט קלאָר מאַכן.

איר פאָטער האָט אַלץ געטון, אַז דער ענין זאָל וואָס שנעלער צוגע־ענדיקט ווערן. קיינער האָט נישט געוווסט, אויב ער וועט באַווײַזן צו ברעכן יאַקאָבס נײַע עקשנות. מרים האָט אָבער נישט געוואָלט מער זײַן די שרייערין און טומלערין. איר האַרץ האָט נאָר אַ צאַפּל געטון, ווען זי האָט געהערט, אַז צוליב איר פאָטער האָט מען יאַקאָבן ווידער אַרײַנ־געזעצט אין תפיסה אַרײַן. דאָס האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין גרויסן כעס. די מענטשן זוכן אַלע מעגלעכקייטן מיט אים צו שמועסן און ער זוכט דורך זיי נקמה צו נעמען אין איר. די האַר־וואָרצלען האָבן זי געשטאָכן דערפון, וואָס ער דערציילט וועגן איר. עס איז אַ סברא, אַז אַפילו ווען ער וועט זי שוין לגמרי באַפרײַען וועט שוין נישט טויגן. זי וועט האָבן אַ פאַרמיאוסט פנים און עס מער נישט קענען אַרויסווײַזן פאַר בושה. די באַהאַלטנסטע זאַכן אירע האָט ער אַרויסגעלייגט פאַר אַלעמען. פאַר־וואָס האָט עס דער פאָטער אירער געדאַרפט? מען שמועסט שוין וועגן אירע חנדעלעך מיטן שנײַדער־יונג, וואָס איז הײַנט ערגעץ אַ פּראָסטער שענקער אין אַ דאָרף און קליינע קינדער אַפילו דערמאָנען שוין איר נאָמען מיט די ערגסטע ווערטער. זי האָט אַפילו געהערט אַז די דעוואָקסענע בחורים שפּײַען אויס, ווען מ׳טראָגט זיי צו די רייד וואָס יאַקאָב דערציילט

וועגן אַמאַליקע נעכט פון קריגערײַען און בזיונות... וואָס וועט דאָ זײַן?

פֿון גרויס צער איז מרימען אײַנגעפאַלן אַ משוגענער געדאַנק: זי האָט אים נישט געדאַרפט לאָזן אַרומגיין צווישן פרעמדע! ווי נאָר ער איז געקומען, האָט זי אים געדאַרפט רופן צו זיך אין שטוב, געבן צו עסן און צו שלאָפן. ער האָט געדאַרפט בלײַבן בײַ איר, ביז מען וואָלט מיט אים געקומען צו אַ טאָלק. פאַרוואָס האָט זי עס באַלד נישט געזאָגט דעם אויפגעקאָכטן פאָטער? זי פאַרשטייט אַפילו יאַקאָבן. אויב מען האָט אים פאַרשפאַרט און געלאָזט הונגערן, האָט אים דאָס האַרץ געהעצט און ער האָט אויף איר געגומען רעדן אסור לדבר. ווער וואָלט דען בעסער געווען? נאָר העלפן מער האָט זי נישט געקענט. ס׳איז שוין אָפּגעטון און זי מוז טראָגן אויף זיך דאָס, וואָס אירע בעסטע פרײַנט האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט. בלויז דאָס האַרץ האָט נישט געוואָלט שווײַגן און עס האָט זי נישט אויפגעהערט צו וואַרענען, אַז דאָ טויג נישט... אַז עפּעס ווערט דאָ קאַליע פאַר איר אויף אַלע צײַטן. די מענטשן שושקען זיך אַרום איר, דערציילן זיך אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע מען פאַרלירט צו איר דאָס מיטגעפיל און זי האָט זיך אַפילו מורא צו פאַרענטפערן פאַר די שטומע טענות וואָס ליגן בײַ יעדן אין אויג.

זי האָט געוואָלט פאַרטרײַבן דעם אומרו, וואַרטן ביז מען וועט זי אַליין רופן צום רב. עס האָט זיך שוין אָבער אַזוי געמאַכט אַז מען האָט זי נישט געלאָזט פאַרגעסן. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט זיך די טיר פון קראָם געעפנט און זי האָט דערזען אַרײַנקומען בייניש. די קני האָבן זיך אונטער איר געבראָכן און זי האָט פאַרשטאַנען אַז זײַן קומען האָט עפּעס אַ שייכות צווישן איר און יאַקאָבן. בייניש האָט זיך נישט געלאָזט ציִען פאַר דער צונג. נאָך איידער ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס ערשטע וואָרט האָט ער שוין געלאַכט. מרים האָט געמוזט אַרויפציִען אויף זיך אַ רויִקע מינע און דער תפיסה־וועכטער האָט פאַר איר אויסדערציילט דעם גאַנצן שמועס צווישן יאַקאָבן און דעם שדכן, וואָס איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען. אַ בהמה פון אַ ייִד! וואָס מישט ער זיך אין אַזעלכע זאַכן? אויף וואָס זענען פאַראַן רבנים? עס איז שיעור נישט געקומען צום ערגסטן. מען האָט געדאַרפט זען יאַקאָבס פּנים דערבײַ. אַ ייִד זאָל

קענען אַרויסווזן אַזאַ מין רציחה! נאָר שולדיק איז דאָ נישט ווייניק דער שלימזלדיקער שדכן. אויב מען ווייסט נישט וויאַזוי צו רעדן, זאָל מען האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל. ער האָט נאָך אַ נס, וואָס ער איז באַצײַטנס אַנטלאָפֿן. און צוריקגעשמועסט האָט מען עס געקענט פֿאַרשטיין: דער יונג האָט זי נאָך איצט אַזוי ליב ווי דאָס לעבן — קומט דער נאַרישער ייִד און דערציילט אים וועמען ער האַלט בײַם שדכנען איר... זאָל ער נישט בייז זײַן?

בייניש האָט אַפֿילו נישט באַמערקט וויאַזוי מרים רויטלט זיך און ווערט בלוי. ער איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו אַ צווייטער זאַך: זאָל מרים נישט מיינען, אַז יאַקאָב קען מאַכן פּליטה בעת ער געפֿינט זיך דאָ. דער סאַרווער פֿון נגידישע חתונות, יוסף מיט נאָך אַ בחור וואָס איז גרייט פֿאַר מרימען צו גיין אין פֿײַער, היטן אים דאָרט... נאָר געקומען צו איר איז ער טאַקע צוליב יאַקאָבן. ס׳איז אַ גאָטס רחמנות. ער ווייסט וויפֿל ער האָט זי אויסגעפּײַניקט. איז אָבער די מעשה אַזוי: הײַנטיקן תענית האָט בייניש נישט געקענט פֿאַסטן. דאָס האַרץ האָט אים ווי געטון. נו, האָט יאַקאָב געזען, וויאַזוי בייניש נעמט עפּעס אין מויל אַרײַן און ער האָט זיך צעקרעכצט. ער האָט שוין לאַנג נישט געפֿאַסט כ׳ סיון און איצט וועט ער אַפֿילו נישט האָבן וואָס איבערצוכאַפּן בײַנאַכט... ווי מרים ווייסט, איז אויך בייניש נישט פֿון די גרויסע נגידים און ער האָט נישט מיט וואָס יענעם מכבד צו זײַן. וויזשע קען מען אים לאָזן הונגערן? און צו וועמען זאָל ער דען גיין, אויב נישט צו מרימען?

וויפֿל מרים האָט זיך נישט געוואָלט באַהערשן, האָבן אירע הענט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. האָט עס בייניש אַליין געטון, אָדער יאַקאָב האָט אים געשיקט? וויל ער זי אויספּרוּוון? זי האָט לאַנג נישט געקענט אַרײַנטראַכטן. ביינישס אויגן האָבן זי אַדורכגענומען און זי האָט געוווּסט, אַז אין אַ שעה אַרום וועט גאַנץ ליסע הערן וויאַזוי זי האָט זיך באַנומען... אָבער צוזאַמען מיט אירע באַוואָרענישן האָט זי געפֿילט ווי איר פּנים פֿלאַקערט און זי ווייסט אַליין נישט וואָס פֿריִער צו טון.

זי האָט דערפֿאַר קודם כל אַ כאַפּט געטון אַ טעפּל, אויפֿגעקאָכט אויף דער פֿאַרשלאָפֿענער קיך הייסע קאַווע. דערלאַנגט ביינישן אַ טאָר־

בעלע צוקער מיט ברויט... איבערן טעפל קאַווע האָט זי אַוועקגעלייגט אַ ברויזן אייער־קיכל און געבעטן זיך בײַ ביינישן:

— נעמט... גיט אים קודם, אַז ער זאָל זיך דערקוויקן דאָס האַרץ און שפּעטער זאָגט אײַער ווײַב אַז זי זאָל קומען צו מיר אין שטוב נעמען פֿאַר איִם עסן אויף בײַנאַכט... ווי קען מען עס אים לאָזן הונגערן? מיינט נישט אַז איך בין אַזאַ שלעכטע...

ביינעש האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן זײַנע אייגענע אויגן: וואָס איז דאָ מיט איר געשען? ווי צערטלעך זי איז עס געוואָרן! פֿריִער האָט זי אים נישט געלאָזט אויף דער שוועל און איצט... איצט שטופּט זי ביינישן מיט אַ צעטראָגענעם בליק דעם בריִענדיקן טאָפּ קאַווע, זאָרגט זיך אַזוי... ער האָט אַ ביס געטון די צונג, אַז ער זאָל עס איר נישט זאָגן. סײַווי האָט ער אַ גרויס מויל. נאָר מרים האָט פֿאַרשטאַנען וואָס ביינעש דאַרף איצט זאָגן. האָט זי זיך פֿאַרשעמט פֿאַר אירע לעצטע ווערטער. באַלד וועט זיי יאַקאָב וויסן און אַרײַנטײַטשן אין זיי גאָט ווייסט וואָס — און זי וויל דאָך גאָרנישט, ער זאָל האָבן די מינדסטע אַנונג. זי האָט נאָך געוואָלט עפּעס פֿאַרכאַפּן, אָבער אין דער מינוט האָט ביינישן דער קאָפּ אַ מיש געטון. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער קען דאָ מתקן זײַן גאָר אַ גרויסע זאַך, וואָס קיינער ווייסט נישט פֿון איר. זײַנע כעסדיקע אויגן האָבן זיך ווייך צעברענט נישט ווי זײַן שטייגער און ער האָט זיך צו איר אַראָפּגעבויגן, אַז קיינער אויסער איר זאָל נישט קענען אויפֿכאַפּן קיין וואָרט:

— דו ווייסט כאָטש? ער האַלט אין איין רעדן פֿון דיר. ער וויל דו זאָלסט אים ווידער נעמען פֿאַר אַ מאַן. ער וואָלט דעמאָלט געברענגט אַ כתב, אַז ער איז נישט קיין פֿרעמיסלער... געדענק אין דעם. טאָמער נישט, וועסטו בלײַבן אַן אייבייקע עגונה. ער וועט דיך נישט אָפּלאָזן. דו ווייסט גאָרנישט וואָס פֿאַר אַ שכלדיקער פֿאַרשוין ער איז געוואָרן. ער וועט אַלעמען פֿאַרדרייען די קעפּ. זאָלסט טראַכטן דערפֿון. דו הערסט, מרים?...

זי האָט מער קיין וואָרט נישט געקענט זאָגן. ביינעש האָט אויך נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער. ער האָט מיטן קנעבל אַ שטויס געטון די טיר און אַרויסגעלאָפֿן מיטן אָנבײַסן. מרים האָט אים געוואָלט נאָכלויפֿן,

אַבער אַ שטאַרקער כח, פול מיט טומלדיקע ווערטער, האָט זיי צוריקגעהאַלטן: נעמען צוריק... איבערבעטן זיך... אייביקע עגונה... געיאָלט, ביי ווע־מען פרעגט מען זיך אַן עצה ! ?

נאָר ביינאַכט, ווען בייניש ווײַב איז נאַכאַמאָל געקומען, האָבן זיי גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. בייניש ווײַב האָט בלויז, אַזוי ווי זיך אַליין, דערציילט ווי אויסגעבייטלט דער יאַקאָב איז נעבעך; און דערצו האָט ער אַזויפיל שאַרפע ווערטלעך, אַז עס איז אַ מורא מיט אים צו רעדן. מרימען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס מאַכט זי נאָר אַזעלכע לאַנגע הקדמות ווי עס איז דער שטייגער פון ווײַבער. באַלד וועט זי אָנהויבן דערפון וואָס איר מאַן האָט בײַטאָג אויסגעלאָזט. האָט זי געוואָרט דערויף און אויך געשראָקן זיך. בייניש ווײַב האָט אָבער כנראה נישט געוואוסט פון גאָר. מרים האָט געזען ווי די יידענע הויבט זיך אויף פון בענקל, גרייט צום גיין. אַ צער צוזאַמען מיט אַ פאַרשעמטקייט האָט זי אַרומגענומען דערויף וואָס בייניש ווײַב האָט איר מער גאָרנישט צו זאָגן. זי האָט זיך דערפאַר אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און געזוכט ווי־אַזוי אויף שטום־לשון ווײַטער צו פירן דאָס געשפּרעך, וואָס איז בײַטאָג איבערגעהאַקט געוואָרן. בייניש ווײַב האָט מיט שטוינונג געזען, וויאַזוי מרים גייט צו ביז צו איר פאַרשלאָסענער שפּײַז־קאַמאָד און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ פּעקל גוט־אויסגעבאַקענע פּוטער־קיכלעך, וואָס מען עסט בלויז שבת. איידער זי האָט נאָך באַוויזן עפּעס איבערצופרעגן, האָט זיי מרים געשפּאַרט צו איר אין די הענט אַרײַן און מיט אַ בעטנדיק קול איר אַרײַנגעשושקעט:

— גיט עס אים, יאַקאָבן...

וואָס ווייסט אַ פּשוטע יידענע? האָט זי צוגענומען און באַהאַלטן אונטערן פאַרטוך. נאָר אויפן וועג האָט זי דערין אַרײַנגעלייגט אַלערליי ווײַבערישע מחשבות, זי האָט געוואָלט אַרויסלערנען וואָס דאָס מיינט און דער שכל האָט איר אָפּגעזאָגט צו דינען; כאָטש אַלערליי געדאַנקען האָבן דווקא געוואָלט אויף זייער שטייגער דערציילן, וואָס אַ פאַרלאָזטע פרוי קען דאָ מיינען מיטן איבערשיקן פּוטער־קיכלעך צו אַ פאַרהאַסטן מאַנספאַרשוין.

— 2 —

פארן בית־דין איז יאַקאָב געשטאַנען גלײַך און עקשנותדיק. מען האָט פון אים קיין שום וואָרט נישט געקענט אַרויסבאַקומען וועגן זײַן קלאָגן זיך אין פּילץ און וועגן דעם וואָס ער טראַכט צו טון מיט מרימען. ר׳ אברהם דיין האָט אויף אים געקוקט מיט פּחד און דערבײַ געהאַלטן אָנגעגרייט דעם פּרעמיסלער סופרס עדות־זאָגן בכתב. דערצו איז עס אָבער נישט געקומען. יאַקאָב האָט צוגעזאָגט וועגן אַלץ צו רעדן, אויב מען וועט אים צוליב טון און פרי׳ער רופן זײַנע עלטערן אויף אַ דין־תורה. ער וויל דאָ נישט שטיין ווי אַ בעטלער וואָס האָט נישט אויף קיין ביסן, בעת ער איז גאָר אַ נגיד מופלג. מיט מרימען און איר טאַטן וועט ער זיך ערשט שטעלן אויסטענהן, בעת ער וועט זײַן אַזוי רײַך ווי זיי. ער וויל דאָ נישט שטיין און רעדן, בעת ער מוז אַרויסברענגען יעדעס וואָרט מיטן כח פון רחמנות, ווײַל גוטע לײַט וואַרפן אים צו אַ שטיקל ברויט מיט פאַרקילט געקעכץ. די טענות זײַנע האָבן גאָרנישט די העזע בײַ אַזאַ פאַל אַרויסצוקומען מיט קלאָרקייט...

און נאָך אַזעלכע רייד האָט ער גערעדט ביז בײַ די דיינים האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. היות ווי בית־דין האָט סײַווי נישט געהאַט קיין כח אים נאָכאַמאָל צו צווינגען, אַז ער זאָל זיך מודה זײַן און זײַנע טענות האָבן געהאַט אַ סך וואָרהאַפטיקייט, איז באַשלאָסן געוואָרן אים אָוועקצושיקן פרי׳ער קיין פּיןּ. קודם כל האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ געבוירע הקירה־ודרישה וואָס עס איז דער אמת מיט זײַן ירושה. והשנית, איז ער נאָך אַלץ געלעגן אונטערן חשד, אַז דאָ וויל ער בלויז אַביסל אָפּשפּעטן פון אַלעמען, ווי עס איז זײַן שם אין דער ווײַטער פּרעמיסלע. דערפאַר האָט בית־דין באַשלאָסן מיטצושיקן צוויי געזונטע לײַט וואָס זאָלן אים באַגלייטן דעם גאַנצן וועג. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף ר׳ מרדכי יון און אויף לייזער ר׳ הירשס. נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן זיי זיך אַרויסגערירט אין וועג אַרײַן. עס איז מיט אים אַפילו געווען גאָר פריילעך, ווײַל אומעטום האָט מען אים דערקענט און צוליב דעם האָט מען זיי מכבד געווען מיט עסן און טרינקען וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט. אין יעדער שטאָט האָבן די צוויי באַגלייטער געזאַמלט וועגן אים ידיעות,

וואָס האָבן קיין שום ספק נישט געלאָזט, אַז דאָס איז טאַקע דער אמתער יאַקאָב. אין גריידיק האָבן זײַנע גוטע פריינט געוויינט פאַר שמחה, ווײַל מען האָט געשמועסט אַז ער איז שוין געשטאָרבן, נאָר אַ צווייטער האָט אָנגענומען זײַן געשטאַלט. דאָס זעלבע איז געווען אין נײַשטאָט און אין אַנדערע מקומות. אין כענטשין האָט יאַקאָבס אַמאָליקער חבר, דער למדן ר׳ יוסף זיי פאַרהאַלטן אויף שבת. ר׳ יוסף איז שוין געווען שטאָט־נאמן און ס׳איז געווען אַ כבוד בײַ אים אײַנצושטיין. טאַקע ער האָט יאַקאָבן שבת אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר און יאַקאָב האָט פאַר אים געוויינט מיט ביטערע טרערן. ווי נאָר דער נאמן האָט אים געמוסרט פאַר דער מלאכה זײַנער פון פירן אַ גאַנצע עדה פאַר דער נאָז, האָט אים יאַקאָב דערציילט די מעשה נורא מיטן שנײַדער־יונג. איצט האָט ער שוין גע־שווירן איר דאָס לעבן צו פאַרביטערן. וואָסזשע טויגן די רייד ?

היות ווי די צוויי באַגלייטער האָבן אין איין וועגס אַביסל געוואָלט זען די וועלט, איז בײַ זיי באַשלאָסן געוואָרן צו בלײַבן אַ פּאָר טעג אין כענטשין, בכדי זיי זאָלן האָבן געלט אויף טיטון און אַנדערע געברויכן, האָבן זיי אַפילו דערלויבט יאַקאָבן אַרומצוגיין איבער די הײַזער און מאַכן אַ סומע געלט. סײַווי קענען אים אַלע און קיינער וועט זײַן פּנים נישט אַוועקלאָזן מיט ליידיקן. פאַר יאַקאָבן אַליין האָט דער חשובסטער ייִד פון שטאָט, ר׳ מאיר אָפּגעגעבן אַ געלעגער ; און אויפן צווייטן טאָג איז אַפילו ר׳ מאירס ווײַב געלאָפן צום רב דערציילן, אַז יאַקאָב האָט זיך פאַר איר מודה געווען ווער ער איז. ער האָט איר אַפילו מוסר סוד געווען, אַז די מרים איז אַ כשוף־מאַכערין. זי האָט אים כישוף־געטון אַז עס זאָל אים כסדר ציִען צו איר און דערום זאָל ער פון איר נישט קענען אַנטלויפן אויף אייביק אין עק וועלט אַרײַן.

אויך אין וועלפּיוּוקע האָט אים דערקענט אַ קרובה און זי האָט שוין אַלע דרײַ אויפגענומען ווי די פּרינצן. עס איז געווען אַ מחיה צו גיין מיט אים איבער דער וועלט. ווו ער זאָל נאָר נישט קומען טראָגט מען אים אַנטקעגן עסן און געלעגער און די צוויי באַגלייטער האָבן דערווײַל הנאה. ער אַליין האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן רויִק און געפאָלגט אַלץ וואָס זיי האָבן אים געהייסן. עס איז זיי גאָר געוואָרן נמאס צו הערן אומעטום די זעלבע מעשה, וויאַזוי יאַקאָב רעדט אויס פאַר די

אַנגעלאָפּענע מענטשן אויף מרימען דאָס ערגסטע אין דער וועלט. אָבער דערויף זענען זיי דאָך שליחים פון בית דין! אומעטום האָט ער געזאָגט, אַז קודם כל וויל ער זיך אַביסל אויסרוען בײַ דער מוטער. דערנאָך וועט ער זיך מיישב זײַן וואָס ווײַטער צו טון. די מאַמע וועט שוין וויסן וואָס אים צו עצהן. די צוויי ליסער ייִדן האָבן אַפילו בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו רעדן אויפן האָרץ פון יאַקאָבס מוטער און זען, אַז זי זאָל אים אַרויספירן אויפן גלײַכן וועג. אַן עק זאָל עס נעמען!

ערשט ווען זיי זענען געקומען צום פינער באַרג האָט ער זיך לגמרי געענדערט. ער האָט זיי אָנגעוויזן פון דער ווײַטנס ווו עס שטייט דאָס הויז פון זײַן שטיפטאָטן דעם כופר און ער האָט זיך יאָמערלעך צעשריגן:

— דאָס הויז איז פאַר מײַן טאַטנס געלט! ס'איז מײַנס! פאַר־וואָס זאָל ער עס צונעמען?

זיי האָבן אים קוים באַרויִקט בײַם אָנקומען קיין פין, ס'האָט זיי מקבל פנים געווען דער רופא און באַרבירער פון שטעטל, יאַקאָבס אַ נאָנטער קרוב. יענער האָט זיי אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב און פאַר זיי אַוועק־געשטעלט אַ פלעשל בראנפן. איבער דער צײַט וואָס יאַקאָב האָט זיך משמח געווען מיט זײַנע משפחה־לײַט, זענען דערווײַל די צוויי ליסער באַגלייטער זײַנע אַרומגעלאָפן איבער פין אויספאָרשן די שטאָטלייט. באַלד האָבן זיך גאַנצע המונים אָנגעקליבן צום רופא אין חצר אַרײַן. דער רופא איז נאָך געווען אין ספק אויב ער האָט פאַר זיך דעם אמתן קרוב און דערפאַר נישט אַרײַנגעלאָזט קיינעם צו זיך. ער האָט בלויז גענומען טענהן מיט קלוגשאַפט צו יאַקאָבן און געזאָגט:

— עס איז נישט שיין, אַז דו זאָלסט זיך ווײַזן פאַר לייטן אין דײַן פאַרוואַקסענעם געשטאַלט. קהל ווייסט אַז דו ביזט בײַ מיר און אַז איך בין אויסער רופא אויך אַ באַרבירער. וועלן זיי דערנאָך שפּאָטן און זאָגן: אַלעמען שערט ער פאַר אַ פאַר פרוטות די האָר און מאַכט זיי שיין. נאָר זײַן אייגענעם קרוב לאָזט ער אַרומגיין באַוואַקסן, ווײַל ער איז אַן אָרעמאַן און קען אים נישט משלם זײַן. דערפאַר מוז איך דיך אַרומשערן...

יאַקאָב האָט מסכים געווען מיט צופרידנקייט און דער רופא האָט זיך גענומען צו דער מלאכה. ערשט דאָ האָט ער דערזען יאַקאָבס שראַם צווישן די האָר. דאָס האָט ער באַקומען קליינערהייט, בעת ער האָט זיך

געשלאָגן מיט די גויִישע ייִנגלעך און זיי האָבן אים געעפּנט דעם קאָפּ. טאַקע ער האָט עס קוים אָפּגעראַטעוועט יאַקאָבן פון טויט און דערפאַר קען ער גוט דעם סימן. ערשט דערנאָך האָט ער צו אים אַרײַנגעלאָזט די שטאָטלײַט. אַלע האָבן אים דערקענט. ער האָט גערעדט האַרבע רייד און געמאָנט אַז אַלע פּינער יידן זאָלן אים העלפן אָפּנעמען זײַן נחלה. דער רופא האָט אים געגעבן גערעכט און יאַקאָב האָט פאַר די שטאָטלײַט דערציילט מעשהס פון דעם נחן, פון וועלכע זיי האָבן געהאַט דאָס גרעסטע געלעכטער. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָ וועט דאָס גאַנצע שטעטל אויפֿציטערן פון דער מחלוקת.

ערשט ווען דער רופא האָט גענומען גרייטן נאָכטלעגער פאַר אַלע דרײַ אורחים האָט זיך געעפנט די טיר און יאַקאָבס מוטער, מרת פויגל מיט איר טאָכטער זענען אַרײַנגעקומען. איר פּנים איז געווען גרין פון צער און חרפּה. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַ דער טיר און גאָרנישט געזאָגט. זי האָט בלויז געקוקט אויף יאַקאָבן ווי אַ געשלאָגענע. יאַקאָב האָט איר קוק נישט געקענט אויסהאַלטן און ער איז שטיל געוואָרן אין מיטן זײַנע רייד. דער מוטערס רחמנות האָט זיך פון דעם דערוועקט. איז זי צוגעגאַנגען נענטער און ליבלעך אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן קאָפּ. דאָס האָט אים שוין לגמרי צעטומלט. אַלע האָבן געמיינט, אַז די קריגערײַען וועלן דאָ באַלד אויסברעכן, נאָר זיי האָבן געמאַכט אַ טעות. פויגל האָט נאָר שטילערהייט אַ קרעכץ געטון:

— פאַרוואָס ביזטו נישט געקומען צו מיר, נאָר געגאַנגען צו פרעמדע מענטשן?

יאַקאָב האָט איר גאָרנישט געענטפערט. די מוטער האָט זיך דערווײַל שטרענג אַרומגעקוקט איבער די אַלע אַנגעלאָפענע לײַט און באַפעלעריש אַ זאָג געגעבן צו יאַקאָבן:

— קום!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט נעמען זײַן אויבער־ראָק. די מוטער האָט אָבער שוין געשפּרײַזט צו דער טיר און ער איז איר נאָכגעגאַנגען האַלב אויסגעטון. לייזער מיט ר׳ מרדכי יון, די צוויי שליחים פון ליסע, זענען טאַקע געווען הונגעריק און מיד. זיי האָבן אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. האָבן אויך זיי זיך שווײַגנדיק אויפגע־

שטעלט און נאָכגעשפּרײַזט, בכדי נישט צו פֿאַרלירן יאַקאָבן פֿון אויג. אַלע אָנגעזאַמלטע מענטשן האָבן זיך צערוקט אין אַ זײַט און זיי געלאָזט פֿאַרבײַגיין. דער רופֿא, וואָס האָט זיך געפּאָרעט בײַם צוגרייטן דאָס נאָכטמאָל פֿאַר די געסט, האָט זיך די אייגענע אויגן נישט געקענט גלויבן. וואָס קומט דאָ פֿאָר? עפּעס אַ כּשוף רחמנא לצלן! איז ער דערפֿאַר שטיין געבליבן אַ פֿאַרגליווערטער אויף זײַן אָרט און נישט באַוויזן אַרויסצורעדן קיין וואָרט, ביז ער איז אַליין געבליבן אין זײַן חדר.

— 3 —

ר׳ נח פֿינער איז ערגעץ אַוועקגעפֿאָרן האַנדלען אויף עטלעכע טעג. פֿויגל איז געבליבן אַליין מיט די קלענערע קינדער און דערפֿאַר געקענט טון וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. זי האָט דערפֿאַר אַרויפֿגעפֿירט די צוויי שליחים אויפֿן בוידעם־שטיבל און יאַקאָבן האָט זיך אַרײַנגענומען צו זיך אין חדר און זיך מיט אים פֿאַרשלאָסן. ער האָט די גאַנצע צײַט זיך אויסגעהיטן פֿון צו רעדן אַ וואָרט און שטום אויסגעפֿאָלגט וואָס זי האָט אים געהייסן. עס האָט געקענט אויסזען אַז ער איז איר אונטערטעניקסטער קנעכט, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויף דער מינוט ווען זי וועט איבער אים באַפֿעלן. ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַזעלכע הכנעהדיקע אויגן. אַז די צוויי ייִדן האָט עס געשניטן בײַם האַרץ. וויאַזוי אַ מענטש קען זיך דאָס ענדערן מיניה וביה! נאָר צופֿיל זיך אָפּגעבן דערמיט איז פֿאַר זיי נישט געווען קיין עסק.

דער ערשטער, לייזער הירשס, איז אַלעמאָל געווען אַ פֿריילעכער און אומרויִקער. האָט אים די פֿרעמדע שטאָט געריצט און ער האָט געזוכט נײַע קאָנטשאַפּטן. אויסער דעם האָט ער זיך פֿאַרנומען מיטן אויסלײַען געלט אויף משכּנות. האָט ער איבערגעלאָזט דעם זון בײַ דער מאַמען און אַליין איז ער אַוועק זוכן אַ געלעגנהייט צו מאַכן עפּעס אַ מסחר. איז ר׳ מרדכי יון געבליבן אַליין אין אויבערשטיבל און דער פּחד פֿון אַליינקייט האָט אים טרויעריק געמאַכט. אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ חשד וועגן זײַן שותּף, לייזערן. ווער ווייסט אויב ער האָט נישט קיין געשעפֿטן מיט יאַקאָבן. אויפֿן וועג האָט ער זיך מיט אים צו גוט פֿאַר־

האַלטן און נישט ווי קיין שליח פון בית דין. ר׳ מרדכי האָט זיך איבער־גערעכנט, אַז ער טאָר אַזאַ נאַכט נישט פאַרשלאָפן און ער מוז האַלטן אויג אויף דער גאַנצער חברה. וואָס וועט ער טון, אַז דער יאַקאָב וועט גאָר אַנטלויפן?

ער האָט דערפאַר שטילערהייט אויפגעמאַכט די טיר און מיט די טרעפּ געזוכט דעם וועג צו יאַקאָבס געלעגער. ביי פויגלען אין הויז זענען שוין אַלע געשלאָפן. ער האָט זיך דערפאַר געגליטשט מיט באָרפיסע טריט פון חדר צו חדר, ביז ער האָט דערזען אַ שטראַל ליכט אַרויסשיינען און ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָרט געפינט זיך יאַקאָבס מוטער. צו זיין גליק האָט ער באַמערקט אַ ליידיקע שראַנק, וואָס איז געווען עטוואָס געלעכערט און דורכן לאָך האָט מען געקענט זען וואָס אין יענעם חדר טוט זיך. ער האָט זיינע אויגן אָנגעשטעלט צו דער אינעווייניקסטער זייט. אָבער דאָ האָט ער געזען עפּעס אַזוינס פון וואָס עס האָט אים אָפּגעכאַפּט אַן אימה:

ביי דער זייט פון דער וואַנט איז געשטאַנען אַן אויסגעבעטע באַנק אויף וועלכער יאַקאָב איז געלעגן אַזוי ווי אומבאַוועגלעך. איבער אים איז געשטאַנען ר׳ נחס ווייב מיט אַ ליכט אין דער האַנט און געהאַלטן אין איין קוקן אויף־ אים. אירע האָר זענען געווען צעשויבערט און אויף איר שאָטנדיק פּנים איז געלעגן דער טרויער פון ביינאַכט. דערנאָך האָט זי אָנגעטריפט דאָס ליכט נאָענט פון יאַקאָבס קאָפּ און זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים קראַנץ פון זיין געלעגער. מרדכי יון האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם, בעת ער האָט געזען וויאַזוי זי ווערט ראַפּטום ווילד און זי נעמט אַראָפּשלעפּן פון יאַקאָבן די מלבושים. ער האָט לגמרי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָרט קומט פאָר און זיינע געדאַנקען האָבן אים שוין געהעצט, אַז ער זאָל זיך אַריינרייסן אינעווייניק און נישט לאָזן. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן נאָך אַ ווייל פון אָטעמען הויך, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ גנב. באַלד האָט ער געזען, וויאַזוי זי ציט יאַקאָבס נאַקעטע הענט נענטער צום ליכט, זי באַטראַכט מיט איינגעגראָבענע אויגן זיינע האַנט־געלענקען און יעדער איינצלנעם פינגער. יאַקאָב אַליין איז ווייטער געלעגן אין טיפן שווייגן און אומבאַוועגלעך. בלויז זיין האַנט האָט זיך אונטערגעגעבן מיט מוראדיקער אונטערטעניקייט. ר׳ מרדכי האָט צוגעזען

וויאַזוי איר האַנט באַוועגט זיך ענערגיש און איר גאַנצער קערפּער איז אַנטשלאָסן איבערגעגעבן איר זוכעניש. אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָט זי גע־טאַפּט מיט אירע הענט יעדעס ברעקל אבער פון דעם ליגנדיקן און זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו דערבליקן זײַנע פאַרבאָרגנסטע טיילן. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ טויטער חפץ. דעם יון זענען געקומען די מוראדיקסטע רעיונות אין קאָפּ. ער האָט זיך שוין צוגעבויגן מיט אַלע חושים צום לעכל און געוואָלט אויפכאַפּן דעם מינדסטן שאָרך. דערויף איז ער שליח פון בית דין און ער וועט טאַקע באַווײַזן, אַז נישט לייזער נאָר ער איז עס ראוי געווען צו אַזאַ שליחות. פּלוצים האָט ער געהערט אַ קול, וואָס איז ענלעכער געווען צו אַ מוטערס, איידער צו אַ ווילדער מכשפה. דאָס קול איז געווען שטיל, וויינענדיק און אָנגעזאָפּט מיט צער:

— יאַקאָב... אומגליקלעך קינד מײַנס...

דערנאָך איז געקומען אַ צווייט קול ווי פון אַ מאַן וואָס וויל זיך האַלטן שטאַרק און דאָך איז עס געוויקט אין טרערן:

— דו ביזט דאָך אַ מאַמע פונדעסטוועגן... זאָג זשע מיר, פאַר־וואָס קומט עס מיר?

פאַר מרדכי יון איז ערשט איצט קלאָר געוואָרן, אַז די פויגל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט אַז זי האָט פאַר זיך דעם פאַרלוירענעם זון — ביז זי האָט אים נישט גבדהנט פון קאָפּ ביז די פיס. ערשט דערנאָך האָט דאָס אײַז פון איר האַרץ געפּלאַצט און זי האָט גענומען רעדן. מרדכי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ער וועט דאָ הערן קען זײַן פון גרויס נוציקייט פאַרן בית דין. דערפאַר האָט ער מער נישט מורא געהאַט. ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער שראַנק און צוגעלייגט זײַן אויער צו דער סאַמע טיר. ווען לייזער איז צוריקגעקומען פון שטאָט האָט ער דערנאָך נישט געקענט וויסן, ווײַל ער איז שוין געשטאַנען אויף זײַן אָרט ביז דער שמש האָט געקלאַפּט אין די לאָדנס.

דער שמועס צווישן דער מוטער מיטן זון האָט זיך געצויגן גאָר לאַנג. צוערשט האָט די מוטער נישט אויפגעהערט צו האַלדזן איר זון און גיסן מיט טרערן. ווייסט ער כאָטש ווי שטאַרק זי האָט אים ליב און וויפל צער זי האָט געהאַט צוליב זײַן אָפּגעריסנקייט? אירע רייד האָבן געקענט

רירן אַ שטיין, נאָר דעם יאַקאָב האָבן אירע רייד בלויז אויפגעוועקט און האַרט געמאַכט. מרדכי האָט געהערט ווי ער פרעגט די מוטער מיט זײַן צאָרנדיקן קול:

— זייער שיין! אָבער וואָס איז געוואָרן מיט מײַן כסף? דו האָסט אַלץ אַרײַנגעשטאָפּט אין דײַן כופר אַרײַן און מיך האָסטו געלאָזט צו שאַנד און צו שפּאָט. אַזוי האָסטו מיך ליב? איז דאָס רעכט פאַר אַ מאַמען? דו ווייסט דאָך יאָ, וויאַזוי ער האָט בײַ מיר אַלצדינג צוגע־גזלט...

די מוטער האָט זיך פאַרשעמט געפּרוווט פאַרענטפערן:

— קינד מײַנס, וואָס זאָל איך טון? איך בין בלויז אַן אשה און וואָס קען איך מאַכן קעגן אַ בייזן מאַן? נאָר זאָרג נישט. איך וועל דיר שוין ממלא זײַן דײַן שאָדן. ביזט דאָך מיין קינד, וועל איך דיך נישט פאַרלאָזן.

יאַקאָבס קול האָט זיך שוין אײַנגעבראָכן, צעטראָגענער געוואָרן:

— איך גלויב דיר, מאַמע... אָבער איין זאַך וויל איך פון דיר: גיב מיר אָפּ מײַן טלית! איך קען זיך פאַר מענטשן נישט ווײַזן. דער מינדסטער בעטלער דאַוונט אין זײַן אייגענעם טלית, נאָר בײַ מיר איז עס נישט אַזוי. איך ווייס, אַז דו האָסט מײַן טלית געגעבן אין נדן מײַן שוואָגער... פרעג איך דיך בלויז: וויאַזוי קען איך דאָ אַראָפּגיין דאַוונען צווישן מענטשן?

קיין ענטפער האָט מרדכי יון נישט געהערט. עס איז דאָרט שרעקלעך שטיל געוואָרן און מרדכי אַליין האָט זיך דערמאָנט, אַז באַלד וועט ער אויך מוזן גיין אין בית המדרש. דערצו מוז ער פאַרשרײַבן דאָס געהערטע, כל זמן דער זכרון איז פריש. פון אינעווייניק האָבן זיך געלאָזט הערן טריט צו דער טיר און מרדכי האָט געהאַלטן פאַר בעסער נעלם צו ווערן. ער האָט נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן דער מוטערס עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן שוין געקלונגען טרוקן:

— עס מעג שוין זײַן גענוג... וועסט דאָך באַקומען דאָס דײַניקע!

באַלד האָט טאַקע מרדכי געהערט יאַקאָבס טריט. ער איז אַנטקעגנ־געגענגאַנגען און ביידע האָבן זיך געלאָזט צום פּינער בית־המדרש. מרדכי האָט באַמערקט אַז יאַקאָב גייט אַהין אָן אַ טלית. זעט אויס, אַז זײַן

מוטער קען אַ סך ווייגען אָבער ווען עס קומט צו געבן וואָס אים באַלאַנגט פאַרגעסט זי אין אַלץ. יאַקאָב האָט דעם גאַנצן וועג פּינצטער געשוויגן און מרדכין האָט אָנגעכאַפּט אַ ביטער רחמנות צו אים. ערשט אין בית המדרש איז ער שטאַרק לעבעדיק געוואָרן. יאַקאָב האָט געוואָלט דאַווענען און געמוזט בעטן מען זאָל אים באָרגן אַ טלית. דער שמש האָט געמוזט אויפשליסן דעם שולחן, ווו עס ליגן די יום־טובדיקע טליתים פון די חשובסטע לײַט. יאַקאָב האָט אַליין גענומען נישטערן צווישן זיי, ביז ער האָט איינעם אַרויסגעשלעפּט און מיט ווילדן טריומף אים אויפגעהויבן פאַר אַלעמענס אויגן:

— מײַן טלית:

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זײַן שוועסטערס מאַן האָט דעם טלית איבערגעלאָזט ווי אַ פּקדון בײַם שמש, בכדי ער זאָל שבת קענען נזהר זײַן אין טראָגן. אויס דרך ארץ האָט יאַקאָב אים אָבער צוריקגעגעבן דעם שמש. די גבאים האָבן צוגעזאָגט מרדכין דאָס צו פאַרשרײַבן אויף אַ כתב צוזאַמען מיט אַנדערע סימנים, וואָס זאָלן באַווײַזן אין ליסע, אַז דאָס איז זייער יאַקאָב. דערנאָך האָבן זיך אָוועקגעלאָזט צו פויגלס שטוב גאַנץ קהל, פון אַלטע לײַט ביז נשים וטף און אַלע האָבן אים דערקענט. אויך ערלים האָבן אויף אים געגעבן די בעסטע סימנים. מרדכי יון האָט דערפאַר אָנגעזאַמלט אַ גאַנצן פּאַק מיט כתבים, וואָס ער האָט צונויפגע־בונדן מיט אַ שנור. דאָס הארץ איז אים פרייליך געווען און ער האָט שוין געטראַכט, אַז דאָס מאָל וועט די מרים געהאָלפן ווערן דורך זײַנע הענט. מער קענען קיין ספקות אין דעם פאַרשווין נישט זײַן.

אַביסל שווערער איז עס געווען מיט דער צווייטער זאַך, וואָס ער האָט געדאַרפט דערפירן לידי גמר. ווי נאָר ר׳ נח איז צוריקגעקומען פון זײַן נסיעה האָט מען אים געשיקט רופן לדין. אָבער ווען נח איז אַרײַנ־געקומען אין קהל־שטוב האָט ער נישט דערקענט דעם יאַקאָב. זײַנע נאָז־לעכער האָבן זיך צעבלאָזן מיט גרימצאָרן:

— ווער איז דאָס דער שווינדלער וואָס רופט מיך צו אַ דין תורה? איך קען דאָך אים גאָרנישט!

פאַר גערעכטיקייט־וועגן האָט מרדכי יון אויך זײַנע טענות פאַר־

צייכנט. ס׳איז אָבער בלויז געווען פאַר יוצא וועגן. יאַקאָב האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון זײַן כעס און אים געפרעגט מיט אַ רויִק געמיט:

— אפשר וויל דער לייקענער, אַז איך זאָל אים געבן סימנים ווער איך בין?

און נישט וואַרטנדיק ביז דער שטיפּטאַטע וועט ענטפערן, האָט ער אָנגעהויבן דערציילן פאַרבאָרגענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן נחן און זײַן מאַמען. נח האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און מיט אַ בלויִ פּנים זיך געבעטן:

— זאָל ער אויפהערן! אויפן פּנים דערקען איך אים נישט, אָבער די סימנים זענען שוין גענוג...

יאַקאָב האָט זיך נישט געלאָזט איבעררײַסן. עס איז אים באַפאַלן אַ חשק צו רעדן אָן אַ סוף — און דווקא זאָל ער דערציילן דאָס אַלץ וואָס נח וויל נישט הערן בפני קהל ועדה. ער האָט דערפאַר שאַרף אָנגעקוקט דעם שטיפּטאַטן:

— זאָל איך אפשר אָנגעבן סימנים, וויאַזוי בײַ אונדז אין שטוב איז געמאַכט געוואָרן אַ גנבה, בעת אַלע סחורות זענען נאָך פריִער אַרויסגעטראָגן געוואָרן? איך בין דאָן געלעגן באַהאַלטן אין יענעם חדר, ר׳ נח... איך וועל אויך געבן אַ רשימה פון מײַנע חפצים וואָס זענען אונטער אײַער האַנט. און וואָס איז מיט מײַנע שבתדיקע בגדים, וואָס איר האָט נדן געגעבן אײַערע טעכטערס מענער? זאָגט אַ וואָרט וועגן דעם, שטאָט־נגיד פון קהילת פּין!

ר׳ נחן האָט עס געהויבן פון אָרט:

— דו האָסט אָבער פאַרגעסן, אַז דו ביזט מיר שולדיק צוואַנציק רענדלעך. איך האָב אַ צעטל מיט דײַן חתימה דערויף. האָב איך די זאַכן געהאַלטן אַלס משכון.

און בכדי ער זאָל דאָס בית דין צונויגן צו זײַנע רייד האָט ער אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר און הויך אַ פרעג געטון יאַקאָבן:

— קענסט אפשר זאָגן אַז דאָס איז נישט דײַן כתב יד?

יאַקאָב האָט אים געלאָזן אָפּגעווענדעט:

— עס איז נישט נויטיק איר זאָלט פרעגן. איך בין מודה אַז די חתימה אויפן חוב פון צוואַנציק רענדלעך איז מײַנע. אָבער אויך דאָס

איז אײַערס אַ געגאַרערײַ. איך האָב דאָ בלויז ערב געווען פאַר דער הלוואה וואָס מיין שוואָגער האָט געגעבן נחן. איך בין נאָך יונג געווען און איר, ר׳ נח האָט בײַ מיר אויסגענאַרט די אונטערשריפט בכדי איר זאָלט באַקומען די הלוואה. . איר געדענקט, וויאַזוי איר האָט מיר אַפילו איינמאָל אַרײַנגערוקט פאַלש געלט ? ווו איז ערגעץ דער שוואָגער מײַנער, לעזיל ! און ווו איז דאָ מײַן שוועסטער מעמקע ? זאָל מען זיי רופן, ווײַל זיי זענען דאַן געשטאַנען דערבײַ...

ר׳ נח האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די שטאָטלײַט, וואָס זענען געווען בײַם דין־תורה האָבן זיך פריילעך איבערגעוווּנקען און די דיינים האָבן מיט אַ טרויעריק אויג אָנגעקוקט ר׳ נחן. עס איז זיך נישט שווער געווען פאָרצושטעלן וואָס דער פסק דין וועט דאָ זײַן.

דער סופר פון קהל האָט זיך שוין צוגערוקט נענטער צו יאַקאָבן און פאַרשריבן יעדעס חפץ, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון נחן. דער שטיפטאַטע האָט זיך מער ניט געפּרוווט אָפּווערן. יאַקאָב האָט אָבער בײַ יעדן חפץ באַזונדער צוגעגעבן אַ גאַנצע געשיכטע, וויאַזוי עס איז געקומען צו נחן אין דער האַנט אַרײַן. פון אַזעלכע מעשהס האָט דעם נחס פּנים אָנגעהויבן ווערן רויט און בלאַס. ביז אַ דיין האָט יאַקאָבן געמוזט איבעררײַסן:

— דער נתבע לייקנט סײַווי נישט מער. דערפאַר טאָרסטו מער נישט צאַפּן בײַ אים דאָס בלוט. פריִער איז עס נויטיק געווען צוליבן דין, אָבער איצט הייסט עס שפיכת דמים. ווילן מיר מער נישט הערן !

מרדכי יון איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין אַ ווינקל און זיך נישט אַרײַנגעמישט אין עסק. זײַן פעדער איז בלויז פלינק געלאָפן איבערן פּאַ־פּיר און זײַן הארץ איז גרויס געוואָרן פאַר גדולה. אַזויפיל באַווײַזן און סימנים האָט נאָך קיינער נישט געבראַכט, זינט יאַקאָב האַלט אין איין אויפרודערן די הערצער. זײַן דמיון האָט אים שוין געמאָלן, וויאַזוי זײַן נאָמען וועט אַרומפליִען פון איין שטאָט צו דער אַנדערער און אַלע גאונים פון דור, וואָס דער ליסער גט לאָזט זיי נישט שלאָפן אין די נעכט, וועלן מוזן זיך עדותן מיט זײַן נאָמען און אים בענטשן. דאָס איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט. צוליב אים וועט די תורה קלאָר ווערן. זײַן שם וועט גרייכן ווי ווײַט, אין זכות פון דעם וואָס מען וועט קענען

לערנען נאָך אויף זײַנע כתבים דעם אמתן פּשט פון דער זאַך. ער האָט דערפאַר מיט גרויס געהיטנקייט צונויפגענומען דאָס געשריבענע און ווי אַ הייליקע זאַך אַרײַנגעלייגט דאָס בינטל אין זײַן בוזעם. ער האָט אפילו מער נישט אויסגעהערט וואָס דער בית דין פון פּין האָט געפּסקנט צווישן יאַקאָבן און נחן.

קאַפּיטל זעבצן

— 1 —

אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט דער עסק אין פּין, אָבער אין משך פון דער צײַט האָט מען דעם צווייטן שליח פון ליסע כמעט פאַר די אויגן נישט אָנגעזען. עפּעס האָט ער אַרומגעשמײַעט איבער די הײַזער און מרדכי האָט אפילו נישט געוווּסט ווו ער עסט און ווו ער נעכטיקט. דער תמימותדיקער מרדכי יון האָט אים אַפילו חושד געווען, אַז אויך דאָ מאַכט ער זײַנע פּראַצענט־געשעפטן און ווײַטער גייט אים גאַרנישט אָן. אַזוי ווי ער האָט געוואָלט זײַן געטרײַ דער שליחות, האָט ער בײַ זיך אין האַרץ געטראַכט אַז ער וועט עס מוזן דערציילן אין ליסע. ער וועט נאָך דאַרפן הערן, אויב לייזער מעג נעמען על פּי דין דעם מינדסטן גראָשן שכר הליכה, בעת ער האָט דאָ קיין פינגער נישט צוגעלייגט צום עסק. ער האָט אָבער געדענקט דעם פּסק „אל תרגזו בדרך” און ער האָט אויפן וועג נישט געוואָלט פירן קיין מחלוקתן. דערפאַר האָט ער בלויז אײַנגעוויקלט פעסטער די כתבים מיט די גביית־עדותן און זיי גוט באַהאַלטן צווישן זײַנע בגדים. וואָס דאַרף ער מער? דערנאָך וועט ער זיך שוין צעחשבונען מיטן שותף, אַז יענעם וועט פינצטער ווערן אין די אויגן.

ערשט אין דער לעצטער מינוט איז לייזער אָנגעלאָפן. ער איז אָנגעקומען פון ערגעץ גאָר פריילעך און עס האָט אויסגעזען, אַז ער האָט לגמרי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז דאָ געקומען. עס האָט אים גאָר געוווּנדערט און אפילו פאַרדראָסן פאַרוואָס מען לאָזט זיך שוין אין וועג אַרײַן:

— אוי ווײ, מען גייט דאָך שוין טאַקע צוריק...

דערבײַ האָט ער פֿלינק אַ ציִ געטון יאַקאָבן בײַ דער באָרד, מעשה היימישער מענטש. מרדכי האָט אַפֿילו באַוויזן צו זען, וויאַזוי ער טוט אַ באַהאַלטענעם ווינק צו יאַקאָבן גלײַך ווי זיי וואָלטן דאָ געהאַט צווישן זיך פֿאַרבאָרגענע סודות. יאַקאָבן איז נישט מעגלעך געווען צו דערפֿרייען. אַפֿילו לייזערס היימישע שפּאַסן האָבן אים נישט געקענט אַרויסרײַסן פֿון זײַן טרויער. זעט אויס, אַז לייזער האָט דערפֿון נישט געוווסט, אָבער מרדכי האָט שוין באַוויזן אויסצושנאַפּן וואָס מיט אים איז פֿאָרגעקומען.

בײַ דער דין תורה האָט מען אים טאַקע צוגעפּסקנט אַלץ וואָס אים קומט. די דיינים האָבן לאַנג געצויגן בײַ דער וואָגשאָל פֿון דין און זיי האָבן אויסגעפֿירט, אַז נח זאָל אים צוריקגעבן זײַן ביסל געלט, די חפֿצים און אַפֿילו דעם טלית. זיי האָבן אַפֿילו צוגעזאָגט אויסצופֿאָרשן געַנוי דעם ענין ירושה און דערנאָך אָפּשאַצן, וואָס נח דאַרף צוריקגעבן יאַקאָבן. דערווײַל קען יאַקאָב גיין זײַן וועג און מען וועט אים שוין מודיע זײַן ווען ער קען קומען אָפּנעמען דאָס איבעריקע. ער וואָלט דערמיט געמעגט צופֿרידן זײַן. בפֿרט ווען ער האָט נאָך דערגרייכט זײַן נקמה און באַוויזן פֿאַר גאַנץ קהל ווי פֿאַלש זײַן באַטריגער איז. וואָס נאָך האָט ער דען גע־וואָלט ?

האָט זיך אָבער נאָכדעם באַוויזן די מוטער. נח האָט אים דאָס מאָל נישט געטריבן פֿון שטוב. אדרבא, ער אַליין האָט זיך גאָר אויסבאַהאַלטן און מען האָט געשמועסט, אַז ער איז אַוועק צו זײַנס אַ שוועסטער ביז דער צאָרן וועט אַריבער. אָבער זײַן ווײַב פֿויגל איז דערפֿון גאָר צעבראָכן געוואָרן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט געוויין איבער יאַקאָבן און געמאָנט בײַ אים יושר: ציִ ווייסט ער, אַז זי דאַרף מפֿרנס זײַן אַ פֿולע שטוב מיט קינדער און אייניקלעך? אָן נחן ווייסט זי נישט וואָס צו טון — און יענער האָט באַשלאָסן, אַז צוליב איר זון וויל ער זי מער נישט אָנזען... פֿרעגט זי אים בלויז: איז עס אים טאַקע ניחא? אויך די שוועסטערן האָבן צו אים געהאַט בערג מיט טענות: צו זיי איז נח געווען אַ טאַטע און דערפֿאַר האָט יאַקאָב אויך זייער מזל באַפֿלעקט און פֿאַרפֿינצטערט. וויאַזוי זשע קענען זיי שווײַגן? עס זענען צו אים געקו־מען די שוואָגערס און גערעדט תחנונים צוזאַמען מיט שטראָף־רייד. בײַ

זיי איז אויסגעקומען, אַז דער גאַנצער יאַקאָב האָט גאָרנישט מורא פאַר גאָט. אַזוי צו באַפלעקן אַן אייגענע משפחה! און עס זענען געקומען די יינגערע שוועסטערן, וואָס האָבן געהאַלטן ביי שידוכים און געקלאָגט, אַז זיי מעגן איצט וואַרטן אויף די ערגסטע חתנים. ווער וועט זיי איצט וועלן נעמען? ווער שמועסט נאָך, אַז דער פאָטער וועט נישט זיין אין שטוב — איז שוין אַלץ גאָר הפקר! ס'וועט זיין ווינד און ווי צו זיי.

יעדער איינער באַזונדער האָט פאַר אים געוויינט, געזידלט, געגלעט איבערן קאָפּ און דער באָרד, געחנפהט און צוגעזאָגט... נישט אַנדערש, נאָר ער דאַרף גאָר פאָרן און בעטן מחילה ביי נחן. ער איז פאָרט עלטער פאַר אים און דערצו איז ער זיינע שוועסטערס טאַטע! האָט ער גאָר קיין יהדות נישט אין זיך?

פון זייערע רייד און געוויינען איז יאַקאָב ווייך געוואָרן און צע־קראַכן. עפּעס האָט די מאַמע איינגעוויקלט אַביסל מטבעות אין אַ פּאַ־פּירל און אַריינגעשטופּט אין זיין בוזעם. דאָס אַנדערע האָט זי צוגעזאָגט אים אָפּצוגעבן, ווי נאָר די שטוב וועט זיך באַרויקן. ער האָט דאָ חלילה נישט צו טון מיט קיין גזלנים. יאַקאָב איז שרעקלעך מיד געוואָרן פון דעם גאַנצן רעש, ביז עס האָט זיך אים שוין פאַרבענקט ווייטער צו לויפן אין אַזעלכע ערטער ווו קיינער קען אים נישט. סוף כל סוף איז דאָך אים שוין בעסער געוועזן דער וואַנדער, ווו יידן האָבן אים אויפגענומען מיט גריץ און אַ געלעגער, נישט וועלנדיק פון אים קיין האָר. וואָסזשע דאַרף מען זיך דאָ וואַלגערן אויף דער מאַמעס ווייכן געלעגער?

מרדכי יון האָט נישט געקענט אויפכאַפּן און פאַרשרייבן אַלע רייד, וואָס מען האָט אין דעם יאַקאָב אַריינגעוואָרפן. ער אַליין האָט זיך שוין געפילט אַזוי ווי אויף אַ יריד און דער וועג האָט אים שוין געצויגן צו זיך. ער האָט בלויז געזען ווי יאַקאָב פינטלט כסדר מיט די אויגן, ווי איינער וואָס מען שטויסט אים אָן אויפהער צו דער וואַנט און ער האָט נישט ביי וועמען צו זוכן אַן אָנשפּאַר און אַ הילף. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער שלימזל גיט ביסלעכווייז אַלצדינג נאָך און לאָזט מיט זיך טון וואָס מען וויל. עס איז אים געווען אַ צער צוצוקוקן. מרדכי האָט אַפילו געוווסט, אַז דאָס איז נישט זיין עסק — און דאָך האָט

ער זיך געוואָלט אַרײַנמישן, העלפן יאַקאָבן מיט אַן עצה, וואָרענען אים:

— יאַקאָב... וואָס טוט זיך דאָ? מיר דוכט זיך, אַז זיי דרייען דיר אָפּ דעם קאָפּ מיט זייער גוטסקייט.

נאָר יאַקאָב האָט אים שנעל און פאַרצווייפלט אָפּגעענטפערט:

— וואָס זאָל זיך דאָ טון? איך בין געווען אַ שלעפּער און וועל ווײַטער בלײַבן אַ שלעפּער. אַזוי דאַרף עס צו זײַן און איך בין מער נישט ווערט... וואָס פרעגסטו נאָך?

האָט טאַקע מרדכי מער נישט געפרעגט. יאַקאָב איז מער צום בית דין נישט געגאַנגען זיך קלאָגן. מרדכי האָט דערנאָך מער נישט געוווּסט, אויב יאַקאָב האָט איבערגעבעטן נחן אָדער נישט. ער האָט בלויז ווידער געזען דעם בעל־הבית פון הויז און באַמערקט וויאַזוי אַלע פון שטוב בלאָזן אים שולדיק די טריט.

מרדכי יון האָט געקענט די וועלט און מען האָט אים נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל. דער יאַקאָב איז באמת אַ פּגע רע און לאָזט זיך פירן פאַר דער נאָז. וועט ער אים קיין עצות נישט געבן. אויב ער האָט אַ הארץ פון אַ פליג און אַ פּאָר טרערן מאַכן אים ווייכער פון וואַקס, איז מרדכי אים נישט מחויב צו לערנען וויאַזוי זיך צו פירן. טויזנט שונאים קענען אַ מענטש נישט טון, דאָס וואָס ער אַליין טוט זיך. איינס האָט ער בלויז פאַרשטאַנען: מען דאַרף עוקר זײַן וואָס שנעלער קיין ליסע! זינט נח איז צוריקגעקומען האָט יאַקאָבס מאַמע אויפגעהערט צו קאָכן פאַר זיי די גוטע מאכלים און אַלע שטוביקע האָבן אויף אים געגומען קוקן ווי אויף עפּעס אַן אָנשיקעניש. וואָס האָט ער דאָ צו טון?

זעט אויס, אַז זיי האָבן טאַקע נישט געדאַרפט וואַרטן אויף קיין כבוד. אין אַ פאַרטאָג האָט פויגל זיי אַרײַנגעבערענגט די מאָגערע פּעקלעך און מיט שטומער צעבראָכנקייט צעשפרייט די הענט. זיי זענען דערנאָך געבליבן שטיין אין דרויסן און נישט געוווּסט וווהין צו גיין. יאַקאָב האָט מער קיין פרעמדע מענטשן פון שטעטל נישט געוואָלט זען אויף די אויגן. עס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ הייסע שנאה צו יעדן איינעם פון דאַנעט. מרדכי יון האָט פּשוט געוואָלט וויינען פון רחמנות... ער האָט

פּלוצים דערזען אַז יאַקאָבס בגדים זענען היפּש אָפּגעטראָגן. דאָרט ליגט אַ קופערט מיט מלבושים, אָבער קיינער האָט אים גאָרנישט אַרויסדער־לאַנגט. די קליינע סעריל, יאַקאָבס יונגע שוועסטער האָט נאָך באַוויזן מרדכין צו דערציילן, אַז דער טאַטע איז בייז און ער האָט געוואָרנט, אַז ער וועט זיי אַלע מעביר נחלה זײַן, אויב מען וועט דעם מחוצף איצט עפּעס אַרויסגעבן... פּאַר זײַן בזיון, רבונו של עולם! בית דין מעג קומען אַליין און נישטערן אין די קופערטן! ער וועט קיינעם נישט שטערן, אָבער מיט זײַנע אייגענע הענט וועט ער נישט געבן דאָס מינדסטע...

יאַקאָב האָט געקוקט אויפן שטעטל און נישט געוווּסט וואָס ווײַטער צו טון. מרדכי האָט אים געפּרוּווט דערמאָנען, אַז מען קען נאָך צוגיין צום רופא, וואָס איז נעבעך גאָרנישט שולדיק און ער וועט זיי נאָך איצט גאָר פֿײַן אויפנעמען. אָבער יאַקאָב האָט געטון אַ בייזן ברום אויפן אָרט פון אַ תשובה. אַ שוידער האָט מרדכין אַרומגענומען פון זײַן בליק. ווען אויגן זאָלן קענען חרוב מאַכן, וואָלט אין דער רגע פון גאַנץ פֿין נישט געבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין.

מרדכי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, געבן אַ פֿרישע עצה. מיט יאַקאָבן איז אָבער מער נישט מעגלעך געווען צו רעדן און דאָ איז זיכער געזאָגט געוואָרן, אַז פּאַר קלוגע איז בעסער צו שווײַגן. דער יאַקאָב האָט זיך די גאַנצע צײַט געריסן, געגרייט זיך צו קומען אַהער און אויסלאָדן זײַן שטורעם... און איצט זעט ער אויס ווי איינער וואָס האָט זיך געלאָזט זוכן אַן אוצר אויף אַ הויכן באַרג. ער האָט דאָס לעבן אוועק־געגעבן ביז ער האָט זיך דערלאַנגט צום שפּיץ. נאָר ווען ער איז שוין געקומען ביז צו דער העכסטער הויך, ווו דער אוצר ליגט אַ זיכערער — האָט ער דערזען, אַז עס איז נישט פּאַר זײַנע כּוחות אים אויפצוגראָבן. ר' מרדכי האָט אים געוואָלט משמח זײַן מיט אַ זאָג פון דער גמרא, אַז ווי איז דעם וואָס האָט נישט קיין פּאַלאַץ און דאַך מאַכט ער זיך קאָרידאָרן צו אים. נאָר ער האָט זיך געשראָקן, אַז אויך דאָס קען אים אַרײַנטרײַבן אין צאָרן. האָט ער בלויז שטיל אַ ברום געטון וועגן דעם, אַז מען דאַרף גיין און יאַקאָב האָט אַ שפּרונג געטון. ער האָט מרדכין אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און זיך יאָמערלעך צעשריגן:

— לאָמיר גיין! לאָמיר שוין אַנטלויפן פון דאַנעט! מיר טאָרן דאָ נישט בלײַבן מער קיין רגע...

און דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט ראַפּטומדיקער שטילקייט, ווי נאָך אַ טויטער רעזיגנאַציע:

— אַז פאַרברענט זאָל זי ווערן, די גאַנצע שטאָט...

ער האָט אַ יאָג געטון פאַרויס און מרדכי איז אים טרויעריק נאָכ־געגאַנגען. ערשט נאָך אַ שטיקל וועגס האָט ער זיך געכאַפּט:

— יאָקאָב... מיר קענען נישט גיין! מען דאַרף אויסגעפינען לייזערן...

יאָקאָב איז אָבער נישט איבערראַשט געוואָרן:

— איך ווייס. מיר וועלן אים אָבער טרעפן. איך גיי פאַרבײַ דאָרט, ווו ער האָט הײַנט געזעכטיקט.

אין דער מינוט האָט מרדכי געוואָלט זיך וווּנדערן, פאַרוואָס יאָקאָב ווייסט עס. ער האָט אָבער נאָך אַלץ מורא געהאַט אַרײַנצוקריכן אין אַ לאַנגן שמועס און דערבײַ פאַרשן יאָקאָבן אין אַזאַ צושטאַנד. צופיל צײַט איז אויך נישט געווען און דערפאַר האָט מרדכי נישט געקענט אי־בערלייגן זײַנע טענות אין קאָפּ, בעת דער ערשטער חשד האָט אים אַ שלאָג געגעבן אין די געהירן. באַלד איז לייזער אַרויסגעשפּרונגען פריי־לעך פון אַ זײַטיק ווינקל, צעפלוישט בגילופינדיק מיט די הענט און זיך גאַרנישט געקענט אָפּרימען:

— אַ טײַער שטעטעלע, דאָס פּין! מען דאַרף נאָר וויסן וואָס מען האָט דאָ צו טון... דאָס פלא בײַ מרדכין אין גאָר געווען, וואָס יאָקאָב האָט אים מיט קיין בייז וואָרט נישט געענטפערט, הגם ער האָט נאָר־וואָס געשאָלטן דאָס שטעטל מיט טויטע קללות.

— 2 —

יאָקאָב האָט אַ יאָג געטון אימפּעטדיק פאַרויס און ביידע שליחים האָבן קוים געהאַט כח אים נאָכצושפּרײַזן. ער האָט אַזוי געשפּרײַזט און אָפּגעשוויגן אַ שטיק וועגס ביז זיי זענען צוריקגעקומען קיין גריידיץ. אויך מיט לייזערן האָט מרדכי אויסגעמיטן צו רעדן, ווײַל עס וואָלט

זיכער געקומען צו קריגערײַען. דערפֿאַר אָבער האָט ער געהאַט מיט וואָס זיך צו טרייסטן. ווען לייזער האָט אָוועקגעקוקט, האָט ער בגנבה אַ טאָפּ געטון דאָס פּעקעלע כתבים בײַ זײַן האַרץ און עס איז אים געוואָרן פֿריילעכער. פֿון כל טוב האָט ער דאָרט געהאַט. איבער אַ מאה בעלי בתים האָבן אים אונטערגעשריבן, אַז זיי קענען יאַקאָבן אַלס געבוירענער פֿון פּיק, סײַ לויט סימנים פֿון גוף און סײַ לויט אַ טביעת עין פֿון זײַן מראה און די באַקאַנטקייט פֿון זײַן קול. דערצו האָט ער געהאַט די חתימה פֿון בית דין אויף דעם אַלעמען וואָס ער האָט פֿאַרצייכנט פֿון זייער מויל און וואָס די עדות האָבן געזאָגט. אין זײַן דמיון האָט ער זיך שוין באַצײַטנס געזען ווי אַ נאמן פֿון קהל. פֿאַר אַזאַ אַרבעט וועט מען אים זיכער דערהויבן. דער ר׳ לייב מיט מרימען מעגן שוין באַצײַטנס צוגרייטן אַ פֿלעשל יי״ש מיט אַ מנה יפה פֿאַר זײַנעטוועגן. מען קען דען אָפּשאַצן, וויפֿל ס׳איז ווערט דער אונטערגעהערטער שמועס צווישן יאַקאָבן מיט זײַן מאַמען ?

יאָ, אויך זײַנע טענות קעגן לייזערן האָט ער געגרייט בעתן שפּרײַזן שווײַגנדיק אויפֿן וועג. פֿאַרוואָס קומט יענעם אַ חלק ? אין דער צײַט ווען ער איז וואַך געוועזן אין די נעכט, האָט יענער געכראָפּעט נאָך אַ פֿעסטער כוסה... און ווען ער מרדכי יון האָט געריסן שטיקער פֿון קהל און בית דין האָט זיך לייזער אַרומגעדרייט און געמסחרט מיט ייִדן אויף אַלע כלים. ווי זשע קומט ער צו שכר טרחה ? אדרבא, ער דאַרף גאָר צוצאָלן.

אין זײַן דמיון האָט ער שוין געוווּנען די גאַנצע דין תורה מיט לייזערן. דערפֿאַר טאַקע האָט ער געהאַלטן, אַז מען דאַרף דערווײַל שווײַגן און נישט אַרויסלאָזן דעם האָן פֿון זאַק פֿאַר דער צײַט. צוליב זײַן פֿאַרטאַרכטקייט האָט ער אויך נישט באַמערקט וויאַזוי לייזער נעמט אים אַלעמאָל אַדורך מיט די אויגן און דאָס גאַנצע פּנים קרימט זיך אים פֿון אײַנגעהאַלטענעם לאַכן.

ווען זיי זענען געקומען קיין ריידיק האָט שוין אַ האַלבע שטאָט אויף זיי געוואַרט. דאָס האַרץ האָט זיי שוין גוט געחלשט און זיי האָבן שוין אויסגעקוקט, מען זאָל זיי עפּעס דערלאַנגען צום עסן. מרדכי אַליין האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו טראַכטן זײַנע זיסע מחשבות. עס איז בלויז

געווען אַ מחיה צו זען, וואָס פאַר אַ גוטע הערצער יידן האָבן נאָך. מענטשן זענען אָנגעלאָפן פון אַלע זייטן און זיך פשוט געריסן איבער זיי. אַ רב וואָלט דאָ געקענט האָבן צען דין תורהס צו פסקנען. יעדער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל קרוב צו יאַקאָבן און צוויי שליחים פון ליסער בית דין איז אויך אַ גאַנץ שיינע מצווה מהנה צו זיין. באַלד האָבן זיך געקאָכט גרויסע טעפּ מיט עסן און די פאַרע האָט ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אין אַזעלכע מינוטן האָט מרדכי יון נישט געקענט מער טראַכטן פון לייזערן, פון יאַקאָבס טרויער און פון דעם וואָס עס וועט געשען אין ליסע.

דערצו האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז אין דעם כרך גריידיק האָט מען זיך אויף אים נישט אומגעקוקט צופיל. אַלע האָבן זיך בלויז אַרומגע־שטעלט אַרום יאַקאָבן און אים אויסגעפרעגט וואָס ער האָט אויפגעטון מיט זיין דין תורה. מרדכי יון איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף דער לויער און געהאַט בלויז אין זינען צו פאַרשרייבן אַלץ וואָס זיינע אויערן הערן און די אויגן זעען. לשם פּינקטלעכקייט האָט ער אַפילו געוואָלט דאָ אַריינ־גיין צום רב בכדי צו פאַרחתמענען זיינע כתבים מיט באַגלויבטקייט פאַר עדות. יאַקאָב האָט זיך אָבער דאָס מאָל געהאַלטן זייער קורץ און מרה־שחורהדיק:

— גאָרנישט... עס איז נישט מעגלעך געווען עפּעס אויפצוטון. טייל האָבן זיך עס נישט געקענט צוגלייבן:

— וואָס הייסט? האָסטו טאַקע גאָרנישט געבראַכט מיט זיך?

יאַקאָב האָט שוין אומגעדולדיק אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— גאָרנישט געקריגן...

מער האָט מען אים נישט געפרעגט. מרדכי האָט געוואָלט לויפן צו דיינים און באַשטעטיקן זיינע פאַרשרייבעכצער. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז עפּעס וועט אים פאַרלוירן גיין פון אויג. ער האָט אויך געוואָלט ווייטער מיטפילן יאַקאָבס צער און זיין האַרץ איז גאָר אויסגעוועבט גע־וואָרן. ער האָט באַמערקט די גרויסע פּעקלעך מיט עסנוואַרג, וואָס מען האָט פאַר זיי אָנגעגרייט צידה לדרך און ער האָט דערפון געמוזט הנאה האָבן. ער האָט שוין אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס ער פאַרצייכנט נאָך ביי זיך די נעמען פון די גריידיצער קרובים און וועגן דעם, אַז ביי זיי

איז קיין שום ספק נישט ווער דער יאַקאָב איז. קאַרג באַוויזן האָט ער דען? און יאַקאָב אַליין פּרוּווט דען לייקענען? ליתר שאת האָט ער נאָך מער צוגעדריקט דאָס פּעקל כתבים צו זיך פאַרן גיין שלאָפן. ער האָט אַפילו זיך באַוואָרנט דערמיט, וואָס איידער ער האָט עס אַרײַנגערוקט צו זיך אין בוזעם האָט ער דערויף אָנגעהאָנגען אַ לאַנג שטריקל און דערמיט עס צוגעבונדן אויף זײַן האַלדז. ער איז דערמיט גאָר זיכער געווען, הגם בייזע מחשבות האָבן אים אויסגעשטראָפט:

— ביזט אַליין אַ גרויסער רשע, מרדכי! אַנדערש וואָלסטו אַזוי ווײַט נישט חושד געווען קיין מענטשן... פאַר וועמען באַוואָרנסטו זיך אַזוי? ווער האָט דאָ אין זין צו גראַבלען זיך בײַ דיר אין בוזעם?

נאָר זײַן צוגעשאַרפטער חשד האָט אים פאַרט געהייסן אָפן האַלטן די אויגן, ביז יאַקאָב מיט לייזערן האָבן שוין מיד געשנאָרכט פון שלאָף. אויך אַלע בני־בית פון זייער גאַסטגעבערין זענען שוין שטאַרק געשלאָפן, ווען מרדכי יון האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן די שטיוול. דערנאָך האָט ער לאַנג און פרום געלייענט קריאת־שמע, אַ טאַפּ געטון צום לעצטן מאָל דאָס זעקעלע מיט שריפטן און אײַנגעשלאָפן.

אַזאַ מנוחהדיק שמייכעלע אויף די ליפּן בעתן שלאָפן האָט ער שוין זייער לאַנג נישט געהאַט.

— 3 —

כאור הבוקר זענען שוין אַלע אויפגעשטאַנען אין געאײַל. ווען מרדכי יון האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט יאַקאָב שוין צונויפגעלייגט די תפילין און לייזער האָט געקײַט דעם איבערבײַס מיט הנאה. ווי נאָר ער האָט געעפנט די אויגן, האָט אים לייזער געוואָרנט מיט אַ געלעכטער:

— אײַל זיך צו! מיר האָבן שוין געוואָלט אַוועקגיין און דיך דאָ איבערלאָזן. ס'איז דײַן מזל וואָס דו האָסט זיך אויפגעכאַפּט... אָבער מיר גייען באַלד סײַווי.

פון גרויס געאײַל האָט מרדכי נישט באַוויזן קיין רעכטן בליק צו טון אויף יאַקאָבן. אים האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז דער תם איז אויפגעשטאַנען זייער פריילעך און ער האָט אַפילו לוסטיק אַ לאַך געטון

ווען לייזער האָט שפּאַס געמאַכט. ער האָט אָבער קיין צײַט נישט געהאַט דאָס אַרומצוטראַכטן. ער האָט בלויז אַרויסגעצויגן פון זעקל דעם טלית מיט די תפילין, אַרומגעהילט דעם קאָפּ און מיט כוונה געשלונגען די שטיקער פונעם דאַווענען. ער האָט די אויגן פאַרשטעלט מיט דער עטרה, געוואָלט מכוון זײַן וואָס ער דאַוונט און דאָך האָט זײַן אויער זיך אײַנגעהערט צו דעם וואָס עס טוט זיך הינטער זײַן רוקן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די צוויי לײַט שמועסן זיך איבער בלחש און זיי מאַכן פון אים אַפילו חוזק. ער האָט קוים געהערט ווי יאַקאָבס טרוקענע שטים רײַסט פון זיך אַרויס שטיקער דראָבנע געלעכטער. עס איז אָבער שפּעט געווען און מרדכי האָט נישט געטאָרט פאַרלירן קיין האַלבע רגע. ער וואָלט געדאַרפט איבערהיפּן שטיקער דאַוונען און צוליב זייער ליצנות איז עס אים נישט כדאי געווען. בלויז אין מיטן דער שמונה עשרה האָט אים אַ פּאַק געטון אַ בייז מחשבהלע וועגן יאַקאָבס לאַכן:

— וואָס טוט אים אַזוינס הנאה, דעם שוטה? גיי האָב רחמנות אויף אַזעלכן!

נאָר ווען ער האָט אָפּגעלייגט דעם טלית זענען שוין ביידע געווען אָפּגעגעסן און אויסגערוט. מרדכין האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער גאַנצער יאַקאָב האָט געקריגן גאָר אַן אַנדער צורה. ווו איז נעלם געוואָרן דער נעבכטיקער, בידערגעשלאָגענער שלימזל? זײַנע אויגן האָבן איצט געקוקט פרײַ און העל און די באָרד זײַנע האָט געפּעכלט גלײַך און אויסגעקעמט. נאָר די צײַט האָט געברענט. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר און מרדכי האָט קוים באַוויזן זיך אָפּצושווענקען די הענט. עסן וועט ער שוין מוזן אויפן וועג...

זיי זענען געלאָפן אַזוי שנעל, אַז מרדכי האָט זייערע פּנימער נישט געזען פאַר די אויגן. ערשט ווען זיי זענען צוגעקומען נישט ווײַט פון וועלדל האָט מרדכי געשפּירט, אַז דאָ קומען פאָר נישט־געוויינטלעכע זאַכן. ער איז געבליבן הינטערשטעליק אַ פּאָר טריט און יאַקאָב מיט לייזערן זענען בײַנאַנד געגאַנגען פאָרויס. זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך און מרדכי האָט זיך באַמיט אויפצוכאַפּן זייערע ווערטער. אָבער וואָס מער ער האָט זיך אײַנגעהערט אַלץ מער איז ער צעטומלט געוואָרן און נישט געוווּסט אויף וועלכער וועלט ער איז...

קודם כל האָט ער געגאַפּט אויף יאַקאָבס קול. קען דאָס זײַן דער זעלבער? ער איז דער אייגענער וואָס נעכטן, נאָר זײַן רעדן איז משונהדיק־אַנדערש. מרדכי האָט עס אַפילו פאַרשטאַנען. צווישן מענטשן האָט ער זיך געפילט געפּענטעט און דאָ, צווישן הימל און וואַלד, האָט ער ווידער פרײַעם אָטעם. דערפאַר קען ער זיך אַרויסברענגען אומגעשטערט זײַן צאָרן. קען מען משיג זײַן פאַרוואָס ער רעדט אַזוי צו לייזערן און מאַכט צו אשפה גאַנץ פינער קהל:

— אַזעלכע רשעים! מען וואָלט זיי אַלע געדאַרפט תפוס נעמען...

לייזער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון וועג. אים זענען גראָד די פינער ייִדן געפעלן:

— אַ שאָד וואָס איר קענט נישט מײַנע ידידים מיט וועלכע איך האָב פאַרבראַכט. טײַערע הערצער, זאָג איך אײַך...

יאַקאָב איז אָבער געווען בייז און פאַרבענקט:

— ווי קען מען זיי אָבער פאַרגלײַכן צו די בעלי־בתים פון מײַן שטאָט פרעמיסלע! יענע זענען דאָך צדיקים אַנטקעגן אײַערע בעסטע פינער בעלי בתים...

לייזער האָט זיך נישט געלאָזט איבערשפּאַרן:

— וואָס ווילט איר האָבן? וואָס זענען זיי שולדיק, אַז גאָט האָט זיי באַשענקט מיט חכמה — און זיי האָבן זיך נישט געלאָזט נאַרן פון אײַך? זאָרגט אײַך פאַר פינער נגידים! אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי זיך געכאַפּט ווער איר זענט און דערפאַר גייט איר אַוועק אַזוי ווי איר זענט געקומען... וואָס האָט דאָס צו צדקות?

אַ קאַלטער שווייס האָט מרדכין באַשלאָגן: וואָס רעדן זיי דאָרט, די בהמות! ווער מיט פרעמיסלע? וואָס גענאַרט? זענען זיי נישט אַמאָל משוגע געוואָרן? אָדער איז ער נישט אַמאָל אַליין צעחושט, ביז ער ווייסט נישט וואָס זײַנע אויערן הערן? וואָס מער ער האָט געוואָלט דערגיין וועגן וואָס זיי שמועסן, אַלץ מער האָבן זיך זײַנע חושים צונויפּ־געקנוילט. דער יאַקאָב האָט געשמועסט מיט לייזערן, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיין פינער נישט געווען... אויך לייזער האָט אָפּגעענטפערט יאַ־קאָבן מיט אַזעלכע רייד, גלײַך ווי עס וואָלט קיין שום ספק נישט געווען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ פרעמדן מאַן פון פרעמיסלע.

דער כעס האָט זיך אין מרדכין געקאָכט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז די צוויי לײַט מאַכן דאָ ליצנות איינער פון אַנדערן. האָט ער צו זיי שוין געוואָלט אַ געשריי טון, אַז זיי זאָלן זיך אויפהערן נאַריש צו מאַכן מיט אַזעלכע פּלאַפּלערײַען. זיי זענען דאָך שוין דערוואַקסענע מענטשן! באַלד אָבער האָט אים זײַן דערשראָקענער געדאַנק אין עפּעס דערמאָנט און אַ וואָרן געטון:

— די כתבים!

מיט פיבערדיקע הענט האָט ער אַ טאַפּ געטון דאָס גאָרט פון זײַן באַהעלטעניש און זײַנע פיס האָבן זיך אַ וואַקל געטון. דאָס אונטערשטע זעקעלע וואָס האָט זיך געריבן אין זײַן בויך, איז געווען ליידיק. מיט די לעצטע כוחות האָט ער נאָך באַוויזן צו שרײַען:

— יאַקאָב! לייזער!

זיי האָבן זיך אומגעקוקט, רויק זיך דערנענטערט און געלאָזן אַ פרעג געטון וואָס עס איז געשען. ער האָט אָבער מער נישט געקענט רעדן במנוחה. ער האָט געשריגן און געבעטן, געדראָט און פאַרלוירן זיך אין די רייד:

— לאָמיר שוין צוריקגיין קיין גריידיץ!... אָבער שוין!!!

ביידע האָבן אויף אים אַנגעשטעלט זייערע פאַרוווּנדערטע אויגן:

— וואָס האָט דען פּאַסירט? מיר גייען דאָך ערשט פון דאָרט?

מרדכי האָט אָבער געזאָגט פון פאַרצווייפלטן כעס:

— איך האָב דאָרט פאַרגעסן... די כתבים זענען דאָרט פאַרבליבן... מען מוז זיך שוין אומקערן! נו, שנעלער!

אין לייזערס אויגן האָט זיך צעבליצט אַ כעס: ווער איז ער עפּעס וואָס באַפעלט אַזוי ווי אַ גאַנצער שררה?... עס איז אַפילו נישט קענטיק געווען, אַז זיי גרייטן זיך צום גיין. יאַקאָב האָט געשוויגן. בלויז זײַנע אויגן זענען געוואָרן אַזוי העל און פאַרגאָסן מיט ליצנישער פרייד, בעת ער האָט געקוקט אויף מדכין ווי אויף אַ חסר־דעה. דערפאַר אָבער האָט זיך לייזער איבער אים אַראָפּגעבויגן און מיט בייזער טרײַשאַפט אים אויסגעפרעגט:

— וואָס רעדסטו עפּעס פון ווער? וועלכע משוגעת איז דיך באַפאַלן? וואָס פאַר אַ כתבים? אין דער מינוט האָט שוין מרדכי יון אַליין

באַלד געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען. וואָס הייסט זיי ווייסן נישט? ערשט נעכטן האָט ער זיי דאָך געהאַט פאַרן שלאָפן גיין? נישט אַנדערש, נאָר דאָ איז געשען אַ גרויסער כישוף. וויאַזוי איז עס מעגלעך? ער האָט דערפאַר גענומען שטאַמלען:

— נעכטן... בײַם בית דין... עדות... באַוויזן אַז יאַקאָב איז אַ פינער און ר' נחס שטיפזון... די גאַנצע דין תורה האָב איך פאַרשריבן! ווי קען איך צוריקקומען קיין ליסע אָן די כתבים? און זיי וואַלגערן זיך מסתמא אין דער גריידיצער אכסניה! האָב רחמנות, לייזער...

פון לייזערס פּנים איז טאַקע קענטיק געווען, אַז ער האָט אויף אים רחמנות. דאָס איז אָבער געווען אויף גאָר אַן אַנדער שטייגער. ער האָט אַנגעשטעלט אויף מרדכין אַ פּאָר גרויסע אויגן און נישט געקענט באַגרײַפן:

— וואָס טוט זיך מיט דיר, מרדכי? איך הויב זיך שוין אָן צו שרעקן פאַר דיר. מען דאַרף שנעל צוריקגיין קיין ליסע און דיך לייגן אין בעט אַרײַן. פון וועלכע כתבים און באַווײַזן רעדסטו? איך בין געווען גלײַך מיט דיר אין פּין און דאָך ווייס איך גאָרנישט... דער יונגערמאַן איז דאָך גאָר פון פּרעמיסלע און גייט זיך משפטן מיט ליסער קהל, צוליב אַ בלבול אויף אים! וואָסזשע פּלאַפּלסטו וועגן אַ יאַקאָב פינער? דו פאַרשטייסט כאָטש וואָס איך רעד צו דיר, מרדכי? ענטפער אַ וואָרט! דערקענסט מיך כאָטש? באַרויִק זיך... מיר וועלן באַלד זײַן אין ליסע, וועל איך לויפן זוכן אַ רופא... נעבעך מיד געוואָרן.. אָבער שטאַרק זיך! ביזט דאָך אַ מאַנסביל...

אַ רגע בלויז האָט מרדכי געמיינט, אַז דאָ איז געשען אַ טעות. דער לייזער איז דאָך טאַקע נישט געווען בײַ דער גאַנצער מעשה. בײַ אים איז רעכט, אַז אין פּין האָט זיך אויסגעשטעלט דאָס פאַרקערטע. יאַקאָב האָט אים געמוזט אײַנרעדן אַז אַזוי איז געשען און לייזער גלויבט אים. ער האָט זיך אַפילו דערשראָקן צוליב דעם, וואָס ער גופא איז דאָ שולדיק. ער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע געלט פאַר דער שליחות און דערפאַר האָט ער לייזערן גאָרנישט מגלה געווען די גאַנצע מעשה מיט די כתבים... פאַרוואָסזשע זאָל ער אים נישט האַלטן פאַר קיין

משוגענעם ? גאַנץ גלײַך אויף אים ! ער איז שוין גרייט געווען זיך צו שלאָגן על חטא און זיך מתוודה זײַן פאַר לייזערן. ער האָט טאַקע קעגן אים געזינדיקט במחשבה, אָבער די מעשה האָט פאַרט אויסגעזען אַזוי און אַזוי. ער אַליין איז אויך נישט דער גאַנצער שולדיקער. אַז לייזער האָט זיך די גאַנצע צײַט נישט געוויזן, ווען זשע האָט ער געהאַט צײַט אים צו דערציילן ? אויפן וועג איז אים אויך נישט באַקוועם געווען, ווײַל ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן מיט יאַקאָבן. זאָל ער עס פאַרשטיין, לייזער און דערפאַר מוז ער מיט אים צוריקגיין באַצײַטנס, איידער עס ווערט שפעט . . .

צו לייזערן איז אָבער נישט מעגלעך געווען צו רעדן. יענער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט צו יאַקאָבן און תמימותדיק־אויפגערעגט גענו־מען שיטן מיט רייד :

— איר הערט דיבורים ? נישט אַנדערש, נאָר עס איז אים אַרײַן אַ דיבוק . . . מיר זענען אַ וואָך צײַט צוזאַמען, עסן בײַנאַנד און שלאָפן אויף איין אכסניה. ביידע האָבן מיר איין שליחות און איך הויב גאָרנישט אָן צו וויסן. אויך איצט גייען מיר שוין אַ פּאָר שעה, באַלד וועלן מיר דאַרפן אָפּגעבן אַ חשבון אין ליסע — אָבער ער דערמאָנט גאָרנישט. עס אַרט אים אפילו נישט, וואָס איך דאַרף וויסן אַלץ אַזויווי ער. ערשט איצט פאַלט ער אַרײַן אין אַ געשריי : עדות ! כתבים ! און דערבײַ דערציילט ער עפּעס וועגן דעם, אַז מען האָט אײַך דערקענט . . . איר זענט עפּעס אַ ר׳ נחס שטיפזון . . . אפשר קענט א י ר מיר זאָגן וויאַזוי איר קענט זײַן אַ פּינער, בעת איר זענט אַ פּרעמיסלער ?

פון אַזעלכע דיבורים איז בײַ מרדכי יון אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון : וואָס טוט מען ? נישט אַנדערש, נאָר דאָ איז ער תיכף באַ־שטראָפט געוואָרן פאַרן האָבן גרויסע אויגן. נישטאָ קיין באַהעלטענישן פאַרן הימל ! ער איז שוין אַפילו גרייט געווען צו פאַלן פאַר לייזערס פיס און בעטן מחילה . . . ער זאָל פאַרשווײַגן זײַנע נאַרישקייטן. אין דער זעלבער מינוט האָט ער אָבער באַמערקט, וויאַזוי לייזער טוט אַ פריילעכן ווינק צו יאַקאָבן. אַ סעקונדע בלויז. יאַקאָב קוקט דערבײַ אַריבער צו די ווײַטע ביימער, אַזוי ווי ער וואָלט פון דאָרט געוואָלט עפּעס אַרויסשפּירן. מער האָט מרדכי נישט גענדאַרפט. אין דער זעלבער מינוט האָט ער זיך

דערמאָנט, וויאַזוי לייזער איז נעכטן אַרויסגעקומען פון אַן אָרט וואָס יאַקאָב האָט געקענט. אויך דאַן האָט ער צו יאַקאָבן אַזוי פריילעך־סודות־דיק צוגעוווּנקען...

מיט איין שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען איבער לייזערן, געשטרעקט צו אים זײַנע האָריקע הענט:

— גנב, גיב אַהער די כתבים! גנב איינער!

לייזערס שטאַרקע פויסט האָט אים אָפּגעשלײַדערט צוריק. ער האָט אַפילו גאָרנישט געקענט טון קעגן לייזערס בייז געלעכטערל צו יאַקאָבן:

— נו, באַשערט געוועזן צרות. איצט ווערט ער אַלץ מער משוגע און כ׳וועל מוזן גיין זוכן אַן ערל מיט אַ וואָגן. מען דאַרף אים קודם כל בינדן און דערנאָך וועט לײַכטער זײַן אים אַהיימצופירן. איר וועט נישט מורא האָבן צו בלײַבן מיט אים אַליין?

ניין, יאַקאָב האָט נישט קיין מורא געהאַט. דער עיקר האָט ער בלויז געוואָלט וויסן, אויב לייזער וועט געפינען פעסטע שטריק און אויב ער האָט געלט פאַרן ערל. אויב נישט האָט ער נישט קיין גרויסן חשק צו זײַן אַ שומר איבער משוגעים...

נאָך אַזעלכע רייד איז שוין מרדכין פאַרגאַנגען דער חשק זיך אַרומצוקריגן. ער איז נאָך צופרידן געווען, וואָס די צוויי לײַט האָבן אים געלאָזט גיין און זיך מער אויף אים נישט אומגעקוקט. קיין ליסע זענען זיי דערפאַר שוין אָנגעקומען אויף צוויי באַזונדערע וועגן. מרדכי האָט זיך בלויז פאַרשפּעטיקט מיט אַ מעת לעת, ווײַל ער האָט נאָך געפּרוווט זוכן זײַנע פאַפּירן אין גריידיץ. די ייִדענע פון דער אכסניה האָט אים אָבער פאַרטריבן פון דאָרט מיט אַ בעזעם, ווען ער איז געקומען נישטערן אין אירע חדרים. צוריקגעשמועסט איז אויך זי גערעכט געווען: פאַר גוטס באַצאָלט מען מיט שטיינער. אַז זי האָט אים געלאָזט שלאָפן אומזיסט און נאָך געגעבן צו עסן — מעג ער זי מאַכן פאַר אַ גנבטע. אַזוי איז שוין די וועלט... און מרדכי יון האָט איר גאָרנישט געקענט ענטפערן, ווײַל עטלעכע לײַט האָבן אים געוואָלט מקיים פּסק זײַן אויפן אָרט. זענען אים נסים געשען — און ער איז קוים נמלט געוואָרן מיטן לעבן... עס איז געווען באַשיינפּערלעך צו זען, אַז וואָס מער דו ביזט חושד מענטשן, אַלץ מער זענען זיי דיך חושד און וואָס מער דו זאָלסט

אײגענעם קאָפּ. האָט מרדכי יון בלויז געוויינט פון שמחה, ווען ער האָט דערזען די טיר פון זײַן אײַנגעפֿאַלענער דירה.
נישט זוכן יענעם צו גענאַרן, פֿאַלט די גענאַרערײַ סוף כּל סוף אויף דײַן

— 4 —

פֿאַרן בית דין האָט מרדכי יון גאָרנישט געהאַט וואָס צו באַווײַזן. ער האָט אַפֿילו איבערגעגעבן בעל פּה וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען, אָבער זײַנע רייד האָבן נישט געהאַט קיין פּעולה. אים האָט אָפּגעלייקנט דער צווייטער שליח, לייזער, וואָס האָט פֿון אָט די אַלע זאַכן נישט געהערט. טאַקע לייזער האָט מודיע געווען אַז דער יאַקאָב האַלט זיך בײַ זײַנעם און אַז עס זענען פֿאַראַן גענוג סימנים צו באַווײַזן, אַז ער איז פֿון פּרעמיסלע. דער זעלבער לייזער האָט פֿאַרן בית דין אָנגעקלאָגט דעם מרדכי יון פֿאַר זײַן גאָר־משונהדיקע התנהגות. די גאַנצע צײַט אין פּין האָט ער אים אַפֿילו קיין שמץ פֿון קיין וואָרט נישט געזאָגט אַז ער האָט געמאַכט גביית עדותן. ערשט אויפֿן וועג צוריק האָט ער געמאַכט אַ געוואַלט אַז מען האָט אים זיי אַרויסגעגנבעט. לייזער קען נישט וויסן די סיבה, פֿאַרוואָס ער האָט אַזוי געטון; אָבער די זאַך איז פֿול מיט חשד. אויסער דעם האָט ער אויף לייזערן געמאַכט אַ בלבול אַז ער איז אַ גנב, אָן שום באַווײַז. וויל ער טאַקע אַז מרדכי יון זאָל אים איבערבעטן אָדער באַצאָלן קנס אויף אַ דבר טוב. היות ווי מרדכי האָט די אַלע זאַכן נישט געקענט לייקענען, איז בײַם בית דין אויפֿגעקומען אַ ספֿק אויב מען קען זיך סומך זײַן אויף זײַנע רייד.

מען האָט נאָר געקענט אַרויסשיקן אַלע דרײַ נאָכאַמאָל קיין פּין — און דערבײַ זאָל מען מיטשיקן נאָך צוויי באַגלויבטע עדות, וועלכע זאָלן אויספֿאָרשן דעם אמת. דאָס וואָלט געווען צוגענומען גאָר אַ סך צײַט און אַ סך געלט אויף הוצאות הדרך. החוץ מזה האָט מען מרדכי יון געמוזט אויסשליסן פֿון אַזאַ שליחות. ער איז געווען זייער מיד און צעבראָכן. ווען מען זאָל אים אַפֿילו גלויבן, אַז ער האָט געהאַט געטרײַע כּתבים, האָט ער זיי געדאַרפֿט היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. צום סוף האָט ער מועל געווען אין זײַן שליחות און מען קען נישט וויסן, אויב עס

וועט זיך שוין מיט אים אַלעמאָל אַזוי נישט טרעפן. ער קען אַפילו נישט שרײַען, אַז לייזער האָט אים באַגנבעט, ווײַל פון דער צווייטער זײַט הייסט ער גאָר אַ מוציא שם רע אויף אַ ייִד פון קהל.

אין־צווישן האָבן קיין ליסע דערגרייכט אַלע בריוו פון פּרעמיסלע און פּילץ. די רבנים און גדולים וואָס האָבן זיי געחתמעט, זענען געקומען צום ליסער קהל מיט אַ האַרבער וואָרענונג. עס איז לויט זיי אויסגעקומען, אַז דער פּאַרשוין איז גאָר דער פּרעמיסלער לץ וואָס האָט שוין נישט איינמאָל פּאַרפירט ייִדישע עדהס מיט זײַנע ליצנותן און ליגנס. אויך דער בעל דבר אַליין האָט זיך שטאַרק געענדערט. זינט ער איז געקומען פון זײַן געבורט־שטאָט פּין האָט ער געשוויגן און זיך נישט געלאָזט דער־קענען פון קיינעם. אויסער דעם האָט ער אויך אָנגעהויבן צו באַווײַזן חוצפּה. ער איז נישט געקומען, האָט ער געטענהט, מען זאָל אים דאָ אויספּאָרשן. אדרבא ער איז גאָר געקומען מאָנען זײַן עוולה פון דער ליסער קהילה. ער געהערט צום פּרעמיסלער בית דין און מיט זײַן כח וויל ער מבטל זײַן דעם שלעכטן שם, וואָס ווערט איבער אים פּאַרשפּרייט. עס גייט אים גאָרנישט אָן, וואָס ליסער ייִדן האַלטן אים פּאַר זייעריקן. וואָס איז ער דען שולדיק, אַז זייער אויג איז זיך טועה? ער וויל מען זאָל אים פירן אין זײַן היימשטאָט און דאָרט זאָל מען אויספאָרשן!

אַלץ האָט געשטימט מיט די סימנים פון דעם פּרעמיסלער לץ. די מענטשן האָבן טאַקע געמעגט אָנגעבן אַ סך סימנים וועגן אים, אָבער די פּרעמיסלער בריוו האָבן בפירוש געוואָרנט, אַז זייער פּאַרשוין קען נאָכ־מאַכן דאָס קול מיט דער מראה פון צענדליקער מענטשן. וויאַזוי זשע קען מען פון אַזעלכע רייד בויען אַ היתר פּאַר אַ מאַנס פרוי?

מרימס פרײַנט האָבן אויך נישט גערוט. זיי האָבן אַריבערגעשיקט זייערס אַ מאַן קיין פּין און דאָרט האָט מען זיי באַשטעטיקט אַלץ וואָס מרדכי יון האָט געזאָגט. אָבער אָן יאַקאָבן בײַ דער זײַט, האָט אויך דאָס פּינער בית דין גאָרנישט געקענט באַשטעטיקן מיט דער גאַנצער זיכער־קייט. דאָ איז טאַקע געווען אַ מאַן, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט אים דערקענט. קיינער ווייסט אָבער נישט, אויב דער זעלבער געפינט זיך איצט אין ליסע. מרדכי יון אַליין האָט דאָך מודה געווען, אַז ער האָט אים נישט איינמאָל פּאַרלוירן פון אויג אויף אַ סך צײַט. אויסער דעם, האָט

יענער מאַן, וואָס איז געווען אין פּין פאַר קיינעם נישט געלייקנט אַז ער איז אַ היגער. אדרבא, ער אַליין האָט עס געוואָלט באַווײַזן מיט כל הסימנים. דערפאַר לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דער אין ליסע זאָל טאַקע זײַן דער אייגענער. ווי די קלאַנגען זאָגן לייקנט דער ליסער די גאַנצע מעשה און במילא פארלירט ער דאָס גאַנצע רעכט אָפּצונעמען זײַן חוב בײַ ר׳ נחן. איז דאָך גאָר פאַרשטענדלעך, אַז אַ מענטש וועט נישט זאָגן קיין ליגנט וואָס ברענגט אים אַליין שאָדן. דאָס פּינער בית דין קען נאָר באַשטעטיקן, אַז דער פריערדיקער האָט אײַנגעלייגט די וועלט מען זאָל אים צופּסקענען זײַנס — און במילא מוז מען האָבן ספיקות, אויב דער איצטיקער שנאָרער פון ליסע האָט מיט אים אַ שייכות.

נאָר מיט מרימס צד האָט מען נישט געקענט אַזוי שנעל ענדיקן. זיי האָבן אין פּין דערפאַרשט די זאַך און זיי האָבן געהערט, אַז צוליב זײַן משפחה האָט יאַקאָב סײַווי די ירושה נישט געקענט אַרויסבאַקומען. אויב אַזוי, האָט ער שוין נישט קיין זום טובת הנאה פון זײַן מודה זײַן. איז שוין נישט קיין ווונדער, פאַרוואָס ער האָט זיך איצט געענדערט. זייער געדאַנק האָט זיי דערפאַר בלויז אונטערגעזאָגט, אַז עס איז נאָך פאַראַן איין מענטש וועלכער קען ראַטעווען מרימען: ר׳ נח!

שפּעטער האָט שוין קיינער נישט געקענט וויסן, סײַ אין פּין און סײַ אין ליסע וויאַזוי מרימס לײַט האָבן באַוויזן אַזאַ זאַך צו דערגרייכן. זיי זענען געזעסן מיט ר׳ נח׳ן אַ לאַנגע צײַט אין אַ חדר־מיוחד און דערנאָך זענען זיי צוריקגעקומען פון פּין מיט אַ געחתמעט כתב, אַז ר׳ נח פּינער מאַכט דעם בן־יחיד פון זײַן ווײַב, יאַקאָב בן יהודה לייב, פאַר זײַן הויפּט־יורש נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר. סײַווי האָט ער נישט קיין בנים זכרים און די טעכטער האָט ער אַלע פאַרזאָרגט מיט נדנים, לכן דאַרף מען בלויז אויפקלערן ווער עס איז דער אמתער יורש. דאָס כתב האָט באַוויזן, אַז דער ר׳ נח האָט אַ היפּשע עשירות און מען דאַרף זײַן אַ משוגענער פון אַזאַ ירושה זיך אָפּצוזאָגן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין ליסע מיט דעם כתב, האָבן זיי גע־מיינט אַז דער פרעמדער וועט זיי באַלד פאַלן צו די פיס און ער וועט אַרומלויפן שרײַען איבער די גאַסן, מען זאָל אויף אים עדות זאָגן. אַזוי אַרום וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפגעקלערט ווערן דער סוד פון דעם

פּרעמיסלער בריוו. אָבער שוין זייער ערשטער שמועס מיט זייערס אַ לומדישן קרוב האָט זיי באַוויזן, אַז דער שכל קען נישט אַלעמאָל העלפן ראַטעווען אַ נפש. אַזאַ פּאַפּיר פון ר׳ נחן קען דאָ נאָך מער שטעלן אין סכנה מרימס גורל. עפּעס אַנדערש איז, ווען איינער איז מודה פון זיך אַליין. אָבער דאָ ווערט דער פרעמדער אָפּרופן זײַנע פריערדיקע הכחשות. בלויז דערפאַר ווײַל מען שטעלט אים פאַר אַ נסיון צו ירשענען אַ גרויס פאַרמעגן. ווערט מען מוזן חושד זײַן, אַז דאָס אַלץ טוט ער צוליב געלט און זײַן באַגלויבטקייט ווערט מוזן שטיין אונטער אַ גרויסן ספק.

דער צד פון מרימען האָט זיך אָבער מער נישט געוואָלט צוריקציִען. עס איז געווען אַ יש אומרים, וואָס האָבן חושד געווען אַז מרימס צד האָט בײַ ר׳ נחן איבערגעלאָזט אַ צווייטן כתב, וואָס האָט אים פאַרזיכערט פאַר די מינדסטע חיזקות. אַנדערש וואָלט דער בייזער שטיפטאָטע נישט געווען אַזוי גוט צו יאַקאָבן. טייל האָבן געזאָגט, אַז דאָ האָט זיך די מוטער אַרײַנגעלייגט אין דער זאַך ביז אויך דער האַרטער מאַן אירער האָט נאָכגעגעבן. סײַ ווי האָט ער געוווסט, אַז יאַקאָב ליגט בײַ איר אין די הענט און זי ווערט שפּעטער קענען מאַכן ווי זי ווערט נאָר ווילן. אַביסל חשוד׳יד איז נאָך געווען, וואָס אין ר׳ נחס כתב איז געשטעלט געוואָרן אַ קלאָרער באַדינג: בכדי יאַקאָב זאָל קענען ווערן זײַן איינציקער יורש, מוז ער מיט זײַן אייגן מויל זיך מודה זײַן, אַז ער איז מרימס מאַן און אַז דאָס האָט ער טאָקע מיט דרײַ יאָר צוריק איר געגעבן דעם גט פאַרן זעלבן בית־דין.

די גאַנצע שטאָט איז זיכער געווען, אַז דאָ ווערט זיך שוין אויסקאָכן דער גאַנצער פּלאָנטער. ווער ווייסט? דער נח איז שוין אויף דער עלטער און קיינער קען נישט שאַצן זײַן האַרץ. אפשר באַדויערט ער גאָר, וואָס ער האָט דעם שטיפזון אַזוי לאַנג געפּײַניקט און בײַ אים צוגענומען די מעגלעכקייט צום לעבן. אַז מען גרייט זיך צום אייביקן יום־הדין קען מען אַלץ באַווײַזן. איז גאָר מעגלעך, אַז ער ווערט יאַקאָבן צוריק אַרײַננעמען אין שטוב אַרײַן און לאָזן אַביסל אויסרוען זײַן גוף פון אַזויפיל מאַטער־נישן. ער ווייסט, אַז אויך זײַן אשה ליידט שטאַרק און דאָס גאַנצע הויז זײַנס איז צעבראָכן געוואָרן צוליב זײַן עקשנות. איז אפשר דאָס וווּנדער נישט אַזוי גרויס. דערצו ווערט ער האָבן אַזאַ גרויסע מצווה פון ראַטעווען

אַ יידישע טאָכטער און דערבײַ אָפּהיטן דעם כבוד פון גאַנצן ליסער בית דין... פאַר אַזעלכע זאַכן וואָלט נישט איין ייִד אָוועקגעגעבן זײַן פאַר־מעגן, וואָס האָלט נאָר אָן ביז ער מאַכט צו די זינדיקע אויגן...

מרימס גוטע פרײַנט האָבן זיך דערפאַר אַרײַנגעריסן, מיט אַ נצחון־בליק אין אויג, צו דעם אָרט ווו מען האָט זיך געמשפּעט מיט יאַקאָבן. זיי האָבן דאָס פינער כתב אונטערגערוקט ביז צו יאַקאָבס בליק און זיי זענען זיכער געווען, אַז ער וועט באַלד אויפשפּרינגען און באַווײַזן, אַז דאָס איז ער דער יורש. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות. ווי נאָר ער האָט דערזען דעם כתב, האָט ער עס אַ כאַפּ געטון און געלאָזן איבערגעלייענט. דערנאָך האָבן זײַנע ליפּן בלויז קרום געשמייכלט:

— מען קען נישט זאָגן אַז דער יצר הרע שווײַגט... דער נסיון איז זייער גרויס און דאָס ירשענען אַזאַ נגיד איז זייער אַ גוטע זאַך. דערצו רייצט עס נאָך אַזעלכן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין פּרוטה בײַ זיך — און זײַן פאַרמעגן באַטרעפט נישט דאָס שפּײַז פון איין סעודה. בין איך אָבער אַזוי שטאַרק אומגליקלעך און די ירושה געהערט נישט צו מיר. דערפאַר מעג דאָ הערן גאַנץ קהל: איך בין טאַקע אַ בייזער לץ פון פּרע־מיסלע — אָבער קיין רויבער פון פרעמדע ירושות, ווי די פינער נגידים בין איך נישט...

מער האָט ער אויפן דאָזיקן פּאַפּיר נישט געוואָלט וואַרפן זײַן בליק און אַלע אַרום האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. אין שטאָט האָט מען דערנאָך בלויז געשמועסט, אַז מרימס קרובים גופא האָבן פאַר אים באַקומען אַ שטאַרקן דרך־ארץ און זיי האָבן דערבײַ געזאָגט:

— ווען גאָט העלפט און מרים ווערט פרײַ, וואָלטן זיי גאָר קיין צווייטן מאַן פאַר איר נישט געדאַרפט זוכן...

וואָס האָט אָבער געקענט אַרויסקומען פון די אַלע רייד, אַז דער פרעמדער האָט זיך פּלוצים אַרויסגעהויבן איבער אַלעמענס קעפּ און דער סוד אויף זײַן פּנים איז געוואָרן נאָך האַרבער און געדיכטער.

פינפטע טייל:

אין פּרעמיסלע עקט זיך די וועלט

קאַפּיטל זיבעצן

— 1 —

אין דער ערשטער מינוט, ווען מ׳האָט מרימען גערופן צום בית דין, איז זי געלאָפן אַהין מיט צעמישטע געפילן. זי האָט געוווּסט, אַז איצט וועט דאָ מוזן אויפגעדעקט ווערן דער גרויסער סוד פון איר אייגן האַרץ. זי האָט אָבער אַליין זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אויב זי דאַרף זיך דערמיט פרייען אָדער נישט. אירע אַלע אברים האָבן זיך שוין געצאַפּלט פון דערוואַרטונג אים צו זען נאָכאַמאָל; אַזוי ווי זי האָט אים געזען מיט דרײַ יאָר צוריק בעתן געבן דעם גט. אין מח בײַ איר האָט נאָך געפּלאַמט בייניש זאָג: ער וויל, אַז דו זאָלסט אים נעמען צוריק! ער וועט דיר קיין גט נישט געבן... און זי האָט זיך אים ווידער אויסגע־מאָלט אין איר דמיון: אַ שטאָלצער און עזותדיק-גלײַכער... מיט אויגן וואָס זענען באַגאָסן מיט העלער פרייד. אפילו ווען ער שפּילט זיך מיט טרויער.

נאָר ווען זי איז אַרײַנגעקומען צום בית דין און האַסטיק געוואָרפן איר בליק צו זײַן זײַט, האָט דאָס האַרץ בײַ איר ווידער אויפגעהערט צו קלאַפּן. אויך איצט איז ער געשטאַנען גלײַך און עקשנותדיק. נאָר זײַן בליק איז אין די לעצטע פּאָר יאָר ווידער פינצטער געוואָרן און אַפילו זײַנע שוואַרצאַפּלען זענען אַזוי ווי שוואַרצער געוואָרן. זײַנע בגדים זענען איצט געווען צעקנייטשט און אַראָפּגעהאָנגען איבער אים. זיכער איז עס דער זעלבער וואָס דאַמאָלסט — און דאָך איז אַלץ געווען לגמרי אַנדערש ווי איר דמיון האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. ער האָט זי נישט געוואָלט אָנקוקן און דאָך האָט ער זי דערזען. זײַנע אויגן האָבן זיך אין דער זעלבער רגע אָנגעצונדן מיט אַ פלעמל פון גלוסט און

אונטערטעניקייט. איז אויף מרימען מיט איין מאָל ווידער אָנגעפאַלן דער אַלטער עקל, וואָס זי האָט נאָך געשפּירט אין די ערשטע צײַטן פון זייער זײַן צוזאַמען. וויאַזוי האָט דאָס געפיל ראַפּטום געקענט אויפוואַכן נאָך אַזאַ לאַנגן דרימל?

מרים האָט אַליין נישט געוווּסט פון וואַנעט דאָס נעמט זיך. זי איז געשטאַנען אַ שווײַגנדיקע און געטראַכט טרויעריקע מחשבות. עס איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט געוואַרט אומזיסט. דאָס מיינט זי אָבער נישט יענע וואַרטעניש וועלכע אַלע האָבן געקענט, נאָר די באַהאַלטענע און זיסע דערוואַרטונג וועלכע זי האָט זיך אַליין מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן. זי האָט ליב באַקומען אַ מאַן וואָס זי האָט געהאַסט. די ליבשאַפט איז זי באַפאַלן אַזוי פּחדימדיק און פרעמד, ביז יענער איז ווידער אַנטלאָפן. אַצינד איז זי אים געקומען זוכן. האָט זי מיטן בליק ווידער געפאָרשט זײַן פּנים, געוואָלט עזותדיק אויפכאַפּן זײַן בליק מיט די העלע פײַערלעך, וואָס זי האָט קוים באַוויזן צו דערזען בײַ זײַן פריִער־דיקן קומען — און נאָך וועלכע זי האָט אַזוי לאַנג געבענקט. אָבער **י ע נ ע ר** איז מער נישט געקומען און מרים האָט זיך געוואָלט צע־שרײַען פאַר אַלעמען מיט איר יִינגען יאוש.

די האָר פון זײַן באָרד זענען געווען די זעלבע און דאָך האָט זיך פון זייער שוואַרצקייט אָפּגעגעבן מיט טוכלע וועג־ריחות און נמאסדיקן שטויב. זײַן קין און די באַקן האָבן געהאַט די זעלבע מראה וואָס פריִער און דאָך האָבן זיך אין זיי געמיניעט גרויע און רויטלעך־פּעדעמדיקע קאָלירן, וואָס האָבן אין איר אַרויסגערופן דעם אַלטן אומווילן, פאַרכט און אָפּקער... געוואָלט, וואָס האָט זי פאַרט אַזוי געצויגן, געריסן זי צו באַגעגענען אים נאָכאַמאָל!? זי האָט געקוקט אויף אים און נישט געוווּסט וואָס זי האָט צו זוכן אויף דעם טויטלעכן, גרימאַסיקן פּנים.

אויך ער האָט זיך געפילט צוגעצויגן פון איר לאַנגן און זוכערישן בליק. ווי נאָר ער האָט דערזען איר אַרײַנקום, האָט זיך זײַן געשטאַלט געביטן און זײַן טרוקן קול האָט זיך באַהאַפטן מיט אַ ציטער. ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דער עוולה, וואָס אים איז געשען און דאָך האָט ער, דורך זײַנע טענער, אָוועקגעצויגן זיך ווײַטער דערפון. מען וואָלט געקענט מיינען, אַז ער איז גאָר שטאַרק צופרידן וואָס ער שטייט דאָ

נאַכאַמאָל און האָט די געלעגנהייט צו זען די זעלבע מענטשן — ובפרט די זעלבע אשה מיט וועלכער ער פירט שוין אַזאַ לאַנגע מלחמה. זײַנע אויגן האָבן זיך לאַנג און ווייך אַ גליטש געטון איבער מרימס און אַ נמאסדיקער שוידער איז איר ראַפּטום אַדורך איבערן לײַב. דאָס איז געשען דווקא דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן איר מער קיין פֿאַראַכטונג ווי פֿרײַער נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט מער נישט געקוקט אויף איר ווי אויף עפּעס אַ פּרעמד חפץ, נאָר זײַנע בליקן זענען געווען פֿײַכט און קלעפּיק אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין מער פֿון איר זיך נישט געוואָלט אָפּרײַסן.

דאָס איצטיקע מאָל האָט ער געמאָנט פֿון איר, געבעטלט עפּעס געהיימס און דערפֿאַר האָט זיך זײַן אויג געחנפֿעט צו אירע גלידער, זיך געלייגט מיט הינטישער הכנעה צו איר אויפֿמערקזאַמקייט. זי האָט פֿון דאָרט אַרויסגעלייענט, אַז ער איז איצט גרייט אַלץ צו טון, אַבי זי צו באַרירן מיטן בליק, מיט אַ פֿינגער, מיט אַ נאָגל... דאָס האָט זי צערייצט און אַפֿילו ניכטערן בייז געמאַכט: וואָס וויל ער פֿון איר? ער פֿרעגט זי איצט מיט שטומקייט די זעלבע שאלה, וואָס בייניש האָט זי געפֿרעגט מיט אַ פּאָר טעג צוריק. נאָר ווען בייניש איז געקומען, האָט זי דערהערט די פֿראַגע דורכן מויל פֿון י ע נ ע ם, וואָס איז דאָ אַמאָל געשטאַנען און איר דערלאַנגט דעם גט. דערפֿאַר האָט זי אַזוי זיס געשווידערט און די ווערטער, וואָס בייניש האָט איר אַרײַנגעוואָרפֿן אין אויער האָבן זיך שנעל מזווג געווען מיט איר דרײַ־יאָריקער בענקשאַפֿט.

אָבער איצט שטייט ער דאָ ווידער און דאָך איז ער מער נישטאָ. קען זײַן, אַז ער איז נאָך ווײַטער פֿאַראַן ערגעץ — כל זמן זי פֿילט אַז זי בענקט נאָך אים. דאָ ווײַזט ער זיך אָבער צו איר דורך אַ צווייטן, וואָס לויערט אויף איר מיט אַזויפֿיל קליינער נבזה׳דיקייט און מיט אַזויפֿיל קראַנקן באַגער, פֿון וועלכן זי האָט זיך אָפּגעוווינט אַלע יאָרן. דערפֿאַר האָט זי מער נישט געקענט אויסהאַלטן. זי וואָלט זיך געוואָלט אַרויס־רײַסן וואָס שנעלער פֿון דער לופֿט וואָס ער אָטעמט צוזאַמען מיט איר. פֿאַרוואָסזשע שלעפּט ער זי נאָך אַהער? פֿאַרוואָס קריכט ער נאָך איבער איר לײַב מיט זײַן צעריבענעם בליק?

דאָס אַלטע, פֿאַרביסענע ביטול־געפֿיל האָט ווידער אויפֿגעוואַכט און זי האָט עס אים געגעבן צו פֿילן אָן ווערטער און אָן דעם מינדסטן

שאַרך. זי איז נאָר געבליבן שטיין קאַלט און געפרוירן קעגן זײַן שלעפּער־דיקער געפּאַלנקייט. ער האָט, זעט אויס, דערזען איר דאָזיקן ענטפער און פאַרשטאַנען וואָס זי טראַכט. זי קען נאָך אַזוי וואַרטן טויזנט יאָר און אים נישט לאָזן דערנענטערן זיך צו איר... זאָל ער עס וויסן!

איינער פון די דיינים האָט שלא במתכוון איבערגעריסן דאָס אויגן־שפּיל צווישן ביידע. ער האָט יאַקאָבן אַ פרעג געטון מיט אַ זקניש־מיד און קרעכצנדיק קול, אויב ער וויל אָנערקענען דעם גט און אויב ער וויל אָננעמען ר׳ נחס ירושה. פון דעם איז יאַקאָב געוואָרן אַזוי אויפגערייצט, אַז ער האָט אָפּגעריסן זײַן בליק פון מרימען. ער האָט דערפאַר מער נישט געדאַרפט זײַן ווייך און אונטערטעניק. פון אַנדערע קען ער נאָך דער־וואַרטן ד י ן און אויך ער קען דאָס זעלבע אַנטקעגנטראָגן. נישט אָן פאַרוווּנדערונג האָט מרים געהערט וויאַזוי ער ענטפערט דעם דיינים־טיש האַרב און גלײַך — פונקט ווי דער פריִערדיקער זאָל דאָ שטיין במשך פון אַלע יאָרן אָן איבעררײַס. אוי, ווען זי זאָל נישט געווען אויפכאַפּן זײַן בליק! קען זײַן, אַז זי וואָלט נאָך דאָ אפשר געשטאַנען און ווײַטער געחלומט יענע פאַרבאָטן־באַהאַלטענע חלומות פון אַ שטאַרקן און געענ־דערטן יאַקאָב, וואָס פאַרכאַפּט דאָס האַרץ...

אָבער אויך זײַן קול מיט דער האַרבער קאַטעגאָרישקייט האָט אין זיך געהאַט אַ סך יאוש און געבראָכנקייט. ער האָט גערעדט און איר האָט זיך גענומען אויסווײַזן, אַז דאָס שרײַט פון אים אַרויס די פאַרפאַלענע ברירה׳לאָזיקייט וואָס ווייסט נישט פון קיין אָפּשטעל — און בלויז דער־פאַר שפּרײַזט ער אַריבער אַלע אוממעגלעכע גרענעצן... וואָס איז זי דען? נישט מער ווי אַ שוואַכע פרוי. דאָך האָט זי געוווּסט מיט אומ־קלאָרער זיכערקייט, אַז ווי נאָר זי וועט וועלן — מאַכט זי אים פאַר אויס העלד און שטאַרקן מאַן. זי דאַרף אים נאָר געבן אַ האָפענונג און ער וועט זיך אין איר שוואַך אָנהענגען, ביז צום פאַרלירן זײַן חוצפּה. אָט זאָל זי אים נאָר לײַטזעליקן מיט אַ בליק און ער וועט זיך דאָ צעוויינען ווי אַ קליין קינד, אויסציִען זיך פאַר אירע פיס. וואָסזשע האָט עס פאַר אַ ווערט? וועמען קען עס רירן?

און וויפל זי האָט מער נישט געוואָלט טראַכטן פון אים, האָט זי דער זכרון פאַרט דערמאָנט אַז אַמאָל, אין די טעג פון געבן איר דעם גט,

האָט זײַן פעסטקייט געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם — וואָס האָט מיט איר גאָרנישט געהאַט צו טון. דאַן האָט פון אים בלויז רויִק אַרויסגערעדט דער ג י ב ו ר, בעת איצט רודערט פון אים אַרויס דער פאַרצווייפל־טער — און אויך ד ע ם יאוש האָט ער נאָרוואָס אַרויסגעוויזן פון איר אויג. איז דען מעגלעך צו גלוסטן צו זיך אַליין? וואָס טויג איר די גבורה, וואָס שטאַמט אַרויס פון איר ווייבערישער שוואַכקייט? זי האָט קוים געהערט וויאַזוי ער פאַרזיכערט, אַז ער געהערט זיך גאָרנישט אָן מיט דער אשה וואָס שטייט דאָ פאַר אים. פאַרוואָס אַרט עס זי איצט נישט, וואָס אַ מאַן שטייט דאָ און טרייסלט זיך אָפּ דערשראָקן פון איר? און פאַרוואָס האָט איר ד אַ ן אַזוי ווײַ געטון, הגם זי האָט מיט שמחה אַרויסגעריסן דעם גט פון זײַנע הענט?

וויפל מרים האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו טראַכטן, האָט זיך בײַ איר אָפּגערופן אַ געפיל, וואָס קען פלינקער געבן אַ תשובה ווי די אַנגע־לאָדענע מחשבות. דאָס געפיל האָט שוין פריִער אַרויסגעלייענט פון זײַן אויג, אַז ער זאָגט ליגנט; אַז ער וויל זי, אַז ער רײַסט זיך צו איר... דערפאַר האָט זי אים מער נישט געקענט פאַרטראָגן, פונקט ווי זי האָט מער נישט געהאַט קיין ווייטיק פון זײַנע אומזיניקע רייד. ערשט שפּעטער איז זי צוריק וואַך געוואָרן. עס איז געשען עפּעס, וואָס האָט צו איר טאַקע קיין דירעקטן שייכות נישט געהאַט, דערפאַר אָבער האָט עס אויפּ־געטרייסלט איר געוויינטלעך־ווײַבערישן נײַגער. יאַקאָב האָט זיך מיטאַמאָל צעהיצט, אַרויסגעכאַפּט פון זײַן בוזעם אַ צעקנייטשט פּאַפּיר און דער־מיט זיך צעפאָכעט איבער די קעפּ פון די דיינים:

— אָט איז ער, דער בריוו! זעט אַליין וואָס דער גאון פון פּרע־מיסלע שרײַבט! ער איז אַן עדות צוזאַמען מיט דער גאַנצער שטאָט, אַז איך האָב דאָרט געגט מײַן ווײַב כדת וכדין... איך וואָלט איצט געקענט נעמען אַ צווייטע און אויפשטעלן אַ הויז אין ישראל, נאָר איר לאָזט מיך נישט. איר האָט מיך געמאַכט פאַר אויס פּרעמיסלער און ווו איך קום נאָר טײַטלט מען מיט די פינגער: דאָס איז דער מאַן פון דער ליסער אשה! דערפאַר קען איך זיך נישט באַפרײַען. איז עס נישט מעשה סדום? וואָס ווילט איר פון מיר?

די דיינים האָבן מיט פורכטיקע פינגער באַטאַפּט דאָס פּאַפּיר אויף

וועלכן ר׳ יחיאל מיכל פון פרעמיסלע האָט געלייגט זײַן הייליקע חתימה. סײַווי האָט זיי שוין דערגרייכט די ידיעה, אַז דער פרעמיסלער גאון גרייט זיך צו לייגן אין חרם אַרײַן די אַלע וואָס וועלן דעם יונגנמאַן גויטן אָפּ־צוגטן פרעמדע ווײַבער... עס איז נאָך דאָ אַ דין און אַ דיין בײַ ייִדן!

אַ בלײַכע שטילקייט האָט זיך צעלייגט אויף אַלעמענס פנימער. יאַקאָב איז געשטאַנען מיטן בריוו אין דער האַנט, ווי מיטן שאַרפסטן כלי זיין און זיך אַרומגעקוקט מיט אַ נצחון־צאָרן אין אַלע זײַטן. אַפילו מרימען האָט ער נישט אויסגעמיטן. זי האָט געשפּירט, אַז ער צוימט זיך מיט אַלע כוחות, בכדי נישט אַנצולויפן אויף איר און צורוקן דעם מוראדיקן בריוו ביז איר נאָז. ערשט איצט האָט מרים באַגריפן, אַז עס איז מיט איר שלעכט, גאָר שלעכט. זי האָט באַמערקט ווי אויף איר פאַ־טערס שטרענג פּנים צעלייגט זיך אַ יאושדיקע חלשות און זי האָט אַן איר ווילן גענומען כליפען פון גערירטער פאַרלוירנקייט... געוואַלט, וויאַזוי קען אָט דער זײַן אַ פרעמיסלער!? ערשט איצט דערקענט זי אים דאָך אין יעדן ריר און אין דעם מינדסטן נעגעלע...

דער בריוו האָט שוין אָבער זײַנס אָפּגעטון, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַ קול פון הימל, וואָס מען טאָר נישט אָפּפרעגן מיט קיין שאַרף. די רבנים האָבן דערווײַל מער נישט געוואָלט אויסהערן קיין עדות און די שמשים האָבן געטריבן דעם עולם פון דער בית־דין־שטוב — גלײַך ווי יעדער איינער פון די פאַרזאַמלטע, וואָלט מיט זיך אַהערגעברענגט דאָס גיהנם. זיי האָבן געמאָלדן, אַז די רבנים ווילן צווישן זיך באַטראַכטן אַן עצה אויף ווײַטער. זי, מרים, האָט בלויז באַוויזן צו זען וויאַזוי יאַקאָב שטייט אַליין, אַרומגערינגלט מיט פּחד און שמייכלט מיט זײַן הינטיש־פאַרלוירענעם שמייכל; גלײַך ווי ער וואָלט זיך דאָ נאַר־וואָס אַליין אַרײַנגעזעצט אַ מעסער אין האַרץ אַרײַן.

— 2 —

דערווײַל האָט ליסע געהאַט אַ סך צו שמועסן וועגן דער מעשה נורא מיט דעם יאַקאָב. ווען מען האָט אים צוריק אָפּגעפירט צו בייניש אין תפיסה אַרײַן, האָט ער זיך אויפגעפירט, אַזוי, אַז עס איז אים שווער

געווען צו דערקענען. ער איז אַרײַנגעקומען בלייך און צערודערט. פון זײַנע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן און ער האָט נישט געוואָלט נעמען אין מויל אַרײַן דאָס עסן וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט. ביינישס ווײַב האָט אים געוואָלט אויסרעדן דאָס האַרץ, אָבער ס׳איז נישט מעגלעך געווען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן חדר מיט שווערע טריט און געקלאַפּט איין האַנט אין דער צווייטער פון גרויס צער, הגם קיינער האָט אים נישט געטון דאָס מינדסטע. ביניש האָט געהערט מיט שרעק, וויאַזוי ער שרײַט צו זיך אַליין אַזעלכע צערודערטע ווערטער, וואָס נאָר ער איינער קען פאַרשטיין. עס איז געווען אָנצונעמען, אַז ער איז אַראָפּ פון די געדאַנקען און ביניש האָט מורא באַקומען אַרײַנצוגיין צו אים. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז בעסער צו גיין זוכן עטלעכע געזונטע לײַט וואָס זאָלן אים בינדן, בכדי ער זאָל בײַנאַכט קיינעם נישט שאַדן טון.

ווען די דרײַ שטאַרקע לײַט זענען צו אים אַרײַנגעקומען מיט שטריק אין די הענט — האָט ער זיי אָנגעקוקט מיט צערודערטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס זיי זענען געקומען. זײַנע האָר זענען געווען צעשויבערט און דער גאַנצער גוף האָט זיך בײַ אים געקרומט פון יסורים. זיי האָבן אים גאַרנישט געוואָלט פרעגן, נאָר ער אַליין האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער ערד און גענומען יאָמערן:

— ייִדן! איר זענט דאָך היימישע מענטשן... ראַטעוועט מיך! לויפט צו מרימען און שמועסט מיט איר... איך וועל עס נישט איבער־האַלטן! זאָל זי מיט מיר ווינען... איך קען נישט מער! זאָל זי מיך מער נישט טרײַבן...

זײַנע געשרייען זענען געווען אַזוי יעמערלעך, אַז קיינער האָט אים נישט געוואָלט איבעררײַסן מיט קיין וואָרט. פון בינדן אים מיט אכזריות האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זײַן. בלויז עפּעס איינער, אַ פּאַר־שפּעטיקטער גיבור וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען, האָט נישט געקענט פאַרשטיין דאָס גאַנצע עסק. ער האָט דערפאַר געפרעגט אויפן קול:

— ווי אַזוי קען ער עס וועלן? ער האָט דאָך אַליין באַוויזן אַז ער איז פון פרעמיסלע! צי ווייסט ער דען נישט, אַז די דאָזיקע מרים איז נאָך אַן אשת איש און אַז זי טאָר זיך מיט קיין פרעמדן מאַן נישט

געפינען אונטער איין דאך? ער האט דאך אליין געברענגט א בריוו פון פרעמיסלער רב...

יאקאבס ליפן זענען שוין געווען באדעקט מיט משוגענעם שוים, וואס האט זיך אויסגעמישט מיט זיין צעביסענעם בלוט. ער האט אויפ־געכאפט יענעמס שאלות און זיך א ווארף געטון צום פרעגער, ווי צו זיין ערגסטן שונא וואס גייט אויף זיין לעבן:

—עס איז מעגלעך!!! זאל זי נאר וועלן און אלץ וועט מעגלעך זיין! טוט נאר, אז זי זאל וועלן... איך וועל אייך ברענגען א כתב פון פרעמיסלע, אז איך בין נישט קיין דארטיקער. איך וועל אייך באווייזן, אז איך בין יאקאב און דער זון פון פייגלען מיט איר ערשטן מאן יהודה לייב... אלץ וועל איך באווייזן... זאל זי נאר וועלן! זי מוז דאס וועלן!

מער האט מען אים נישט געקענט פרעגן. פון זיינע געשרייען איז ער שוואך געווארן און אוועקגעפאלן אויפן הארטן געלעגער. אויך דער גאנצער כעס איז פון אים אוועק צוזאמען מיטן כוח. ער האט זיך איינ־געקנוילט ווי א מוילווארם און בלויז געוויינט מיט זודיקע טרערן. עס איז מער נישט געווען וועמען צו בינדן און די חברה האט זיך געוואלט ארויסשארן פון תפיסה־חדר. דאס האט אים צוריק וואך געמאכט און ער האט זיך ביי זיי גענומען בעטן מיט זיין הייזעריקן קול:

— גייט נישט... איך בעט אייך, פארבלייבט דא א רגע...

ביינישן איז שוין איינגעפאלן, אז מען דארף לויפן צו די דיינים און זיי איבערגעבן וואס דא איז געהערט געווארן. ער האט פארשטאנען, אז דורך די דאזיקע רייד קען מען זיי באפרייען פון דעם פחד, וואס דער פרעמיסלער כתב האט אנגעווארפן. נאר יאקאב האט שוין אויס־געדרייט דעם קאפ צו אים און ער איז ווידער געווארן באפעלעריש:

—ביינישׁ! גיי און רוף מיר אהער מרימען... אבער שוין!

דער בייזער ביינישׁ האט זיך דאס מאל נישט געלאזט בעטן. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז נאך היינטיקע נאכט וועט זיך דא אלץ ענדיקן און די גאנצע שטאט וועט אים לויבן דערפאר. איז ער אוועק צו מרימען און זי אויפגעוועקט פון שלאף. זי האט זיך אפילו נישט איבערגעפרעגט וואס עס איז געשען און זי איז מיטגעגאנגען. ווען זיי

זענען צוריקגעקומען האָבן זיי נאָך דאָרט געטראָפן דעם משרת פון בית דין. די אַנדערע זענען זיך שוין געהאַט צעלאָפן. בייניש האָט געעפנט די טיר און מרימען אַרײַנגעלאָזט אין תפיסה־קעמערל. ער אַליין מיטן בית־דין־יונג האָבן זיך אָװעקגעשטעלט בײַ יאַקאָבס זײַט, בכדי צו פאַר־היטן אַז ער זאָל מרימען קיין שלעכטס נישט טון. עס איז אָבער נישט געקומען דערצו. ווי נאָר ער האָט דערזען מרימען נאָענט צו זיך, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון און מוראדיק געשטרעקט די הענט צו איר:

— מרים! מרים!

זי האָט זיך צעשראָקן צוריקגעצויגן. אין אַזאַ מעמד האָט זי זיך נישט געריכט אים אַנצוטרעפן. אין דער טונקל פון חדר האָט ער אויס־געזען אַזוי שרעקלעך און אָפּגעלאָזן, ווי אַ הונט וואָס האָט קיינמאָל זײַן שטיקל ווינקל נישט געהאַט. זײַנע אויגן זענען געווען רויט פון וויינען און מען האָט זייער קאָליר נישט געקענט אָנזען. אויף זײַן בלייכן שטערן האָבן זיך געצויגן קליינע, געקאָרבטע גריבעלעך אַרום וועלכע עס האָבן זיך געצויגן גרינע, אָנגעצויגענע אָדערן. זײַן שלאַנקער גוף איז איצט געווען אָנגעבויגן און צעבראָכן. פון גאַנצן חדרל האָט זיך געהערט אַ ריח פון ווײַטן שווייס און פון נישט געוואַשענע טאַרבעס. זי האָט ראַפּטום פאַרשטאַנען, אַז זי האָט גאָר שלעכט געטון, וואָס זי איז אַהער געקומען — און דאָך האָט זי געוווסט, אַז זי איז זייער צו־פרידן געווען וואָס בייניש האָט זי גערופן און זי איז אים נאָכגעלאָפן מיט אַלע כוחות. מסתמא איז עס געווען דערפאַר, וואָס ער איז ווידער געקומען מיט דער זעלבער סודותדיקייט, ווי בעת ער איז געקומען נעמען אָנבייסן פאַר אים, דעם היימישן און פרעמדן. ער האָט זי גערופן מיטן זעלבן פרעפל און דערפאַר האָט ער אָנגעיאָגט אויף איר דעם אַמאָליקן ציטער. עס איז נאָך עפּעס געבליבן אין איר פון זײַן אויסגעגלײַכט געשטאַלט, בעת ער איז געשטאַנען און אכזריותדיק־ווילד געפּאָכעט מיטן פרעמיסלער בריוו איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס האָט זי ווידער אַ צי געטון און מיט דינער בענקשאַפט געזויגן פון איר די בלוטן אין אַ ווינקל פון קאַלט־געוואָרענעם האַרץ. נאָר איצט איז אויך פון דעם גאָרנישט געבליבן. וואָס האָט זי געהאַט צו לויפן? משוגע געוואָרן אָדער וואָס?

פאַר איר האָט זיך איצט געקורטשעט אַ צעטרעטענער וואָרעם,

אַ קריכנדיקער און שטינקענדיקער בעטלער וואָס שנאָרעט איצט חניפה־דיק און ווערעמדיק בײַ איר... און ער וויל נישט מער קיין ווייכע פוטער־קיכלעך מיט הייסער געצוקערטער קאַווע! איצט וויל ער שוין איר לײַב און איר נפש, דאָס וואָרעמקייט פון אירע אברים צוזאַמען מיט אירע יונגע יאָרן... טאָר זי נישט האָבן קיין רחמנות! דאַרף זי אים אָפּשטויסן, ווי מען טוט עס מיט אַ זלידנע שרץ, וואָס נאָגט זיך אײַן אינעם קאָכעדיקן בלוט מיט געוואַלט... יאַקאָב האָט דאָס נישט געזען, נישט געוואָלט עס באַמערקן. ער האָט זיך נאָר נאָכגעצויגן צו איר, גערעוועט און באַפוילן:

—זאָג מיר צו! דאָ האָסטו צוויי עדות, פאַר וועלכע דו דאַרפסט מיר צוזאָגן אַז איך בין צוריק דײַן מאַן... וועסט זען, אַז איך וועל אַלץ קענען אויסגלײַכן... איך וועל זיך מודה זײַן אַזוי, ביז עס וועט אַלעמען קלאָר ווערן... איך וועל דיר נאָכגעבן אַלע דײַנע פאַרלאַנגען, איך וועל דיך שענער מאַכן, אומקערן דיר דײַן צירונג און דײַן גאַנצע פּראַכט. עס הערן דאָ עדות; איך וועל דיר אָפּברענגען די שנור קרעלן, וואָס איך האָב פאַרזעצט אַלס משכון... איך וועל...

בײַ מרימען האָט זיך געריסן אַ געלעכטער פון דער קעל, נאָר ביז ער איז געקומען צו אירע ליפּן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גיפטיקן אײַז: דער דאָזיקער אָפּגעריסענער נפש נעמט זיך אונטער זי שענער צו מאַכן! צו באַרירן זי! צוזאָגן זאָל זי אים! אפשר זאָל זי נאָך פאַר די זעלבע עדות אויגן אַרומנעמען זײַן בלאָטיקן גוף און גלעטן זײַן פאַר׳סרח׳טן האַלדז? אפשר וויל ער אויך דערויף האָבן עדות?

פון דעם צאָרן וואָס איז זי באַפאַלן האָט מרים פאַרלוירן די שליטה איבער זיך. זי וואָלט אים אפילו געשלײַדערט עפּעס אַ האַרטע זאַך, ווען זי זאָל דאָס האָבן בײַ דער האַנט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז מיט זײַנע בלויזע רייד האָט ער זי אײַנגעקויטיקט און אויסגעשמירט. ווײַ און געשריגן, וואָס ער קען איצט טראַכטן פון איר! מיט זײַן בלויזער מחשבה האָט ער זי שוין צוגעשלעפּט צו זיך, געמאַכט פון איר דעם זעלבן וואָרעם וואָס ער... ז י ז ײַ ן װ ײַ ב!? און מענטשן הערן עס! אָבער מער ווי ווערטער האָט זי אים נישט געקענט שלײַדערן, האָט זי עס געטון מיט דער גאַנצער, אויפגערעגטער הנאה:

—עס שטייען עדות וואָס הערן... דו זאָגסט אַליין, אַז ווען דו ווילסט נאָר, קענסטו אַלעמען באַווייַזן אַז דו ביזט דער היגער יאַקאָב... אויב אַזוי, ווער האָט מיך געגט? דו! און ווער איז פרייַ? איך! דייַן מויל אַליין האָט געזאָגט, אַז דו האָסט מיך באַפרייַט. וויל איך דיך מער נישט קענען... רעד נישט מער!

נאָך איידער יאַקאָב האָט איר באַוויזן אָפּצוענטפערן איז זי שוין געווען אויף דער אַנדערער זייַט טיר. דערנאָך האָט זיך איר געגלוסט צו לויפן מיט אַלע כוחות איבער דער פינצטערער נאַכט. ערשט ווען זי איז געקומען צו זיך אין שטוב אַרייַן איז איר געדאַנק קילער געוואָרן. דער ווילן פרייַ צו זייַן האָט זיך אין איר איצט צעברענט ווי נאָך קיינ־מאָל נישט. זי האָט נאָך אַליין נישט געוווסט, אויב זייַנע איצטיקע ווערטער קענען זי אויסלייזן. זי האָט נישט געהאַט וועמען צו פרעגן, אָבער אויך אין שטוב וואָלט זי איצט נישט געקענט אייַנרוען. זי האָט זיך נאָר דערמאָנט, אַז אין בית־המדרש מוזן נאָך זיצן עטלעכע לומדים און לערנען. אפשר איז נאָך דער אייגענער טאַטע דאָרט פאַראַן. האָט זי אויסגעדרייט דעם וועג, געלאָפן ביז צום באַלויכטענעם בית המדרש, אַרייַנגעלאָפן און שטיין געבליבן בייַ דער טיר. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווייַבער שפּאַרן זיך אַרייַן אין דער מענער־טייל בעת אַ סכנה און זיי רייַסן דאָרט די טירלעך פון ארון קודש... האָט זיך יאַקאָבס ווע־רעמדיקער בליק צעגליט פאַר איר פון דער נאַכט אַרויס און זי האָט געפילט אויף איר הויט די זעלבע געפאַר. האָט זי ווייַטער געשפּרייַזט, ביז עמעץ האָט אַ ברום געטון, עפּעס אַ פרעג געטון מיט אַ פרושדיקן ירגזון...

דער פאָטער אירער איז שוין דאָרט נישט געווען. דערפאַר איז זי צופרידן געווען, וואָס איינער אַ זקן האָט זי געפרעגט וואָס זי זוכט דאָ. מרים איז געוואָרן רויט און פאַרשעמט. אירע ווערטער האָבן זיך אָבער בייַ איר אַרויסגעריסן אַזוי ווי בגוואַלט. האָט זי דערציילט און דערציילט — און דאָס ערשטע מאָל זינט יאָרן האָבן זיך בייַ איר די טרערן געריסן צוזאַמען מיט די ווערטער אַזוי פרייַ און לייַכט, הגם מענטשן האָבן געזען. אויף דעם זקנס פנים האָט זיך נישט באַמערקט קיין איין פינ־קעלע פון גערייצטקייט. ער האָט זי נאָר די גאַנצע צייַט אויסגעהערט.

געקוקט אין איר ווײַס פּנים, אין די בלויע אויגן אירע און געקרעכצט. ערשט ווען זי האָט געענדיקט און שטיין געבליבן אַ צעטראָגענע און אויסגעליידיקטע האָט ער זי געפרעגט מיט אַ זיידעדיק, גוט קול:

—צי ווייסטו כאָטש, טאָכטערשי, אַז דו ביזט שיין? גאָר שיין...

מרים האָט זיך גערויטלט און נישט פאַרשטאַנען וואָס דער אַל־טיטשקער קומט גאָר פּלוצים אַרויס מיט איר שיינקייט. עס איז טאָקע גוט צו הערן אַזעלכע רייד, נאָר וואָס וויל ער דאָ זאָגן? דער אַלטער האָט פאַרלייגט אַ טיכל אויפן ספר, וואָס איז פאַר אים געלעגן. דערנאָך האָט ער זי ווידער אָנגעקוקט:

— דו פאַרשטייסט נישט? אויב אַזוי, קינד מײַנס, וועל איך דיר זאָגן. דײַן געשטאַלט מוז צוציען די מענער... און אַז עס איז געקומען אַזאַ פאַרשווין און דיך דערזען — פאַרשטייסטו שוין?

מרים האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס האָט צו יאָקאָבס מודה זײַן זיך. זי איז בלויז געשטאַנען פאַרגליווערט און געגאַפט אויף דעם זקנס מילכיקער באָרד און די קינדערישע אויגן, וואָס האָבן איבער איר געשטראַלט. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער אַלטער ווייסט דעם גאַנצן סוד פון איר גורל, נאָר ער וויל עס איר אַלץ נישט אויס־זאָגן. האָט זי אים געוואָלט אויפפאָדערן, בעטן מיט גוטן אַז ער זאָל צו איר ווײַטער רעדן... נאָר זי האָט צו אים מער קיין לשון נישט געהאַט. דער אַלטער איז צוליב עפּעס שטרענג געוואָרן און געקלאַפּט מיט זײַן האָרענער טאַבאַק־פּושקע אויפן ברעג טיש:

—דו פאַרשטייסט נישט... ווילסט נישט פאַרשטיין! דער יצר הרע האָט אין דיר אַ גוטן כלי זײַן... און אַז עס איז געקומען אַ פרעמ־דער און דיך דערזען, האָט זײַן גלוסטונג אין אים זיך גאָר לײַכט גע־קענט צעברענען. ער קען זיך זײַן אַ פרעמיסלער, וואָס טאָר אפילו נישט טראַכטן פון דיר. אָבער דער יצר הרע פרעגט נישט נאָך אַזעלכע דינים. ער האָט געהערט, אַז ער דאַרף זיך נאָר מודה זײַן דערין אַז ער איז דײַן אַמאָליקער מאַן — און שוין האָט זיך אים אַ מיש געגעבן אין קאָפּ. פאַרוואָס זאָל ער דיך נישט האָבן? האָט ער דיך געפרוווט איבער־רעדן... ווער ווייסט? אַצינד פאַרשטייסטו שוין? גייזשע אַהיים און

טראַכט נישט דערפון... ס'איז שוין שפּעט בײַנאַכט! לאָז עס פאַרן בית דין... דו הערסט?

ווען מרים איז אַרויס פון בית המדרש האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי גייט אויף הילצערנע פיס און די גאַנצע וועלט דרייט זיך איבער פאַר אירע אויגן. מלאכים האָבן זיך אַוודאי געמיט, אַז זי זאָל טרעפן צוריק אַהיים — הגם זי האָט געבלאָנקעט אָן געדאַנקען.

— 3 —

פאַר די ליסער דיינים איז געווען קלאָר, אַז דאָ קען מען מער נישט יוצא זײַן מיט קיין סברות. אַ גאַנצע וועלט קאָכט שוין מיט דעם יאַקאָב און מען קען זיך מער נישט פאַרלאָזן דערויף, וואָס איינמאָל זאָגט ער אַזוי און דאָס צווייטע מאָל אַנדערש. צוליב דעם האָבן זיי אַפילו נישט געלאָזט זיך איבערראַשן מיט ביינישעס דערציילן וועגן דער נאַכט אין תפיסה־חדרל. דאָ האָט מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמוזט דערגיין דעם אמת, קעגן וועלכן קיינער קען נישט קריגן. די איינציקע עצה דערצו איז געווען אַז מען זאָל יאַקאָבן אַרויסשיקן מיט נאָך צוויי שליחים און טאַקע ביז פּרעמיסלע. די שליחים דאַרפן זיך דערשלאָגן ביז ר' יחיאל מיכלען און הערן פון זײַן אייגן מויל וואָס ער האָט צו זאָגן. זיי דאַרפן אָבער די גאַנצע צײַט נישט אַראָפּלאָזן יאַקאָבן פון אויג און ער מוז זײַן פאַר דעם פּרעמיסלער גאונס אויגן, בעת ער וועט וועגן אים זאָגן זײַן דעה.

פאַרן בית דין איז אויך קלאָר געוואָרן אַז ר' מרדכי יון קען מער נישט גיין אין אַזאַ ווײַטער שליחות, אויב ער האָט זיך פאַרלוירן בײַם גיין צום נאָענטן פּיק. דאָ וועט מען דאַרפן נאָך מער מדקדק זײַן און האָבן אָפענע אויגן אומעטום. טאַקע צוליב דעם יונס נישט־געהיטנקייט קענען זיי איצט נישט שיקן בכתב קיין פּרעמיסלע די אַלע רייד, וואָס זאָלן זיי פאַרענטפערן. פאַר אַזעלכע שליחים איז געשטאַנען דער חוב פון זײַן עטלעכע וואָכן נע־ונד איבער אַלע וועגן. דערפאַר מעג דער־מאָנט ווערן מיט אַ ברכה דער פריערדיקער שליח לייזער בר' הירש. דאָס האָט ער מיט זײַן גוטן ווילן זיך געמאָלדן צו גיין דעם ווײַטן וועג פאַרן כבוד פון בית דין און פאַרן ווײַל פון קלאָר מאַכן די הלכה. אויסער

אים איז אויסגעפֿאַלן דער גורל אויף דעם תפיסה־שמש און בדחן ר׳ בייניש בר׳ עקיבא, אַז ער זאָל זײַן דער צווייטער שליח קיין פּרעמיסלע. אויף די צוויי מענטשן האָט מען זיך געקענט פֿאַרלאָזן און מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן אויפֿן וועג באמת ובתמים.

פֿאַר ביינישן אַליין איז עס געווען אַ שטיק שמחה. ראשית האָט ער דאָ באַוויזן, ווי אַזוי קהל האָט צו אים פֿאַרטרויען. שנית, האָט ער שוין לאַנג נישט געזען די וועלט פֿאַר די אויגן, אויסער וואָס ער איז אַמאָל אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ דאָרפֿישער חתונה. איצט וועט ער טאַקע זײַן אָפּגעשיידט פֿון ווײַב און קינדער אַ לאַנגע צײַט, אָבער דערפֿאַר וועט ער קענען אויסזען גאַנץ מלכות פּוילן. והשלישית, האָט עס אים אַליין שוין אויך נישט געלאָזט רוען. עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז ער האָט מיט דעם יאַקאָבן די גאַנצע צײַט געהאַט מער מחזקות ווי אַנדערע פֿון קהל. בײַ אים אַליין איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז ער טאַקע. האָט ער מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געוואָרן, אַז די חשובסטע מענטשן פֿון פּרעמיסלע זאָלן אים האַלטן פֿאַר אַ דאָרטיקן. בייניש אַליין איז בטוח געווען, אַז ער וועט דאָרט אַלעמען קענען אויסווײַזן זײַן טעות און דאָס האָט אים אונטער־געגעבן נאָך מער חשק צום גיין.

אָבער ווי נאָר אַלע דרײַ זענען אַרויסגעקומען אויסער דער שטאָט האָט בייניש דערפֿילט בחוש, אַז דאָ איז די זאַך נישט אַזוי פּשוט און אַז אַרום אים קומען פֿאָר באַהאַלטענע זאַכן. יאַקאָבס פּנים האָט זיך לגמרי פֿאַרענדערט, ווי נאָר זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע מײַל פֿון ליסע. עס איז פֿון אים פֿאַרשוווּנדן געוואָרן דער גרויסער צער פֿון די פֿריערדיקע טעג און עס האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ שטאַרקע פֿריי־לעכקייט, גלײַך ווי ער וואָלט געגאַנגען אהיים נאָך אַ לאַנגן וואָלגערן זיך. ער האָט אפֿילו געפּרוּווט מיט אים כאַפּן אַ שמועס, אָבער יאַקאָב האָט אויסגעמיטן צו רעדן. ווען בייניש האָט מער נישט געקענט אײַנ־האַלטן זײַן חשק און יאַקאָבן געפּרוּווט דערמאָנען וועגן ליסע, האָט יע־נער אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר פֿרעמדע אויגן. עס האָט אויסגעזען אַז יאַקאָב וווּנדערט זיך פֿאַרוואָס אַזאַ אומבאַקאַנטער ייִד רעדט צו

אים מיט אַ היימישן טאָן. בייניש איז דערפון קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים...

ווען זיי זענען שוין אָפּגעגאַנגען אַ ווײַט שטיק וועגס האָט בייניש פּלוציב דערשפּירט אַז ער גייט דאָ צווישן צוויי אָפּגעשלאָסענע לײַט, מיט וועלכע ער קען גאָר קיין שמועס נישט כאַפּן און אַז ער וועט שוין מוזן גיין דעם גאַנצן וועג און שווײַגן. אפילו דעם לייזער האָט ער נישט אָנגעהויבן משיג צו זײַן. פון גרויס דערשראָקנקייט האָט בייניש געענומען קלערן פון אומקערן זיך אַהיים; אָבער דער אָנזאָג פון בית דין איז אים טײַער געווען און ער האָט נישט געוואָלט צוריק קומען מיט ליידיקן. דערצו האָט ער געהאַט מיט זיך אַלע כתבים פון ליסע, וועלכע ער האָט די צוויי לײַט נישט געקענט פאַרטרויען. קהל וואָלט אים נישט מוחל געווען, וואָס ער האָט יאַקאָבן אָוועקגעלאָזט פון אונטער דער האַנט. האָט ער געלאָזט גיין די צוויי לײַט פאָרויס און ער האָט זיך נאָכגע־שלעפּט הינטער זיי, אַ שווײַגנדיקער און פרעמדער.

יאַקאָב מיט לייזערן האָבן צווישן זיך געשמועסט ווי אַלטע ידידים. וויפל בייניש האָט נישט געמיט זיך אויפצוכאַפּן וועגן וואָס זיי רעדן, האָט ער עס נישט געקענט. יעדעס מאָל האָט זיך איינער צוגעבויגן צום צווייטן און זיך אַרײַנגערוימט סודות פון וועלכעביידע האָבן באַקומען לוסטיקע פּנימער. דאָס האָט שוין בייניש נישט געקענט פאַרטראָגן. עס האָט אין אים אויפגעוואַכט דער אַלטער קפּדן: דערויף איז ער אַ שליח! דאַרף ער וויסן אַלצדינג וואָס אין וועג קומט פאָר און מען טאָר פאַר אים נישט האָבן קיין סודות. ער האָט זיך דערפאַר צוגערוקט נענטער און זיך באַמיט צו זײַן באַנאַנד מיט זיי אין דער ריי. נאָר דער איבערגעאָנדערשטער לייזער האָט באַלד אויסגעפינען, אַז דאָ איז דער וועג בחזקת סכנה. עס געפינען זיך דאָ נישט ווייניק רוצחישע ערלים, וואָס לויערן אויף ייִדן אין אַלע זײַטן. ווי נאָר זיי וועלן הערן אַ ייִדיש קול וועלן זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן און מאַכן גזלנישע שטיק מיט זיי. ער האָט דערפאַר פאַרגעלייגט, אַז ווער עס קען נישט שווײַגן זאָל רעדן אויף אַ גוייש לשון, בכדי מען זאָל זיי לכל הפּחות פון דערווײַטנס נישט דערקענען.

בייניש האָט נישט געוואָלט פאַרלירן די פעדעם פון זייערע שמועסן

און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט קיין פוילישׁ לשון, אָבער יאַקאָב האָט דווקא מסכים געווען צו לייזערן. אַ מענטש דאַרף זיך נישט מסכן זײַן דאָס לעבן אומזיסט און אומנישט... דערמיט האָבן זיי ביינישן אַרויסגעשטויסן פון זייערע שמועסן איבערן גאַנצן וועג און זיי האָבן זיך מער נישט געברויכט צו סודען. פאַר ביינישן איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די צוויי לײַט נאַרן אים דאָ אויס. ער האָט אָבער געמוזט שווײַגן, הגם זיי האָבן עטלעכע שעה נישט אויפגעהערט צו פלאַפלען. ער איז דערפון געוואָרן מוראדיק אין כעס, אָבער גיי שרײַ צו די הימלען אויף אַ ליידיקן וועג, אין יועלכן די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט שרעק פאַר גויים מיט העק.

ערשט ווען זיי זענען געקומען גאַר נאָענט פון אַ ישוב האָט ביינישׁ זיך דערמאָנט, אַז ער וועט נישט קענען זײַן קיין ערלעכער עדות פאַרן בית דין פון ליסע, מחמת ער ווייסט נישט וואָס די צוויי לצים רעדן צווישן זיך. ער האָט זיך דערפאַר אָוועקגעשטעלט מיט עקשנות און נישט געוואָלט גיין ווײַטער, ביז לייזער וועט אים נישט מבטיח זײַן, אַז זיי וועלן אויפהערן צו רעדן בלשון פּאָלניש. לייזער איז אָבער ניט געווען פון די, וואָס לאָזן זיך זאָגן אַ דעה. ביינישׁ איז בלויז אַ גלײַכער שליח מיט אַלעמען, אָבער נישט קיין האַר און געביטער. ווען זיי וועלן קומען קיין פּרעמיסלע האָבן טאַקע ביידע די זעלבע שליחות, אָבער אויפן וועג מעג יעדער איינער רעדן ווי אים טוט וווילגעפעלן; בפרט ווען עס גייט אים אין פאַרהיטן דאָס לעבן. אויב ביינישׁ וויל זיך דערמיט אויסדרייען פון דער מצווה, ווײַל דער וועג איז אים שווער — וועט אים לייזער נישט נויטן. אַזעלכע מצוות קומען נישט אָן לײַכט — און ביינ־יש האָט עס געמעגט פריער וויסן. ער קען אָבער צוליב דעם נישט ווערן דער באַפעלער איבער לייזערן. דאָס האָט בית דין גאָר נישט בדעה געהאַט...

ביינישׁ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס די צוויי לײַט רעדן אין פוילישן לשון איז נישט קיין גוטער סימן. ער האָט דערפאַר געזידלט לייזערן און געוואָרנט, אַז עס וועט זיך שלעכט ענדיקן. דאָס האָט אים אָבער נישט געהאָלפן. מעשה להכעיס האָט לייזער נאָך העכער געלאַכט אויף יענעם לשון און ביינישׁ האָט בחוש געשפּירט, אַז דאָס מאַכט

ער חוזק פון גאַנץ ליסער קהל; שוין אָפּגערעדט אַז ער טרײַבט ליצנות פון אים גופא. בייניש איז נישט געווען קיין שווערער אויף קריגערײַ און ווען נישט דער פּחד פאַר גזלנים וואָלט עס געווען געקומען צו געשלעגן אויך. די איינציקע האָפענונג פון ביינישן איז בלויז געווען, צו דערגרייכן אַן אכסניה וואָס אַ פרומע אלמנה האָט געהאַלטן. דאָרט האָט בייניש געטראַכט וועגן צערעכענען זיך מיט די צוויי חברה־לײַט און זיך בכלל פּילן פרײַער. וואָס קען מען דען אויפטון צווישן נאַרישע ביימער?

אָבער ווען זיי זענען אָנגעקומען צו דער אלמנהס אכסניה האָט זיך בייניש קוים געקענט האַלטן פאַר מידקייט. מעג מען דערציילן דעם שבח אפילו פון אַ רשע און מודה זײַן, אַז דאָ האָט זיך לייזער אַרויס־געוויזן פאַר גאָר אַנדערש. ער האָט ביינישן געהאָלפן זיך אָוועקזעצן, אויסציען די פיס באַקוועם און ער האָט אים דערלאַנגט צום מויל אַ קאַל־טן טרונק וואַסער. אויך די פרומע אלמנה, וואָס האָט געהאַלטן די קרעטשמע אויפן שפּיץ באַרג, האָט זיי גאָר פײַן אויפגענומען און זי האָט זיי מכבד געווען מיט אַ הייסער וועטשערע. דערפון איז ביינישס כעס אַביסל געשטילט געוואָרן. עס איז אים דערפאַר אײַנגעפאַלן צו רעדן שפּעטער מיט לייזערן אויף אַ רויִקן אופן וועגן דעם תכלית פון זייער גאַנג קיין פּרעמיסלע. אָבער דער כעס פון גאַנצן וועג האָט זיך איצט בײַ אים אויסגעוועפּט דורך אַ מידקייט אין אַלע אברים. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער, האָט ער נישט געקענט אָפן האַלטן די אויגן, הגם דער טאָג האָט זיך נאָך נישט געהאַט אײַנגעלאָשן. לייזער אזי געשטאַנען איבער אים און געפרעגט אויב ער פילט זיך שוין אַביסל בעסער, בעת יאַקאָב איז געזעסן בײַ דער בעל־הביתטע אויפן גאַנעק. איצט איז געווען די בעסטע צײַט אַ פרעג צו טאָן לייזערן, וואָס פאַר אַ סודות ער האָט עס מיט יאַקאָבן. בייניש האָט אָבער פון גרויס מיד־קייט נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. עס איז אים בלויז געווען זייער קאַלט. לייזער האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן זײַן קאַפּטאַן און אים גוט אײַנגעדעקט. דערפון האָט זיך בייניש דערוואַרעמט און זײַן האַרץ איז ווייך געוואָרן. פאַרוואָסזשע זאָל ער זיך מיט יענעם דאָ אַרומקרײַגן?

ער איז אײַנגעשלאָפֿן אויף אַ גאַנצע נאַכט. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז שוין געווען ליכטיק און ער האָט דערזען, אַז אין זעלבן חדר געפֿינען זיך נאָך עטלעכע געלעגערס. דער ערשטער נעבן אים איז געווען לייזער. ווען יענער האָט דערזען, אַז בייניש שלאָפֿט שוין נישט, האָט ער זיך צו אים אַריבערגעבויגן און שטיל אײַנגערוימט אַ סוד:

— דו ווייסט, בייניש? עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער מענטש וואָס מיר פֿירן איז טאַקע נישט יאַקאָב פֿינער. דאָ אין דער אַכסניה איז פֿאַראַן אַ חזן פֿון פּרעמיסלע. ער האָט דערזען יאַקאָבן און מיט אים זיך דערפֿרייט. טאַקע ער האָט מיר דערציילט, אַז ער קען שוין יאַקאָבן פֿון קינדווײַז אויף... ער זאָגט אַז קינד און קייט קען דאָרט דעם צעדרייטן יאַקאָב קאַפּהאָן... וואָס זאָגסטו דערצו?

בייניש האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך נאָר אויפֿגעזעצט און געזען וויאַזוי נישט ווײַט פֿון זיי איז געזעסן יאַקאָב און נעבן אים האָט זיך אָנגעלעגט אויף זײַן בעט דער פּרעמיסלער חזן.ביידע האָבן צווישן זיך פֿריילעך געשמועסט. בייניש האָט שוין געוואָלט כאַפּן וואָס דאָרט טוט זיך. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט פֿאַרשטיין, ווײַל אויך די צוויי לײַט האָבן געשמועסט אויף פּויליש. ער האָט דעריבער געוואָלט עפּעס רעדן מיט לייזערן, אָבער יענער האָט שוין רעזיגנירט:

— טו וואָס דו ווילסט, אָבער איך מיין אַז אונדזער וועג איז אומזיסט. דער חזן וויל אַהיימפֿירן יאַקאָבן און מיר וועלן דאָרט בלויז אויסזען ווי די נאַראָנים... ווער האָט עס כח?

בייניש האָט אים קוים אײַנגעבעטן מיטצוגיין. אָבער דער טרויער פֿון גיין אין מיטן אַ סוד, וואָס זײַן מח באַנעמט גאָרנישט, האָט אים שוין באַגלייט איבערן גאַנצן וועג.

קאַפּיטל אַכצן

— 1 —

נישט אַנדערש נאָר ביידע, סײַ יאַקאָב און סײַ לייזער, זענען אַראָפּ פֿון די געדאַנקען! דעם גאַנצן וועג איז פֿון זייער מויל קיין אמת וואָרט נישט אַרויסגעגאַנגען. בעיקר, נישט פֿון לייזערס. אַט ערשט נישט לאַנג

האט ער געזאגט, אז ער וויל צוריקגיין קיין ליסע ווײַל דער פּרעמיסלער חזן וויל מיטנעמען יאַקאַבן אַהיים. אָבער ווי נאָר ער האָט געזען אַז בייניש וויל דערפון נישט הערן, איז ער געלאָפן פאַרויס און דער חזן איז נאָך געבליבן בײַ דער אלמנה אין קרעטשמע. דערצו האָט דער חזן אַליין מודה געווען, אַז ער גייט גאָר אַן אַנדער וועג.

אויך דעם גאַנצן חזן האָט בייניש באַין אופן נישט געקענט פאַר־שטיין. אויב ער איז אַ חזן אין פּרעמיסלע, וויאַזוי זשע קומט ער אין אַזאַ ווײַטער אכסניה? ווער האָט אים אַהער געשיקט? און אַ פּרעמיסלער חזן שושקעט זיך נישט קיין פריילעכקייטן מיט עפּעס אַ לץ און פאַרשלעפּטע קרענק, גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען חברים. צו די ליצנותן וואָס בייניש האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט אים פאַרדראָסן נאָך אַ זאַך: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ פּרעמיסלער חזן פאַר די ימים נוראים זאָל גאָר פּלאַפּלען גאַנצע שעהן אויף גויִיש לשון מיט אַ ייִדי? און וואָס האָט ער בײַם געזעגענען אַזוי קלות־ראשדיק אַ ווונק געטון צו יאַקאָבן, גלײַך ווי זיי דאַרפן נאָך מאַכן עפּעס אַ באַהאַלטענעם געשעפטל? נאָר די גאַנצע מעשה האָט זיך נישט געקענט אָנהייבן. סך הכל האָט ער פון אים בלויז געוווּסט, דאָס וואָס לייזער האָט אים דערציילט. האָט טאַקע בייניש אָפּ־געמאַכט בײַ זיך, אַז אם ירצה השם וועט מען וועט זײַן אין פּרעמיסלע, וועט ער שוין אַ שמועס טון מיט קהל וועגן אַזעלכע חזנים אויך. אַ הייליקע קהלה ווי פּרעמיסלע דאַרף נישט האָבן קיין חזן, וואָס שלעפּט זיך איבער דער מדינה אַזוי־ווי אייגער פון די מופקרים וואָס שלענדערן אַרום איבער אַלע פאַרוואָרפענע קרעטשמעס!

איין זאַך האָט ער אָבער יאָ דערזען, בייניש, מיט דער גאַנצער קלאָרקייט: ער איז אַן איבעריקער ראָד צום וואָגן. די צוויי לײַט דאַרפן אים נישט האָבן און ער אַליין איז אויך אַ גרויסער שלימזל. קיינמאָל כאַפּט ער זיך נישט אויפן אָרט וואָס ער דאַרף אויספאָרשן — און ערשט דערנאָך נעמט ער אָרײַנקלערן, אויב מען האָט אים נישט אָפּגע־נאַרט. מיטן אייגענעם שכל האָט ער נאָך גאָרנישט דערגרייכט. ווער האָט אים געשטערט אַליין צו כאַפּן אַ שמועס מיטן פּרעמיסלער חזן? שפּעטער וועט דער גאַנצער עדות בלויז זײַן לייזער און ער וועט בלויז מוזן צובאָמקען. לייזער האָט די גאַנצע צײַט געטענהט מיט יאַקאָבן —

בעת ביניש האָט מיט אים קיין וואָרט נישט אויסגעביטן. לייזער איז געווען די גאַנצע צײַט וואַך — בעת ער איז געשלאָפן. און לייזער האָט געשמועסט מיטן חזן, ווען ביניש ווייסט גאָרנישט... אויף וואָס האָט מען אים אייגנטלעך מיטגעשיקט? צום ווייפלטן מאָל האָט שוין ביניש געטאָן אַ נדר אין זײַן האַרץ, אַז ער זאָל פון איצט אָן אָפּן האַלטן די אויגן. דאָס שלימזל האָט אים אָבער אומעטום נאָכגעיאָגט. ווען זיי זענען געקומען אין אַ דאָרף בײַ אַ ייִדישן אַרענדאַר, האָבן זיי געוואָלט איבערבײַסן. אָבער דאָ האָט עפּעס אַ היכער גוי זיך צעווערטלט מיט לייזערן, ווידער אויפן גויישן לשון, ביז עס איז געקומען צו אַ געשלעג. מעשה שטן האָט דער גוי זיך דווקא געוואָרפן אויף ביינישן, הגם נישט ער האָט עס אים דערצערנט. זיי זענען טאַקע געווען דרײַ קעגן דעם איינעם שיכור, אָבער דאָ האָט זיך שוין דער אַרענדאַר אַרײַנגעמישט. ער האָט געשריגן, אַז זיי מאַכן אים אומגליקלעך. ווי נאָר זיי וועלן דעם גוי אָנרירן, וועלן אים די ערלים פאַרברענען צוזאַמען מיט דער קרעטש־מע. דערפאַר האָט ער זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן און זיי נאָכגעוואָרפן די פּעקלעך. דער פּויער האָט זיי אָבער נישט נאָכגעלאָזט און ביניש האָט זיך דער ערשטער געמוזט באַהאַלטן אונטער אַ שייער צוליב זײַן צאָרן. אויך יאַקאָב מיט לייזערן זענען אַנטלאָפן און דער גוי מיט עט־לעכע חברים זײַנע האָבן זיי נאָכגעיאָגט. אין אַזאַ סכנה האָט ביניש מורא געהאַט זיי נאָכצולויפן, מחמת זײַנע פיס זענען נישט געווען אַזוי פלינק ווי זייערע.

ערשט ווען די סכנה איז אַריבער און מען האָט שוין נישט געהערט די גוייִמס קולות, איז ביניש אַרויסגעקראָכן פון זײַן באַהאַל־טעניש. קיינער פון זײַנע צוויי חברים זענען שוין אָבער נישט געווען און ביניש האָט נישט געוווּסט ווו זיי צו זוכן. פון גרויס צער האָט ער זיך צעוויינט און אַרײַנגעלאָפן בעטן רחמים בײַם ייִדישן קרעטשמער, אַז ער זאָל אים זאָגן דעם וועג. יענער האָט אים דאָס מאָל געטריבן מיט רחמנות. ער האָט אים אַפילו געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל גיין אין דערבײַאיקן דערפל וואָרסק, ווו די ערלים זענען אַביסל געלאַסענער און דער ייִדישער קרעטשמער האָט אויף זיי אַ גרויסע השפּעה. נסים זענען געשען ביז ביניש האָט זיך אַהין דערשלעפּט און נאָך מער נסים

האָט ער געהאַט, וואָס בײַם אַרײַנקומען צו יענעם ייִד האָט ער שוין דאָרט געטראָפן לײזערן... עס זענען ערשט פאַרבײַ אַ פּאָר שעה, זינט זיי האָבן זיך צעשיידט, אָבער בייניש איז געפאַלן לייזערן אויפן האַלדז פאַר גרויס שמחה און געוויינט. דער גאַנצער כעס איז פון אים אַראָפּ און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין לייזערס האַנט, נישט אָפּצולאָזן. ערשט ווען ער האָט באַקומען אַ שיסעלע גריץ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז יאַקאָב איז דאָ נישטאָ. ער האָט מיט אַ געהיטענעם רמז געפרעגט לייזערן וועגן דעם און לייזער האָט אויך אַרויסגעוויזן באַזאָרגטקייט.

עס האָט געהייסן, אַז בײַם אַנטלויפן פון די גוייִם האָבן זיי זיך צעטיילט אין פאַרשידענע זײַטן און דערנאָך האָט ער נישט געוווּסט ווו דער יאַקאָב איז נעלם געוואָרן. טאָקע דערפאַר זיצט ער דאָ און וואַרט. ווען נישט, וואָלט אים שוין דאָ בייניש נישט אָנגעטראָפן. ס'איז ווײַזט אויס זײַן מזל. דערנאָך איז שוין דער גאַנצער טאָג געווען אַ מזל־דיקער. ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעגעסן האָט זיך די טיר געעפנט און יאַקאָב איז אַרײַנגעפאַלן אַ צעיאָכמערטער. בייניש האָט דערנאָך נישט געוווּסט, וויאַזוי ער האָט אַליין געקענט טרעפן אין דער אכסניה אַרײַן. ווען ער האָט דערזען בייניש האָט ער בלויז אַ שטאַרן בליק געטאָן אויף אים, דערפאַר האָט ער זיך שטאַרק משמח געווען מיט לייזערן, דאָס האָט אָבער בייניש נישט געאַרט. ער האָט זיך דערווײַל צעשמועסט מיטן ייִדישן פּועל פון דער קרעטשמע און בייניש האָט זיך פאַר אים אַראָפּגערעדט פון האַרץ. דער פּועל האָט געהערט צוליב וואָס בייניש שלעפּט זיך אַזאַ ווײַטן וועג און דערנאָך איז ער שנעל געלאָפן אַ בליק טאָן צו יאַקאָבן. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער שטאַרק געלאַכט און ממש געבעטן זיך בײַ בייבישן:

— פאַרשרײַבט מײַן נאָמען אַלס עדות. איך בין אַליין אַ פּרעמיס־לער און דאָך קען איך נישט דעם דאָזיקן פאַרשויך. איר מוזט ביידע משוגע זײַן, אויב איר לאָזט זיך פירן בײַ דער נאָז פון אַזאַ שוטה. דאָס איז עפּעס אַ גרויסער נאַר, וואָס ווייסט אַליין נישט ווער ער איז. קיין פּרעמיסלער איז ער אָבער זיכער נישט. דערויף בין איך בטוח...

בייניש האָט זײַן נאָמען פאַרשריבן מיט שמחה. נאָר די צרות פון וועג האָבן אים נישט געלאָזט זיך פרייען מיטן גאַנצן האַרצן. ווער

ווייסט דען, אויב דער פועל פון אַ קרעטשמע איז נישט קיין לץ גלייך ווי אַלע? און ווער קען דען זאָגן, אַז ער איז מער באַגלויבט ווי דער פריערדיקער חזן? ער האָט אָבער קיין עצה נישט געהאַט און געמוזט נאָכשפּרײַזן וווהין די צווײ לצים האָבן געפירט.

דעם גאַנצן וועג איבער שטעט, דערפער, וועלדער און אכסניות האָט בייניש שוין געהאַט גענוג סימנים, אַז מיט די צווײ לײַט איז עפּעס דער מער. איבער דער צײַט האָט ער אפילו אָנגעהויבן צו קלערן אַז די גאַנצע מעשה מיט די געשלעגן און מיט די טרעפּעכצער איז בלויז געווען אַ מין אָנשטעל; אָבער קיין גענויע ראיות דערויף האָט ער נישט געהאַט. האָט ער בלויז געקענט וואַרטן ביז ער וועט זײַן אין פּרעמיסלע און דאָרט וועט ער קענען אויף אייגענער האַנט אויספירן זײַן שליחות. ער וועט דאָרט אפילו שרײַען געוואַלד, אַז אַט דער לייזער געפעלט אים גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט! אים וועט מען דאָרט מוזן גלויבן. נאָר דאָס ערגסטע איז גאָר געקומען איידער מען האָט אַרײַנגעשפּרײַזט אין פּרע־מיסלע גופא. בייניש איז געגאַנגען און געטראַכט זײַנע מחשבות. דער־פאַר האָט ער די ערשטע מינוט נישט באַמערקט, וויאַזוי יאַקאָב זאָגט עפּעס גאָר שנעל צו לייזערן און נעמט לויפן ווי אַ משוגענער אויף צו־ריק. בייניש האָט אין די ערשטע רגעס געמיינט, אַז ער דאַרף זײַן געברויך און ער לויפט בלויז מחמת צניעות זוכן אַ באַהעלטעניש. ערשט ווען ער האָט זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר, איז יאַקאָב שוין געווען גאָר ווײַט פון זיי.

לייזער האָט זיך די גאַנצע צײַט אפילו נישט אומגעקוקט. אדרבא, ער האָט זיך גאָר אָראָפּגעלאָזט בײַ די זײַטן פון וועג און געזעצט זיך אָפּרוען. בייניש האָט אים געטרייסלט, אַרײַנגעשריגן אין פּנים און דווקא באַשטאַנען אַז ביידע זאָלן זיך לאָזן נאָכיאָגן יאַקאָבן, אָבער לייזער האָט בלויז מיד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— זוך דעם ווינט אין פעלד...

בייניש האָט געמיינט אַז ער וועט משוגע ווערן:

— אָבער ער וועט דאָך נעלם ווערן! איצט קענען מיר דאָך נישט אַרײַנגיין קיין פּרעמיסלע און אויך אין ליסע וועט מען אונדז טרײַבן פון די שוועלן... דו ווייסט דען דאָס אומגליק? לייזער!

לייזערס קול איז אָבער געוועזן מיד און פול מיט חוזק:

— וואָס הייסט, ער וועט נעלם ווערן? ער האָט ביי דיר עפּעס צוגעגנבעט? און דערצו האָסטו נישט וואָס צו ציטערן. ער איז אַ פּרע־מיסלער און וועט פון זיין היים נישט אַוועק. דו ליגסט אַלע דיינע יאָרן אויף איין אָרט אין דיין תפיסה, קענסטו במילא נישט פאַרשטיין וואָס אַ נע־וונדניק פילט ווען ער זעט זיין היימשטאָט, נאָך אַזויפיל יאָרן וואַלגערן זיך... וואָס ווייסטו דען פון אַ לעבן... פונקט אַזויפיל וויפל אַ טויבער פון אַ ניגון! שווייג זשע בעסער און שוין!

דערנאָך האָט נאָך ביינעש געפּרווט עפּעס זאָגן וועגן דעם, וואָס דער משוגענער איז גאָר געלאָפן צוריק און דאָס איז שוין גאָרנישט קיין סימן פון בענקשאַפט.. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס אויסשרייען, הגם לייזערס ווערטער האָבן אים אַ שיין ביסל צוגענומען — אָבער לייזער איז שוין בייז געוואָרן:

— מיינע כוחות זענען מיר אַ שאָד און די פיס טוען מיר ווי... איך וועל אים נישט נאָכלויפן. איך בין זיכער, אַז ווי נאָר מיר וועלן קומען אין שטאָט אַריין, וועט ער שוין וואַרטן אויף אונדז. מסתמא האָט ער אַ נענטערן וועג... אויב דו ווילסט — לויף...

און ביינישן איז אַ שאָד געוואָרן צו פאַרלירן אויך לייזערן פון אויג. עס איז מער נישט געווען פון וואָס צו רעדן. ביינעש האָט געמוזט זיצן שטיל ביז לייזער האָט זיך דערמאָנט אויפצושטיין. דערנאָך האָט ער לייזערן שטיל נאָכגעשפּרייזט ביז זיי האָבן דערזען די ערשטע הייזער — און אַ ייִד פון דאָרטן האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע באַלד פּרעמיסלע.

— 2 —

פאַר די צוויי שליחים איז באַלד פון דער ערשטער מינוט קלאָר געוואָרן, אַז דאָ וועלן זיי מוזן אַלצדינג אָנהייבן אויף אייגענער האַנט. לייזער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ ביליקער אכסניה און ביינעש איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ שטיל געמיט. אָבער ווי נאָר זיי זענען אַהין אַריינגעקומען, איז ביינעש גאָר שפּל געוואָרן ביי זיך. דער בעל האכסניה

האָט אָנגעמאָסטן גלעזלעך משקה פאַר עטלעכע ייִדן וואָס זענען אַרײַנ־געקומען און טאַקע איינער פון זיי האָט דערציילט דעם עולם דאָס גרויסע נײַעס:

— מען שמועסט, אַז דער משוגענער קאַפּהאָן איז הײַנט צוריק־געקומען...

די אַנדערע האָבן זעט אויס אַלע געקענט קאַפּהאָנען, ווײַל זיי האָבן בלויז אַרײַנגעטראַכט דערין, וואָס פאַר אַ נײַע ליצנות עס האָבן אים ווידער אָנגעטראָגן אַהער. בײַ ביינישן איז דאָס האַרץ צעגאַנגען פון צער פאַר אַזעלכע רייד. אויב אַזוי איז דאָך די גאַנצע מעשה נישט אויסגעטראַכט! ווער זשע קען וויסן, אויב לייזער האָט דאָ די גאַנצע צײַט נישט געוווסט דעם אמת און ביינישׁ האָט אים בלויז אומזיסט חושד געווען? נאָר זײַן שליחות מוז ער שוין אויספירן. וויבאַלד מען איז שוין צווישן אַזויפל ייִדן בלי־עין־הרע, קען זיך שוין ביינישׁ אַליין געבן אַן עצה. ער האָט אפילו באַשלאָסן צו פּרוּוון עפּעס טאָן אַן לייזערן. שלאָגן אים דערפאַר וועט קיינער נישט, בפרט ווען ער האָט אַזעלכע בריוו פון ליסע.

אויפן צווייטן טאָג, ווי נאָר עס איז ליכטיק געוואָרן האָט ביינישׁ גענומען דאָס פּעקל מיט כתבים און אַוועק דאַווענען. דאָרט האָט ער זיך אָנגעפרעגט אויפן פּרנס־החודש און ער איז צו אים צוגעגאַנגען. דער פּרנס האָט לאַנג און געהיטן איבערגעלייענט די בריוו און דערנאָך משונהדיק־ פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט ביינישן, אַזוי־ווי ער וואָלט געווען אַ מענטש נישט פון דער וועלט. דערנאָך האָט ער זיך מיישב געווען און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די בריוו. ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיי זענען גאָר געשריבן צום אב בית דין. דערפאַר האָט ער זיך בלויז קאַלט געבייזערט אויף ביינישן:

— ווי קומט ער צו ווײַזן אים אַזעלכע בריוו וואָס זענען געשריבן צום גאון פון פּרעמיסלע? ס'איז נישט דער שטייגער אַזוי און ער האָט גאָרנישט געטאָרט אין זיי אַרײַנקוקן. לכן קען ער אים מיט גאָרנישט העלפן און ער מוז אַריבערגיין צום גאון אין שטוב אַרײַן. למען האמת מוז ער אים אָבער מודיע זײַן, אַז הרב יחיאל מיכל איז אַוועקגעפאָרן

אויף אַ שטיקל צײַט צו אַ גרויסער אסיפה... עס קען גאָר זײַן, אַז ער וועט ערשט צוריקקומען אין אַ וואָך אַרום...

ביינישס אויגן זענען פאַרפינצטערט געוואָרן און ער האָט קוים באַוויזן אָפּצודאַווענען. ווען ער איז צוריקגעקומען אויף דער אכסניה איז שוין לייזער דאָרט נישט געווען. איז ביניש שוין אויף זיך אַליין געוואָרן אין כעס. אַזוי זעט עס אויס ווען מען וויל קליגער זײַן פאַר אַלעמען! וואָס האָט ער טאַקע געהאַט צו ווײַזן דעם פּרנס אַזעלכע בריוו, וואָס נאָר דער רב דאַרף זען? בפרט נאָך ווען דאָרט ווערט אָפּגעלייקנט דער פּסק, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן! דער פּרנס איז לגמרי געדעכט געווען, ווען ער האָט זיך געבייזערט צוליבן כבוד פון זײַן רבין. ער האָט אָבער פאָרט געמוזט עפּעס טאָן און דערפאַר איז ער אַרויס איבער די גאַסן זוכן יאַקאָבן אָדער לייזערן. ווו ער האָט געזען ייִדן אײַלן האָט ער מיטגעאײַלט און ווו ער האָט געזען ייִדן שטיין אין אַ ראָד האָט אויך ער זיך אַוועקגעשטעלט. דערפון אָבער האָט ער געמיינט אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אַנדער וועלט.

אַלע ייִדן, סײַ איבער די גאַסן און סײַ בײַם דאַווענען האָבן שוין געשמועסט אַז דער לץ יאַקאָב קאַפּהאַן איז דאָ געזען געוואָרן, בלויז דער איינער ביניש האָט נישט געוווּסט ווו צו טרעפן אים. די צרה איז אויך געווען, וואָס די ייִדן האָבן געוווּסט, אַז דער לץ האָט פאַרדרייט דעם קאָפּ צוויי ליסער ייִדן און זיי פאַרשלעפּט ביז קיין פּרעמיסלע. אַנדערע האָבן שוין נאָכדערציילט נײַע הלצהלעך און אַנדערע האָבן געזען בײנישן און באַלד דערקענט אין אים איינעם פון די צוויי ליסער נאַ־ראָנים. מער האָט שוין בײנישן קיין צרות נישט געפעלט. מען האָט זיך דערציילט פון מויל צו מויל, אַז דער לץ האָט מיט יאָרן צוריק געוואָלט חוזק מאַכן פון אַ שטאָט. האָט ער דערציילט אַז ער איז אַ דאָרטיקער. דערפאַר האָט מען אים געשלאָגן מכות רצח, אַז ער זאָל אָפּגטן עפּעס אַן אשה. אַזאַ לץ ווי קאַפּהאַן האָט נישט געוואָלט לײַדן קיין צרות און דערפאַר האָט ער זיי צוליב געטאָן. נאָר היות ווי דער יונג האָט פאָרט אַ ייִדיש האַרץ, ווי עס איז גוט באַקאַנט פאַר אַלע פּרעמיסלער, און דערצו איז ער פון אַ לײַטישער שטוב — האָט ער זיי דערנאָך געלאָזט וויסן זייער טעות. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די נאַרישע קהלס־

לײַט ווילן זיך עס נישט גלויבן. ווען זיי האָבן אים אַ צווייט מאָל געכאַפּט, האָבן זיי אים תּפוס גענומען און איבערגעשיקט אַהער צוויי ייִדן מיט אַ גאַנץ זעקל כּתבים...

טייל מענטשן האָבן אַפּילו נאָכדערציילט די וווּנדער־מעשׂהס וואָס קאַפּהאַן דערציילט זיך אָן פון יענער קהילה. עפּעס זענען דאָרט גאָר קיין קעפּ נישטאָ. זיי האָבן געוואָלט נישט אַנדערש נאָר ער זאָל שוין בלײַבן אַ ליסער. צוויי וועכטער האָבן אים באַגלייט ביז פּרעמיסלע און ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט אַרײַנקומען אין שטאָט צו שאַנד און צו שפּאָט. נאָר איצט האָט ער צוגעגרייט אַ פּלאַן, וויאַזוי צו שפּאָט צו מאַכן, אַז די גאַנצע שטאָט האָט נאָך אַזוינס נישט געזען. די אַלע מעשׂהס האָבן אָנגעמאַכט אַ חשק בײַ אַ סך לצים צו דערקענען די שליחים באַצײַטנס און בייניש איז באַלד געווען בײַ אַלעמען אין די אויגן...

ווי לייזער האָט זיך אויסבאַהאַלטן האָט בייניש נישט געקענט וויסן, דערפאַר אָבער איז אים אַליין גאָר ביטער געוואָרן. פון אַלע זײַטן זענען אויף אים אָנגעלאָפן נײַגעריקע און דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פון בושה און צאָרן. קעגן אַ גאַנצער שטאָט האָט ער נישט געקענט גיין. דערפאַר אָבער האָט ער באַשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן פון דעם הויפּט־דיינס טיר. סוף כּל סוף איז ער געקומען אין אַ שליחות מצווה און מען דאַרף אים העלפן. פאַרוואָס זאָל ער נאָך דאַרפן לײַדן בזיונות און ייִדן זאָלן מורא האָבן אים אײַנצולאַדן אויף אַ סעודה? וואָסמער יענער האָט אים מיט ווייכע רייד געהייסן וואַרטן ביז דער רבֿ וועט קומען, אַלץ מער איז בייניש אַרײַנגעפאַלן אין זײַן אַלטער קפּדנות. ער האָט דערפאַר אַזוויי פאַרגעסן אין כּבֿוד התּורה און גענומען וואַרענען מיט שטרענגע רייד:

— איך בין אַהער געקומען אין נאָמען פון ליסער בית דין... געדענקט דאָס!

אָבער יענער האָט פון אַזעלכע רייד בלויז צניעותדיק געשמייכלט און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דאָס האָט ער ווײַזט אויס נישט געוואָלט הנאה האָבן פון אַ ייִדנס צעדרייטקייט. בייניש האָט גאָרנישט געקענט משׂיג זײַן, אַז אַזוינס זאָל פּאַסירן בײַ ייִדן. ממש סדום! ער איז נישט

געוועזן פון די מענטשן וואָס לאָזן זיך אָפּשרעקן, בעת ער קען באַנוצן זײַן צונג און ווען ער געפינט זיך צווישן ייִדן. דערפאַר האָט ער אָנגע־הויבן גיין פון טיר צו טיר און פרעגן זיך ווו מען קען אָנטרעפן דעם אַנטלאָפענעם יאַקאָב. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די שפּאָטע־דיקע וואָס האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז יאַקאָב קאַפּהאַן געפינט זיך בײַ זײַן טאַטן אָדער בײַ זײַן ווײַב. ווען די רייד האָבן זיך אויסגעלאָזט אין זײַן מויל האָט ער אַרויסגענומען דעם פּאַק מיט בריוו און מיט זיי גע־טרייסלט:

— עס איז אַ זינד חוזק צו מאַכן. איך קום אין נאָמען פון גדולי ישראל און דער מאַן, וואָס איר רופט קאַפּהאַן, שטייט נאָך דערווײַל אונטער זייער רשות. איך האָב אַזעלכע באַווײַזן, וואָס אויך אײַער רב וועט נישט קענען אָפּלייקענען. אין זייער נאָמען דאַרף איך אים האָבן אונטער מײַן האַנט און איר מוזט אים אַרויסגעבן!

קיינער האָט אים נישט אַרויסגעגעבן יאַקאָבן. אַ סך לײַט האָבן זיך אָבער דערשראָקן פאַר זײַנע רייד און אויפגעהערט מיטן לײַכטן טרײַבן ליצנות. די שוועריקייטן זײַנע האָבן זיך אָבער דערמיט נישט אָפּגעשטעלט. בייניש איז אַלעמאָל געגאַנגען צום רבס טיר און דער שמש האָט אים אַלעמאָל אָפּגעפּערטיקט מיטן קאַלטן ענטפער אַז דער רב איז נאָך נישט צוריקגעקומען. אַ סברא, אַז דער שמש אַליין האָט אויך געמיינט אַז דאָ גייט עס בלויז אין אַ ליצנות־זאַך. דער פרעמדער ייִד קען זײַן אָנגעשטעלט פון דעם לץ און אויך ער וויל דאָ פאַרדרייען חוצפּהדיק דעם רבס קאָפּ. בייניש האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט געלעבט מיט אַ שטיק טרוקן ברויט און דאָך נישט אָפּגעטראָטן פון רבס טיר. ער איז דערבײַ שוין אין כעס געווען אויף אַלעמען און ווען ער האָט איינמאָל אָנגעטראָפן אויף לייזערן האָט ער אים געוואָלט קורע כדג זײַן, פאַרוואָס ער איז מועל אין זײַן שליחות. אָבער לייזער האָט זיך גאָר אויסגעלאַכט פון אים און גאָר מוסר געזאָגט ביינישן. ס'האָט געהייסן, אַז ער האָט נאָך דעם ערשטן טאָג זיך געזען מיטן גאון און יענער האָט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות. אָבער בייניש האָט מיט זײַן התנהגות קאַליע געמאַכט זײַן אַרבעט, ווײַל ער האָט גורם געווען אַלע זאָלן פון זיי מאַכן דאָס גרויסע געלעכטער. בייניש האָט אים געגלויבט,

אבער דאָך נישט געהאַט קיין עצה. לייזער האָט אים בלויז טרויעריק געמאַכט דערמיט וואָס ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז אויך דער רב קען יאַקאָבן פאַר אַ פּרעמיסלער און אַז ער וועט נישט נויטן יאַקאָבן זיך אומצוקערן קיין ליסע. די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און בייניש האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס משוגעת אויסצוהיילן.

אין זײַן קאָפּ זענען אויפגעקומען אַלערליי הוריות און עצות. אים אַליין איז שוין אויך געוואָרן נמאס דאָס וואַלגערן זיך אַזויפיל טעג און וואָכן אין דער פרעמד, ווו אַלע לאַכן פון אים און קוקן אויף אים מיט חשד. טיילמאָל האָט זיך אים אַליין געגלוסט צו אַנטלויפן, דערשלאָגן זיך ביז ליסע און פאַלן דעם בית דין צו די פיס. זאָלן זיי אים משפטן, זאָלן זיי גלויבן אַז ער טויג נישט פאַר קיין שליחות — אָבער איינס מעגן זיי וויסן: דאָ קומט עפּעס פאַר אַ מוראדיקער כשוף! מיט דעם לץ איז גאָרנישט גלאַטיק און מען דאַרף טאָן גאָר אַנדערע זאַכן בכדי אַרויסצוקריכן פון פּלאָנטער. זאָלן זיי גיין קיין פּרעמיסלע, וועלן זיי זען! נאָר זײַן עקשנות אויסצופירן דאָס זײַניקע האָט פאַרט גובר געווען אַלע צרות. בלויז דאָס הארץ האָט אין אים געברומט און טיילמאָל האָט זיך אים געבענקט נקמה צו נעמען אין אַלעמען: אין יאַקאָבן, לייזערן, אין גאַנץ פּרעמיסלע און אַפילו אין די ליסער ייִדן. ווייסן זיי דען נישט ווי שטאַרק ער לײַדט? וויפל צער און יסורים ער האָט שוין אויסגע־טראָגן צוליב דעם משוגענעם וואַנדערער? קומט אים דערפאַר אויפצו־נעמען מיט אַזויפיל שפּאָט און חוזק?

דער ניכטערנער שכל פון אַ מענטש, וואָס איז געוווינט צו פאָלגן אַנדערע במשך פון לאַנגע יאָרן, האָט אים אָבער געצוימט און די שטילע הכנעה האָט פאָרט באַקומען די אויבערהאַנט איבער אים. ווו וועט ער האָבן כח נקמה צו נעמען אין אַלעמען? ער האָט דערפאַר פרום אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט אויף דער גרויסער הילף וואָס קען אַמאָל קומען אין איין הרף עין.

קאַפּיטל נײַנצן

— I —

זינט יאַקאָב פינער האָט זיך מיט יאָרן צוריק געזעגנט מיט יאַקאָב קאַפּהאַן, האָט זײַן האַרץ מער נישט געקענט רוען. ער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, געזאַמלט נדבות און אַפילו אָפּגענומען גרוסן וועגן זײַן מרימען. זי איז ווײַטער געבליבן אַ פינצטערע עגונה, הגם דער קאַפּהאַן האָט איר געגעבן אַ גט אין זײַן נאָמען... מיט דער צײַט האָט דאָס אים אויפגעהערט צו טרייסטן. גאַנצע פּופּציק דוקאַטן האָט ער אויסגעבערענגט אויף זײַן נקמה. צי איז עס אָבער ווערט געווען? ערשט ווען ער האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן שנאָרען איבער דער מדינה מיט נײַעם אייפער האָט ער דערזען וואָס פאַר אַ גרויסע סומע דאָס איז. מען קען נישט זאָגן: דער קאַפּהאַן האָט דאָרט געטאָן דאָס זײַניקע, אויפגערודערט דאָס שטעטל און אַפילו מרימען מיד געמאַכט. וואָס וועט אים אָבער אַרויסקומען?

עס האָט גאָרנישט געהאָט קיין שיעור צו זײַנע מאַטערנישן, ביז ער האָט זיך דערוווּסט ווו ער קען ווידער אָנטרעפן קאַפּהאַנען. יענער האָט זיך שוין געדרייט מער צווישן פּוילישע שררות ווי צווישן ייִדן און יאַקאָב האָט נאָכגעשנאָפּט זײַנע טריט לאַנגע וואָכן און חדשים. ווען ער האָט אים שוין איינמאָל געטראָפן אויפן פונאַנדערשייד פון זומערדיקע וועגן, האָט אים קאַפּהאַן ערשט נישט געוואָלט דערקענען און אים געטריבן פון זיך. יאַקאָב האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, געשראָקן אים אַז ער וועט אים נאָכגיין אומעטום — האָט שוין דער לץ קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און אים אַרײַנגעפירט ערגעץ אין אַ דאָרפישביידל, וואָס קיין הונט האָט דערצו נישט פאַרשמעקט. יאַקאָב האָט פאַר אים געוויינט מיט ביטערע טרערן. וואָס וועט זײַן דער סוף? וויפל איז דער שיעור זיך צו פּײַניקן? און וואָס וועט אים שוין אַרויסקומען אַז מרים וועט אַלע יאָרן זײַן אַן עגונה? אדרבא, קאַפּהאַן איז דאָך קליגער פאַר אים...

קאַפּהאַן האָט אים אויסגעהערט ווי שטענדיק. ער איז געווען ערנסט

און דאָך האָט ער פון אים אָפּגעלאָכט. זעט אויס אַז דער יאַקאָב האָט נישט קיין מענעריש האַרץ און דערפאַר ווייסט ער נישט דעם זיסן טעם פון נקמה נעמען פון אַ שלעכט ווײַב. טאָ ווער איז אים שולדיק? פאַר־וואָסזשע האָט ער זיך דערצו אַזוי געריסן? צום ערשט האָט ער גע־חלשט דערנאָך און קאַפּהאַן האָט אים בלויז צוגעהאָלפן. ער האָט גע־וואָלט אָנמאַכן זײַן פלונית אַביסל האַרצווייטיק און קאַפּהאַן האָט די זאַך אויסגעפירט בשלימות, הגם ער איז צוליב דעם צעקיילט און צע־ביילט געוואָרן. וואָס נאָך וויל ער פון אים? קאַפּהאַן איז נישט קיין מלאך און מער ווי דאָס קען ער פאַר אים נישט טאָן. נאָר זײַנע רייד האָבן קיין פעולה נישט געהאַט. יאַקאָב האָט פאַרוואָרפן זײַן קאָפּ אין אַ זײַט און געוויינט אַזוי יאָמערלעך, ביז דער קאַפּהאַן האָט געוואָלט מיטוויינען. ער האָט אים דערפאַר געוועקט, געטרייסלט און זיך פלוצים אָנגעצונדן מיט פרייד:

— איך האָב פאַר דיר אַן עצה... גיי קיין ליסע! איך שווער דיר, אַז דײַן אשה האָט זיך שוין גאָר אַ סך געענדערט. פון אירע אויגן און אירע מעשים האָב איך דאָן אַרויסגעלייענט, אַז זי וואָלט זיך מיט מיר געוועון איבערגעבעטן ווען איך זאָל נאָר געוועון וועלן. איך קען זיך אויף ווײַבערישע תנועות און איך האָב געפילט, אַז צוליב איר לאַנגן עלנט האָט זי אפילו באַקומען אַ תאווה צו מיר, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר אַ נסיון... דערבײַ האָט זי דאָך געמיינט, אַז איך בין דו... פאַרשטייסטו וואָס איך זאָג דיר? גיי קיין ליסע!

אין יאַקאָבס מח האָט זיך עפּעס אַ רודער געטאָן:

— בנאמנות?

בײַ קאַפּהאַנען אין צעשויבערטן מח האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן מיט ווײַטע און זיסע זכרונות, פון וועלכע אויך ער איז אויפגערודערט גע־וואָרן. מסתמא האָט ער זיך דערמאָנט ווי אַזוי מרים האָט אויף אים געקוקט, ווי אַזוי זי האָט בייז און פאַרזיכטיק אים געגלעט מיט די פינ־גער־באַרירן, ווען זי האָט אים דערלאַנגט יאַקאָבס חפצים... און ער האָט פלוצים דערפילט אַזאַ ווײַטע ציִעניש פון וועלכער די בלוטן זענען אים אָנגעלאָפן. דער געדאַנק האָט אים נישט באַוויזן צו זאָגן געני פון וואָס ער איז דאָ אַזוי אויפגערודערט. ער האָט בלויז דערפילט ווי אַזוי

עס נעמט אים טרײַבן פֿון אָרט און ווי אַזוי עס ווילט זיך אים איצט גיין און גיין, אַן אויפֿהער... ער האָט זיך דערפֿאַר אויפֿגעשטעלט און מיט פֿײַערלעכער רו אַ זאָג געטאָן יאַקאָבן:

— איך בין זיכער, אַז זי האָט דעם גט נישט געוואָלט נעמען... זי האָט מיך געוואָלט און דאָס קען פֿאַר דיר עפּענען דעם וועג צו דײַן הילף. איך ווייס נישט אויב דו וועסט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מען דאַרף דאָ האַנדלען און דערפֿאַר וועל איך דיר באַווײַזן, אַז יאַקאָב קאַפּהאָן שווינדלט נישט. גיי... און איך וועל דיר נאָכקומען! איך וועל דיך שוין טרעפֿן פֿאַר ליסע און אַלעמאָל וועל איך זיך צו דיר באַווײַזן ווען דו וועסט עס דאַרפֿן. איז עס פֿאַר דיר גענוג? גלויבסטו מיר?

קאַפּהאָן האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ערנסטן ברען, אַז יאַקאָב האָט אים געמוזט גלויבן. איז ער געגאַנגען. זײַן האַרץ האָט אים געקלאַפּט פֿון פּחד, אָבער קאַפּהאָנס רייד זענען געווען אַזוי שכלדיק און זיס, אַז אַלע אברים האָבן זיך בײַ אים אָנגעגאָסן מיט פֿרייד בײַם בלויזן הערן זיי. ער האָט אַפֿילו געוואָלט קושן קאַפּהאָנס זוים פֿאַר גרויס תענוג, אָבער יענער האָט אים אָפּגעשטויסן:

— מיט דײַן צעקראָכנקייט וועסטו מיר אַלצדינג איבערפּירן. איך מעג אַפֿילו אויסקלערן דאָס בעסטע, וועסטו עס מיר דערהרגענען מיט דײַן שפּלות. קענסטו טאַקע נישט זײַן אַנדערש? לערן זיך פֿון מיר! דו הערסט?

און יאַקאָב איז אַוועק. ער האָט געוווּסט, אַז ער טראָגט מיט זיך דעם פּרעמיסלער בריוו און ער קען פֿאַר אים ווערן אַ מויער, וואָס זאָל אים באַשיצן פֿאַר אַלע צרות. ער וועט אים אָבער נאָר באַווײַזן אין דער לעצטער מינוט, ווען קיין אַנדער עצה וועט שוין נישט זײַן. אויך זײַן סוד וועט מוזן נאָך מער פֿאַרהילט ווערן, ביז ער זאָל זיך מרימען פֿאַרלייגן ווי אַ שטריק אויפֿן האַלדז. מיט קאַפּהאָנען בײַ דער זײַט, וועט ער קענען אַרויסבאַקומען זײַן ירושה און אויך דערגיין הינטערווייד לעכץ בײַ מרימען וואָס זי טראַכט פֿון אים און אויב זי וועט זיך לאָזן איבערבעטן... שוין דאָס בלויזע זען זי האָט אים שכור געמאַכט. ווי אַזוי קענען זיי ביידע אויסקוקן נאָכן נישט זען זיך גאַנצע צוועלף יאָר? ער האָט זיך גוט אײַנגעחזרט אין קאָפּ אַלע אָנווײַזונגען, ווען ער דאַרף

זײַן אַ פּינער און ווען ער מוז זיך אויסגעבן ווי אַ פּרעמיסלער. ער האָט געוווּסט, אַז עס וועט אים זײַן שווער צו ווערן צוויי באַזונדערע מענטשן אין דער זעלבער צײַט און אויפן זעלבן אָרט, ווו אַלע קענען אים נאָך דערצו. ער האָט אָבער געהאַט זײַן האָפענונג צו אַנטפּלעקן זיך פאַר מרימען, ווי נאָר זי וועט פאַר אים אַרויסווײַזן איר ווילן. זי וועט דאַן מוזן אײַנזען אַז דער גט איז גאָרנישט ווערט. ער איז דער זעלבער יאַקאָב און מען דאַרף אפילו קיין צווייטע חופה נישט שטעלן.

די אַלע פּלענער האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן זייער גוט פאַר אַנדערע, נישט פאַר יאַקאָבן. אָט למשל קאָפּהאָן! ער וואָלט נישט אויפגעציטערט, ווען אַ פּרעמדע פרוי שטייט און רעדט צו אים ווי אַ מאַמע און ער וואָלט אויך ווייניק נתפּעל געוואָרן בײַם שטיין אַנטקעגן אַ פּרעמדער אשה, וואָס עס דאַרף מצער זײַן אַ שלעכט ווײַב... פאַר יאַקאָבן זענען זיי אָבער געווען צופיל נאָענט און אײַנגעבאַקן אין האַרץ. די ערשטע טרערן בײַ דער מוטער האָבן בײַ אים אָפּגענומען דעם גאַנצן חשק צו דער ירושה און דער ערשטער אָנבליק פון מרימען האָט אים צוגענומען דעם געדאַנק. וואָס איז ער שולדיק?

דאָס אַלץ האָט ער נישט געפילט כל זמן ער האָט זיך געפונען אונטער קאָפּהאָנס אויג. דער לץ האָט אין אים אַרײַנגעבלאָזן כח צו שפּרײַזן פול מיט געדאַנקען ביז ליסע. ער האָט דאָרט אפילו באַוויזן צו האַלטן זיך שטאַרק ביז מען האָט אים געשיקט, צוזאַמען מיט לייזערן און מרדכי יון קיין פּין. ערשט ווען ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט דער מאַמע און די שוועסטערן האָט ער זיך פאַרלוירן. דאָס געפיל, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. וואָסזשע איז ער שוין מסוגל צו טאָן אין אַזאַ צושטאַנד?

ער האָט גאָרנישט אויסגעפירט אין פּין. נאָך די אַלע פּלענער זײַנע איז ער געבליבן דער זעלבער שלעפער, וואָס האָט נישט מיט וואָס איבערצולעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג, אויסער ווען ער וועט ווידער אויסשטרעקן די האַנט... און זײַן גאַנג קיין ליסע איז דאָך איצט געווען ווידער צו געווינען מרימען. זי וועט שוין וויסן, ווי אַזוי ער האָט זיך געבראַכן פאַר נחס קול און פאַר דער מאַמעס געוויינען... מיט וואָס וועט ער קומען צו איר? ווי אַזוי זאָל זי אים ליב קריגן? איצט האָט

ער אַן ערגערע מערכה ווי פריער. אַלע וועגן האָבן אָפּגענאַרט און אַלע מעגלעכקייטן זענען פאַרשפּילט. פאַרוואָסזשע זאָל ער זיך נאָך אַמאָל שלעפּן אַהין, אין דעם בייזן ליסע?

יאַקאָב האָט געוווּסט, אַז קאַפּהאָן שפּריַזט אים נאָך. ער וועט זיכער אויפשווימען פון דער נאָענט, געבן פון זיך אַ צייכן. אָבער דאָס מאָל האָט ער אים נישט געוואָלט זען. ער וועט אים נישט קענען דער־ציילן, פאַרוואָס ער האָט דעם גאַנצן פּלאַן אין פּין צעשטערט איבער איין נאַכט. דער לץ וועט זיך בייזערן אויף אים, חוזק מאַכן און נישט וועלן מער פון אים הערן. בלײַבט ער בלויז אַליין. דער גאַנג צוריק קיין ליסע האָט אים אויסגעזען אוממעגלעך. ער וואָלט אייגנטלעך גע־דאַרפט אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן זיך אויף אייביק. אַזעלכע מענטשן ווי ער מוזן פאַרגעסן אַלצדינג פון דעם, וואָס זיי האָבן אַמאָל מיטגע־לעבט. זײַן גאַנץ געבוירן ווערן בײַ דער מאַמען און דאָס לעבן אין ליסע איז געווען אַ טעות. דאָס איז געווען זײַן אומגליק. ער דאַרף אָנהייבן לעבן פנדאָסנײַ, ווי אַ קינד וואָס ווערט ערשט געבוירן און דאָס קען ער נאָר מאַכן ערגעץ גאָר־ווײַט. ווי אַזוי מאַכט מען עס אָבער? אַז זײַן גאַנץ פאַרמעגן איז די אויסגעשטרעקטע האַנט און זי קען ער נאָר באַווײַזן צוזאַמען מיטן פּנים... און דאָס פּנים וועלן שוין אַלע אַרויס־זוכן, פאַרשן און דערקענען!

אויף יענעם וועג פון פּין קיין ליסע האָט יאַקאָב געוואָלט אַנט־לויפן. ער האָט געטראַכט מיט בענקשאַפט וועגן אַ מענטש וואָס זאָל זײַן אַ בעלן אים צו נעמען אונטער זײַנע פליגל, מאַכן אים פאַר זײַנס אַ קנעכט און אים פירן אין אַ צווייטן עק וועלט... פון גרויס צער האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטן. דאַ האָט ער זיך דערמאַנט, אַז אייגנטלעך איז ער אַ געפאַנגענער. עס גייען מיט אים צוויי ברוגזע שומרים, וואָס וועלן היטן זײַנע טריט און ער וועט נישט קענען ווײַט אַפּלוי־פן פון זײַן פריערדיק לעבן. האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין זיי. אויף מרדכי יון האָט ער נישט געהאַט וואָס צו שטעלן. ער איז בלויז איין שטיק ל י ס ע. דורך זײַנע אויגן היט אים גאַנץ ליסער קהל און עס האָט נישט קיין זין פאַר אים זיך מכניע צו זײַן. דערפאַר אָבער האָט ער גע־פילט, אַז ער מוז דאָ פאַר עמעצן אַרויסווײַנען זײַן גורל. ער מוז בײַ עמעצן

בעטן הילף, אַן עצה... און דערפאַר האָט ער נאָך אַמאָל געוויגן זײַן גורל אויף דער וואָגשאָל פון די אייגענע געדאַנקען, זיי אַזוי לאַנג געמאַטערט מיט געשריי זיי זאָלן אים עפּעס זאָגן, ביז עפּעס אַ מחשבהלע איז אים אַרויסגעשפּרונגען ווי דאָס לעצטע רעטונגס־ברעט. אַ גרויסע פרייד איז אים פּלוצים באַפאַלן און ער האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס ער האָט עס גאָר ביז איצט פאַרגעסן. ער האָט נאָך אַמאָל אַ שאַרפן קוק געגעבן אויף איינעם פון זײַנע צוויי שומרים און אַליין נישט געקענט באַגרייפן דעם גרויסן נס:

— לייזער!!

נאָר יענער האָט אויף אים ברוגז געבליקט, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט אויב מרדכי יון זעט נישט. ערשט שפּעטער האָט ער זיך שנעל אײַנגעבויגן צו יאַקאָבן און אַן אָטעם געטאָן צו אים מיט פרײַנטשאַפט און וואָרענונג:

— דבר וואָס ווייניקער...

מער האָט יאַקאָב נישט געדאַרפט. ער האָט זיך ווידער געפילט אין עמעצנס זיכערע הענט.

— 2 —

שפּעטער איז יאַקאָבן אויסגעקומען ווייניק צו שמועסן מיט לייזערן. ער האָט באַלד געזען, ווי אַזוי יענער פאַרשטייט אויפן ווינק אַלץ וואָס יאַקאָבן ליגט אויפן האַרץ. ער האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַרויסגעצויגן בײַ מרדכי יון די בריוו און נאָך איידער מרדכי האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער שוין באַוויזן ערגעץ צו זײַן און צוריקקומען מיט אַ בשורה: קאַפּהאָן איז פאַראַן אין נאָענטן דאָרף... יאַקאָב האָט נישט געפרעגט פון וואַנעט ער קען יענעם און לייזער האָט סײַווי נישט געלאָזט ריידן קיין סך. ער האָט בלויז אַרײַנגעזאָגט שטילערהייט עטלעכע ווערטער:

— איך האָב אים זײַן שכר טרחה באַצאָלט... ער וועט שוין וואַרטן... און דו הער נאָר וואָס איך זאָג...

האָט אים יאַקאָב געפאָלגט, געהערט וואָס ער טענהט אַרײַן אין

מרדכי יון און הנאה געהאַט וואָס פון לייזערס מויל רעדט אַרויס דער גאַנצער קאָפּהאָן. ער האָט אים אַזוי שנעל געמאַכט פאַר אַ פּרעמיסלער, אַז יאַקאָבן אַליין האָט זיך געגלוסט אין דעם צו גלויבן. דאָס האָט אים פריילעך געמאַכט און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף לייזערס ליפּן! כאָטש ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס יענער איז אויסן. בײַם אַרײַנקומען קיין ליסע האָט זיך לייזער ווידער אָפּגעטיילט פון אים, נעלם געוואָרן. יאַקאָב האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער פאַר קהל נישט באַווײַזן ווי אַזוי ער האָט מיט אים אַ שייכות. עס איז בײַ אים נאָר אויסגעקומען, אַז יעדער מינוט וועט ער זיך צו אים באַווײַזן פון אַ ווינקל און אים לערנען וואָס ווײַטער צו טאָן. לייזער איז אָבער אויס־געריסן פון דער שטאָט. אין דער תפיסה האָט יאַקאָב בלויז געהערט, אַז צווישן אים מיט מרדכי יון זענען געווען אלערליי סכסוכים און צור־ליב דעם זענען ביידע אַרײַנגעפאַלן אין אַ שטיקל חשד. מער האָט אים קיינער נישט געוואָלט דערציילן. אין זײַן עלנט האָט יאַקאָב זיך אַלע מאָל געמוזט אָנבינדן אין אַ צווייטן מענטש, וואָס ווײַזט אים אַרויס גרייטקייט צו העלפן, הגם ער האָט דערבײַ זײַנע אייגענע כוונות. דער־פאַר האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך לייזערן, געוואָלט כאָטש זען זײַן פנים פון דער ווײַטנס. יענער האָט אָבער געהיטן זײַן נאָמען און מער זיך נישט געוויזן.

האָט יאַקאָב ווידער געמוזט פירן זײַן מלחמה אייגנער אַליין. דאָס זען מרימען שטיין פאַרן בית דין האָט בײַ אים צוגענומען די לעצטע זיכערקייט. נאָך זײַן לאַנגן וואַנדערן האָט איר שמעקעוודיקייט אים נאָך מער צוגעצויגן, פאַרגאָסן אים דאָס גאַנצע האַרץ מיט בלוט און מיט בענקשאַפט. ווען ער איז אַנטלאָפן זענען נאָך ביידע געווען יונגע צווײַג־לעך, וואָס האָבן נישט געקענט וויסן געגנוי וואָס זיי דאַרפן פאַרלאַנגען איינס פון צווייטן. איצט איז זי אָבער שוין געשטאַנען אַ פולע און אַ פאַרטיקע. ער אַליין איז שוין געווען אַדורכגענומען פון מידע אָבער פולע זאַפטן און די גאַנצע אַליינקייט פון אַלע יאָרן האָט זיך געריסן צו איר מיט אַ קלאָר קול. דערפאַר זענען לייזערס פאַר ווערטער פאַר־לוירן געגאַנגען אין זײַן צערייצטקייט און אפילו קאָפּהאָנס עצות האָבן איצט אויסגעזען אַזוי ווײַט און אוממעגלעך.

נאָר אויך די לעצטע האָפענונג איז אויסגערינען. גאָט אַליין איז אַן עדות, אַז ער האָט נישט געוואָלט זײַן האַרב צו איר. אין טייל מי־נוטן האָט זיך אפילו זײַן רחמנות אַזוי ווײַט געשטאַרקט, אַז ער האָט שוין געוואָלט גרייט זײַן צום ערגסטן. אוי, ווען זי זאָל כאָטש געווען בעטן בײַ אים מיט גוטן, אַז ער זאָל זי ראַטעווען! פאַר איין גוטן בליק אירן, וואָלט ער איר אפשר געווען מוחל געווען אַלע אירע חטאים...

ווען ער האָט זי געזען מיט קאַלטן פיבער שטיין פאַרן בית דין, האָט ער שוין געוואָלט אויסשרײַען צו איר איבער אַלעמענס קעפּ:

— ציטער נישט! יאַקאָב איז נישט קיין גזלן וואָס פאַרלאַנגט דײַן לעבן! דו ווילסט באַפרײַט ווערן? גוט! איך וועל דיך נישט צווינ־גען צו זײַן מיט מיר דורך כח. זײַ וויסן, אַז דער ערשטער גט איז גאָר־נישט ווערט געווען. איצט ערשט וועל איך דיר אים געבן און זאָל נעמען אַ סוף צום שפּיל!

אין יענע מינוטן האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אַז בלויז דער־מיט קען ער זי נאָך געווינען. וואָס נאָך קען ער איר דען געבן אויסער זײַן גוטסקייט? זאָל זי דערנאָך חרטה האָבן, פאַרוואָס זי האָט אַזאַ גוטן מאַן געטריבן פון זיך... און אויב אפילו נישט, איז ער אַלצדינג גרייט געווען מקריב צו זײַן פאַר איין מינוט אויסזען בײַ איר אין די אויגן ווי אַ מענטש. דערנאָך וואָלט ער שוין געקענט אַוועקגיין צו דער וועלט. נאָר גראָד אין אַזעלכע מינוטן האָבן זיך קאַפּהאָנס רייד אַרויס־געררוקט בײַ אים אין מח... זי האָט אים געגלוסט! אויב אַזוי, פאַר־וואָס זאָל ער דאָס לעצטע מאָל נישט פּרווון ראַטעווען זײַן לעבן, זײַן ליבשאַפט צו איר? ער האָט נאָך איינמאָל זיך געוואָלט וואַרפן פאַר איר אויף די קני׳ען... נאָך איינמאָל איבערלעבן יענע מינוטן פון זיסער שפּלות, וואָס ער האָט געשפּירט אין די אַמאָליקע צײַטן בעת זי האָט אים געטריבן פון זיך, אָבער פאַרט מיט אים געלעבט אונטער איין דאַך. עס איז אים בלויז באַפאַלן אַ תאווה נאָך איינמאָל איבערצופּרווון אויף זײַן הויט יענע שרעקלעכע מינוטן פון זײַנע יונגע יאָרן, הגם ער איז נישט זיכער געווען אויב זי וועט טאָקע פון זיי איבערגענומען ווערן. דער בלויזער תענוג פון האָבן נאָך אַמאָל יענע יונגע פּײַן איז פאַר אים אויך געווען. עס וואָלט אים נחת געטאָן, ווען זי זאָל כאָטש אין

אַזעלכע מינוטן אויף איין רגע ווייך ווערן צו אים און דערמיט זאָל זי בײַ אים אַרויסרופן אַזאַ מין דאַנק־געפיל, צוליב וועלכן ער זאָל שיכור ווערן ביז צום גטן זי אָן אַ באַזונדער ווייטיק...

פאַרן פרײַז פון גט האָט ער געוואָלט האָבן איין מינוט פרייד, איין סעקונדע פון פילן אַז ער טוט אַ גרויס גוטס מיט אַ יונג לעבן, וואָס קיינמאָל איז עס אים נאָך נישט אויסגעקומען צו טאָן... אָבער זי, די שטאָלצע מרשעת האָט אים אויך דאָס נישט פאַרגונען! ווי געשריגן, מיט וויפל גיפט זי האָט געשפּריצט אויף אים אין יענער תפיסה־נאַכט! אין איר גרויסער רשעות האָט זי נישט איבערגעלאָזט דאָס מאָגערסטע ברעקל גוטקייט פאַר זײַנעטוועגן, הגם איר לעבן איז געלעגן בײַ אים אין די הענט... וואָלט זי עס געטאָן מיט דעם מינדסטן וואָרעם?

וואָס לענגער יאַקאָב האָט אַרײַנגעטראַכט אין דעם ענין, כל זמן ער האָט דערפון צײַט געהאַט צו טראַכטן אין ביינישעס תפיסה־חדרל, אַלץ מער איז ער געווען גערעכט געוואָרן אין זײַנע אייגענע אויגן. זי האָט אים געדאַרפט בעטן, אים אויפקלערן מיט גוטן אַז זי וואָלט מיטן גאַנצן האַרץ געגאַנגען צו אים נאָר זי קען נישט... באין אופן קען זי נישט! ער וואָלט דאַן געהאַט פאַר זיך אַ טרייסט און פאַר קאַפּהאָנגען אַן ענט־פער. יעדעס מאָל, וואָס ער וואָלט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט זי אָפּגעבינדן פון זיך — וואָלט דער צער פון אים געריסן שטיקער. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ צער אָן בזיון. ער אַליין וואָלט שוין אייביק גע־האַט פאַר זיך אַ טרייסט, אַז ער האָט עס געמוזט טאָן צוליב זײַן גוטס־קייט און צוליב איר געבעט. זאָל זי זען ווער יאַקאָב איז! דער ווייטיק אויפן גאַנצן לעבן וואָלט בײַ אים אויך געהאַט אַ זין: ווי גנעדיק ער איז צו איר געווען! יעדן טאָג וואָס זי געניסט פון איר נײַעם לעבן האָט זי אים צו פאַרדאַנקען! זי ווייסט עס... און דאָס וואָלט אים אַרויס־געהויבן בײַ זיך אַליין אין די אויגן...

נאָר זי האָט זיך אַנדערש באַוויזן. זי האָט פון אים גאַרנישט גע־מאָנט, נאָר בלויז געהאַסט. עס איז בײַ איר אַפילו געווען אַ חרפּה דאָס אייגענע לעבן בײַ אים צו בעטן. איר געפיל פון נמאסדיקייט צו אים האָט זי נישט געלאָזט נעמען ווי אַ געשאַנק פון זײַנע הענט די

אייגענע באַפרײַונג. זי האָט דווקא געוואָלט באַווײַזן, אַז זי וועט בײַ אים אַלץ אַרויסרײַסן מיט געוואַלט — און ער זאָל נאָך בלײַבן דער רשע מיטן פּלעק. זי האָט באַשלאָסן צו גיין מיט כח, מיט רבנים און כתבים, מיט שנאה און גוטע פרײַנט, מיט דין און מיטן אַלטן גט וואָס האָט נישט די ווערט פון קיין שערבעלע... זאָל דאָס זײַן דער שכר פאַר זײַנע יאָרן פון ראַנגלעניש און פּײַן? זי וויל דווקא לעבן מיטן געדאַנק, אַז נאָר איר חכמה האָט זי באַפרײַט. אפילו דאָס אייגציקע ברעקעלע פרייד וויל זי אים נישט לאָזן! טאָר ער צו איר גוט נישט זײַן... ניין! מיט אַלע כוחות מוז ער זיך באַשיצן פאַר דער ליידיקייט וואָס זי וויל אויף אים וואַרפן...

איצט האָט זיך אַלץ געענדיקט. דאָס אָפּענע רחמים־טירל בײַ אים אין האַרץ האָט זיך ווידער צוגעריגלט. נישטאָ! ער האָט רחמנות כל זמן ער איז יאַקאָב. אָבער ער טאָר עס מער נישט זײַן! זי האָט אים מער נישט געלאָזט עקזיסטירן אויף גאָטס וועלט, וועט ער מוזן צוריק ווערן דער פרעמיסלער לץ, וואָס קען דאָ קיינעם נישט און האָט מיט קיינעם נישט קיין מחזקות. זי קען בײַ אים באַפרײַט ווערן, אָבער נישט אָפּהאַלטן איבער אים קיין נצחונות. זי האָט געוואָלט ביידע, וועט זי גאָרנישט האָבן! ווי גיפטיק זי האָט דאָס געלאַכט און געפּײַערט איבער אים אין ביינישעס קעמערל... אַזוי קען נאָר איינע, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין ברעקל האַרץ. זי דאַרף אים נישט? זי האָט זיך נישט געוואָלט אַראָפּבויגן צו אים, כאָטש דאָס אייגציקע מאָל אין לעבן? וועט זי זען! וועט אויך ער זיך אויסגלײַכן. ווי דער בלינדער גיבור שמשון וועט ער דאָס לעצטע מאָל אָנשטרענגען זײַנע כוחות און זיך אויסראַנגלען דעם אייגענעם סוף! זי וועט נאָך מוזן וואַרטן אַ סך יאָרן, קנוידערן זיך אין יסורים אויף איר עלנטן געלעגער און דאָרט זאָל זי זיך דערמאָנען יעדע נאַכט באַזונדער, ווי מוראדיק זי האָט זיך אַליין געשלאָגן מיט איר מבזה זײַן אַ געשלאָגענעם אַרעסטאַנט אין דער ליסער קהל־תפיסה! דאָס לעצטע מאָל נאָך מוז ער זי צווינגען צו האָבן דרך־ארץ פאַר יענעם מאַן וואָס זי האָט צעטרעטן און באַשפּאָט זײַן לעבן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין אפילו דאָס טײַערסטע, וואָס דאַרף אים קאָסטן? אוי, געבענטשט זאָל זײַן די האַנט וואָס האָט פאַר אים גע־

שריבן דאָס כתב אין פּרעמיסלע! און געבענטשט זאָל זײַן דער לץ יאַקאָב בן מנחם מאַן, וואָס האָט אים געגעבן אַזאַ טײַערן נאָמען צום באַשיצן זיך אונטער אים! ער האָט אַ כתב! ער האָט אַ נאָמען! זאָל זשע ציטערן גאַנץ ליסע... און זאָל זיך דרייען אין ווייטיקן דאָס גאַנצע לעבן יענע פּרוי, וואָס האָט אויף קיין איין מינוט נישט געקענט שענקען קיין טראָפּן גוטסקייט אַזאַ מאַן, וואָס איר יונגע אומבאַרעכנטקייט האָט אים פאַרשלעפּט אונטער דער חופּה מיט איר...

עס איז דאָ אַ הימל. יאַקאָב האָט עס געוווּסט. מיט גאָט האָט ער יעדן טאָג געשמועסט און די שטראָפן פון יענער וועלט זענען אים באַקאַנט געווען. ער האָט זיך אָבער דערפאַר נישט געשראָקן. ער האָט אָן אָנגעשטאָפּט האַרץ מיט אַזוי פיל יסורים, וואָס דער גיהנם אַליין האָט גאָרנישט געקענט אויסטראַכטן. דאַרף ער גאָרנישט מער. ווי נאָר מען וועט אים דאָרט אַ רוף טאָן, וועט ער גאָרנישט רעדן, גאָרנישט פאַרענטפערן זיך... ער וועט בלויז אויפשנײַדן דאָס האַרץ און אַנטפּלעקן אַלע ווונדן זײַנע. זאָלן זיי רעדן! זאָלן זיי אַלצדינג דערזאָגן — און דערנאָך זאָל מען משפּטן...

— 3 —

אין די ווײַטערדיקע טעג האָט שוין קיינער נישט געוווּסט, וואָס מיט דעם יאַקאָב איז אייגנטלעך. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, ווי אַזוי ער האָט אויסגעזען אין יענער נאַכט ווען מרים איז צו אים געקומען. אָבער פאַרן בית דין איז ער ווידער געשטאַנען גלײַך און דראָענדיק. ער האָט מיט זיכערער געמאָסטנקייט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים אַהיימשיקן קיין פּרעמיסלע. אַ האַלבע שטאָט מעג אפילו מיטפאָרן און זען אויב ער איז דאָרט נישט געבוירן געוואָרן. וועדליק ער זעט אַנדערע ווײַבער, טוט אים שוין חרטה פאַרוואָס ער האָט זײַן אייגן ווײַב געגט. וויל ער דאָרט זײַן וואָס פריער און אפשר וועט זי אים נעמען צוריק. דאָס דאַרף אָבער געשען וואָס שנעלער... און מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט האָט ער געשאָקלט מיטן פּרעמיסלער בריוו... און מיט אַ געשריי האָט ער געפרעגט דעם דיין ר׳ אברהם בר׳ יאַסקע

פאַרוואָס ער שווײַגט. האָט ער דען אין פּילץ נישט געזען אַלע באַווײַזן מיט די אייגענע אויגן? אמת, אים האָט זיך פאַרגלוסט אַביסל ליצנות צו טרײַבן מיט דער דאָזיקער פרוי. ער האָט געהערט איר שלעכטן שם פון דערווײַטנס און דערפאַר האָט ער געוואָלט איבער איר שפּאָט מאַכן. איז טאָקע זײַן זינד אַרויס און ער איז גרייט מען זאָל אים באַשטראָפן מיט אַ קנס דערפאַר. ער וויל אָבער מען זאָל אים קנסענען אין זײַן אייגענער שטאָט. דאָרט האָט ער די עלטערן און דאָרט האָט ער גוטע פרײַנט, וועט אים לײַכטער זײַן. אויב מען וויל, וועט ער אפילו מקבל זײַן אויף זיך מער נישט אַפּצולאָכן פון קיין שום מענטש. נאָר צום ערשט מוז ער זײַן בײַ זיך אין שטאָט און דערבײַ וויל ער וואָס פריער אַראָפּ־נעמען פון זיך דעם שם, אַז ער איז דער מאַן פון אַזאַ רשעותדיקע אשה. ער וואָלט זיך עס נישט געגלויבט, דערפאַר האָט ער זי אליין אויסגע־פּרוווט.. זעט ער טאָקע, אַז וויפל מען דערציילט וועגן איר איז נאָך אַלץ ווייניק...

ער האָט געזען ווי אַזוי מרים שטייט פון דער זײַט אַ פאַרלוירענע און אירע רויטע באַגערטע ליפּן ציטערן איצט אין זייער בלייכקייט. עס האָט זיך אים געגלוסט אויסצושרײַען זײַן גאַנצן אָנגעזאַמלטן געשריי פון נצחון און יסורים. זי האָט אָבער נישט געלאָזט. ער האָט עס אויך נישט געטאָרט. זי איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעריסן מויל און זיך אַליין נישט געקענט צוגלייבן וואָס זי הערט. זאָל דאָס גאַנצע געשעעניש פון בײַנאַכט נישט זײַן מער ווי אַ קונציקע סצענע פון אַ גרויסן לץ? זי האָט זיך געצאַפּלט, געריסן זיך נענטער צום טיש בכדי אים נאָכאַמאָל צו באַטראַכטן, אײַנהערן זיך אין דעם קול וואָס רעדט אַזוי — און זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן. די ווערטער זײַנע זענען געפאַלן ווי די שטאַרק־סטע קלעפּ אויף איר קאָפּ און זי האָט געמוזט שווײַגן. דאָס האָט יאָ־קאָבן געצווונגען, אַז ער זאָל דאָס פּנים נאָך מער אויסבאַהאַלטן פון איר. בלויז אויף אַ פּיצל רגע האָט ער זיך אויסגעדרייט און זי געזען. אַ משונהדיקער געדאַנק איז אים באַפאַלן:

— איצט וואָלט דאָ געדאַרפט שטיין קאַפּהאַן אויף זײַן אָרט... ער וואָלט זי נאָך מער געפּײַניקט מיט די רייד... ער קען עס בעסער... ער וואָלט אויפן אָרט באַוויזן ווי גרויס לץ ער איז...

פון דעם געדאַנק איז אים ווי אַ בליץ אַדורכגעפלויגן נאָך אַ מחשבה וואָס האָט אים אין איין רגע אַלץ קלאָר געמאַכט:

— בײַ קאַפּהאַנען וואָלט עס באַלד נישט געקומען דערצו! אים וואָלט זי באַלד נישט מבזה געמאַכט, פּונקט ווי זי האָט עס נישט געטאָן בעת ער האָט איר געגעבן דעם גט. אדרבא, זי וואָלט גאָר אים געפאַלן צו די פיס ווײַל... זי האָט אים ליב! יאָ, זי האָט דעם לץ ליב געקריגן! דערפאַר איז ז י געלאָפן, דערפאַר האָט זי געוואַרט און דערפאַר האָט זי אים געשיקט מיט ביינישן פּוטער־קיכלעך... איצט פאַרשטייט ער שוין, פאַרוואָס זי איז דערנאָך אַזוי שטאַרק בייז געוואָרן... זײַן פּנים האָט זי אָפּגענאַרט!

דערפון איז אים געוואָרן באַנגיק, אָבער נאָך מער איז אים פריי־לעך געוואָרן: אַזוי: קאַפּהאַנען וואָלט זי געדאַרפט! און ער געפינט זיך סך הכל נישט ווײַט פון גריידיק. ווען זי ווייסט עס... אָבער זי וועט עס מער נישט וויסן... ווי שיין דאָס וואָלט געווען, ווען ער ברענגט אַראָפּ דעם קאַפּהאַן און זי זאָל אים ראַפּטום דערזען. ער וואָלט בלויז געדאַרפט שטיין און צוקוקן ווי אַזוי אַזאַ באַגעגעניש זעט אויס... א ל ץ וואָלט ער זיך דורך דעם דערוווסט! אָבער ער וויל מער גאָר־נישט וויסן. עס איז אים גוט אַזוי אויך. עס ווילט זיך אים בלויז לאַכן הויך, אויפן קול, גלײַך צו איר אין פּנים אַרײַן... איצט ווייסט ער דאָך! און אפשר וואָלט עס טאַקע געווען אַ פּאָרל, וואָס ער דאַרף פאַר־שדכענען?

זײַן געלעכטער איז געווען אַזוי הויך און ווילד, אַז דאָס גאַנצע בית דין האָט אים נישט געקענט אײַנשטילן. ערשט איצט האָט זיך דער חשד באַפעסטיקט, אַז דאָ האָט מען באמת צו טאָן מיט אַזאַ מין לץ, וואָס בלויז אין פּרעמיסלע האָט ער זיך געקענט געפינען. דערויף זענען פאַראַן כשרע עדות. ד אָ ס געלעכטער האָט ער שוין נישט נאָכגע־מאַכט. עס האָט זיך אַליין אַרויסגעריסן מיטן גאַנצן כח און מיטן גאַנ־צן שוידער; עס איז אַדורכגעלאָפן אַלע פּײַנען פון אַ גאַנץ באַשפּיגן לעבן, וואָס האָט באַוויזן צו דערגרייכן דעם איינציקן און העכסטן טריומף. האָט זיך דערין געקנוילט דאָס געוויין און דער פיבער, די אַלייניקע אויפלייזונג צוזאַמען מיט עפּעס אַן אומקלאָרן אָנהויב. ס'איז

געווען אַ געלעכטער, וואָס האָט פאַרזיגלט דעם תהום פון אַליין־אויס־געקליבעעם גורל — און דער וואָס לאַכט אַזוי, מוז זיך שוין לאָזן פירן פון גורל אויף אַלע צייַטן, אָן דעם מינדסטן אָבער אומזיסטן פרווו מיט אים זיך צו ראַנגלען...

אַזאַ געלעכטער מוז באַגלויבט זייַן סיי בייַם טייַוול און סיי בייַ די ליכטיקסטע מלאכים; מיט אַזאַ פאַרצווייפלטער פריילעכקייט קען מען אפילו אייַננעמען וועלטן, אָבער יאַקאָב האָט מער ווי דעם יאוש נישט געקענט דעראָבערן. מער האָט ער נישט געקענט און מער האָט ער אויך נישט געדאַרפט. האָט ער אויך מער גאָרנישט באַדאַרפט צו טאָן. זייַן געלעכטער האָט אַרויסגעטראָגן דעם משפט; גיין קיין פרעמיסלע! מער האָט קיינער נישט געקענט זאָגן קיין וואָרט קעגן דעם. מרימס אויס־געבראָכן געוויין האָט שוין צו־שפּעט געפּרוווט נאָכלויפן דעם גזר, פונקט ווי יאַקאָבס נצחון איז צו שפּעט געקומען. אַ טויטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם בעת די דיינים האָבן מודיע געווען, אַז די צווייליייַט פון קהל, בייניש בר׳ עקיבא און לייזער בר׳ שמואל דאַרפן מיטגיין. אַ שווערער שטיין האָט זיך אַראָפּגעקוילערט פון אַלעמענס הערצער. ער איז געווען שווער און שאַרף דער שטיין. דערפאַר האָט ער זיך געלייגט און אייַנגעבויגן דעם אַלטן לייבס אַקסל און דערפאַר האָט אויך זייַן טאָכטער אַזוי דערדריקט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דאָס לעצטע מאָל איז נאָך יאַקאָב פאַרבייַגעגאַנגען מרימען. זייַן האַרץ האָט נאָך איין מאָל אַ געשריי געטאָן, אָבער ער איז שוין טויב געווען פון זייַן שכרות. ער האָט געפילט די שנאה־בליקן, וואָס זי מיט איר פאָטער האָבן אים צוגעוואָרפן; אָבער דערפון האָט ער זיך אויס־געצויגן נאָך גלייַכער און העכער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט־באַלד וועט ער נעמען פליען אין דער לופטן פון גרויס גליק און לייַטזעליקייט... און בעת לייזער האָט מיט אַן אומצופרידן קול מסכים געווען פאַר קהל צו גיין אין שליחות קיין פרעמיסלע, האָט דער פרייד־אָנגעזויפטער יאַקאָב געוואָלט צוגיין מיט אים זיך צעקושן פאַר אַלע־מענס אויגן. בלויז יענעמס קאַלטער און דראָענדיקער בליק האָט אים אָפּגעהאַלטן פון אַרייַנפאַלן אין דער לעצטער נאַרישקייט.

— 4 —

ווי יעדעס מאָל בײַ יאַקאָבן, האָט אויך איצט מיט אים געטראָפן דאָס זעלבע. ער איז אַזוי אויסגעהונגערט געווען נאָך אַביסל גליקלעכ־קייט, אַז ער האָט דערמיט נישט געקענט זײַן אויסגערעכנט. יעדעס מאָל ווען אַ פרייד איז אים באַפאַלן האָט ער זי נישט געקענט שפּאָרן און אויסטיילן אויף אַ לענגערע צײַט. ווי אַ ווילדער זולל־וסובא האָט ער זיך געוואָרפן אויף איר און זי וואָס שנעלער אויסגענאָגט ביז פּוסטקייט. דאָס אַליין האָט ער זיך קיינמאָל נישט מוחל געווען און דאָך זיך נישט געקענט העלפן.

סך הכל האָט ער געדאַרפט וואַרטן צוויי טעג, ביז די צוויי שליחים זענען גרייט געווען צו גיין. אָבער ווען בייניש האָט זיך געזעגנט מיטן ווײַב, אַ קוש געגעבן די מזוזה און אים גערופן צום וועג, איז שוין יאַקאָבן ווידער באַפאַלן די פאַרצווייפלונג. ס'איז געווען אַ וועג פון וועלכן מען קען זיך מער נישט אומקערן. ער האָט דאָס גאַנץ גוט גע־ווּסט; פּונקט ווי ער האָט געשפּירט אַז זײַן נשמה וועט שוין שטענדיק פלאָטערן צווישן די ליסער געסלעך, אין וועלכע ער האָט די ערשטע מחשבות זײַנע אויסגעהאָפטן מיט בענקשאַפט און יסורים. ווי נאָר ער האָט אַרויסגעשפּרײַזט איבער דער שוועל, איז ער גרייט געווען צו בלײַבן אויף אייביק אין תפיסה־קעמערל, אַבי נישט צו דאַרפן גיין ווײַטער. וואָס נאָך האָט ער צו זוכן?

עס איז אים אויסגעקומען אַזוי ווי משוגע: די שטאָט ליסע וועט ווײַטער שטיין אויפן אָרט. מרים וועט ווײַטער האַנדלען מיט שפּײַז און געהיטן נאָכקוקן די בחורים. בייניש וועט אַ גאַנץ יאָר זיך בייזערן און פּורים וועט ער הוליען. די מאַמע אין פּין וועט ווײַטער אויסהערן ר' נחס ברומען און זוכן חתנים פאַר די שוועסטערן... אַלץ וועט דאָ ווײַטער לעבן און אויך ער, יאַקאָב וועט ווײַטער לעבן און געדענקען. בלויז די שטעט וועלן פאַר אים מער נישט זײַן. אַ גרויסער שלאָס וועט איבער זיי הענגען בלויז פאַר זײַנעטוועגן און קיינער וועט אים מער נישט זען. דערפאַר וועט מער קיין מאַמע נישט זײַן און דערפאַר וועט ער קיין שוועסטערס פּנים מער נישט אָנקוקן. עס וועט מער קיין ליסע

נישט גיין און מער וועט ער קיין וועלפיוו‎קע נישט קענען קומען זיך פרייען מיט די קרובים. אפילו דער פריילעכער רופא פון פין וועט אים מער נישט גאָלן דעם קאַרק און נישט דערלאַנגען קיין גלעזל בראָנפן. גאָרנישט וועט נישט זײַן! בלויז ער וועט זיך אַרומשלעפן איבער די װײַטקייטן און טראַכטן פון אומגעזעענע זאַכן, אַזוי ווי פון אַ צווייטן גלגול... וווהין גייט ער אייגנטלעך? נאָך וואָס?

בייניש האָט אים שוין אַליין נישט געוווּסט בײַ וועלכן נאָמען צו רופן. ער האָט אים בלויז סתם אַ זאָג געגעבן מיט הארבקייט:

— קום!

און יאַקאָב האָט זיך נאָכגעשלעפּט, הגם עס האָט זיך אים אין דער רגע געגלוסט אַוועקצולייגן און נישט רירן זיך פון אָרט. בײַם טײַכל פון דער שטאָטישער מיל האָט שוין לייזער אויף זיי געוואַרט. ער האָט זיך מצרף געווען צו זיי אָן איין וואָרט און בלויז עפּעס צוגעברומט, ווען בייניש האָט זיך פאַר אים קוים געקלאָגט:

— ס'וועט זײַן דער אמתער וועג... עק וועלט!

יאַקאָבן איז היימישער געוואָרן פון לייזערס אָנבליק, אָבער יענער האָט צו אים הארט געשוויגן און אפילו נישט קיין בליק געטאָן אין זײַן זײַט. דערפון האָט אים אַרומגענומען דער זעלבער פּחד ווי בעת ער האָט געשפּרײַזט מיט לייזערן און מרדכי יון פון פין. דאָן האָט ער אָבער בלויז געציטערט צו באַווײַזן זיך מיט זײַן אומגליק אין היימישן שטעטל. ער האָט דאָן געטראַכט ווי אַזוי ער וועט דאָס באַווײַזן זיך אויסצוזאָגעבן און דאָך זיך גרייטן צו דער טענה אַז ער איז אַ פּרעמיס־לער. איצט האָט ער שוין דאָס אַלץ געהאַט הינטער זיך, באַוויזן עס אַדורכצופירן נישט ערגער פאַר קאַפּהאַנען. נאָר די נעץ איז נאָך אַלץ געווען אויסגעשפּרייט. ער גייט איצט אַרויס אויף שטענדיק פון זיך. די פרעמד איז אַזוי ווײַט און אַזוי ליידיק. קיינער קען אים נישט און קיינער וואַרט נישט אויף אים. סײַדן מען זאָל זאָגן, אַז די פּרוי מיט די גוטע אויגן, וועלכע ער האָט געגעט אין קאַפּהאַנס נאָמען... זי איז אפשר די איינציקע, אָבער גראָד זי איז פאַר אים אַרומגערינגלט מיט גיהנם... און אפשר מאַכט ער אויך דאָ אַ טעות? אפשר האָט אויך זי אים בלויז באַשמייכלט ווי קאַפּהאַנס פּנים?

נישטאָ פאַר אים קיין ציל אין גיין און דאָך איז ער נישט הפקר. ער קען נישט לויפן ווו ער וויל. ער מוז נאָך צוענדיקן זײַן סתירותדיקן וועג און ער ווייסט נישט וואָס מען וועט אויף אים אַרויפצווינגען. אפילו די אומגליקסטע פּאַסירונגען קען ער זיך נאָך אַליין נישט אויס־ווײלן! ער האָט טאַקע אַ כתב... אָבער דערמיט האָט ער געקענט שרעקן ליסע. אין פרעמיסלע טאָר ער עס אפילו נישט באַווײַזן, כאָטש ער אַליין האָט עס באַקומען. דערצו איז אים פּרעמיסלע פרעמד. ער איז דאָרט אַ שטיק נראה ואינו רואה. אַלע דערקענען אים און ער דערקענט נישט קיינעם. וואָס זאָל ער דאָרט איצטער זאָגן? און וואָס וועט זײַן, אַז ער וועט ווידער אַוועקגעשטעלט ווערן פאַרן גאונישן רב? יענער וועט אים ווידער אַדורכשפּיזן מיט די ברעמען און ער וועט ווידער פאַרלירן דאָס לשון? וואָס טוט מען?

ביניש איז צוגעגאַנגען צו אַ בוים עפּעס טאָן. יאַקאָב איז אַ ווייל געבליבן צוזאַמען מיט לייזערן. עס האָט זיך אים אפילו אויסגעוויזן, אַז לייזער האָט קוים־קוים אַ ווינק געטאָן צו אים. דערנאָך האָט ער ווײַטער געשפּרײַזט, אַזוי ווי מען וואָלט גאָר אויף ביינישן נישט גע־דאַרפט וואַרטן. יאַקאָב האָט מער נישט געקענט. ער איז נאָכגעלאָפן און אַ כאַפּ געטאָן לייזערן בײַ דער האַנט!

— העלף!

לייזער האָט אויף אים קיין קוק נישט געטאָן, אָבער אויך די האַנט נישט אַרויסגעריסן. ער האָט בלויז אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זען וואָס ביניש טוט דאָרט און דערנאָך האָט ער געלאָזן אַדורכגעלאָזט דורך די ציין:

— שכל זאָל מען האָבן... ביניש איז נישט מבין אויף פּוי־ליש... נאָר זע צו שווײַגן ביז נאָך דעם גרויסן וואַלד...

דערנאָך איז שוין נישט געווען מער קיין צוריק. אין לייזערס שווײַגן איז שוין געלעגן יאַקאָבס גאַנצע מאַטערניש און אויסלייזונג. וואָס ווײַטער יענער איז געגאַנגען, אַלץ מער האָט שוין יאַקאָב געמוזט נאָכ־לויפן זײַן אומבאַקאַנטן לעבן. ביניש איז צוריק געקומען און געברומט צו זיך די תפילה פון וועג. אַלע דרײַ האָבן זיך אויסגעגלײַכט און נישט געוווּסט אפילו וואָס זיי האָבן צו טראַכטן צווישן זיך. נאָך גוט וואָס

דער הונגער האָט זײַן אײגן לשון פֿאַר אַלעמען. דערפֿאַר האָט לײזער אַרויסגעצויגן אַ לאַבן ברויט און אויך בײַניש האָט זיך דערמאַנט, אַז זינט נעכטן בײַנאַכט האָט ער נאָך אין זײַן מויל נישט געהאַט.

קאַפּיטל צוואַנציק

— 1 —

דעם זעלבן לײזער האָט יאַקאָב לגמרי נישט געקענט פֿאַרשטײן. ער האָט געוווּסט, אַז יאַקאָב האָט נישט קײן פּרוטה צו באַצאָלן און דאָך האָט ער אים שוין אײנמאָל געטאָן אַ טובה בײַם גײן פֿון פּין. ער האָט אויף זײַן אײגענער אחריות אויסגעזוכט דעם קאַפּהאָן און אויך איצט האָט ער געשמועסט מיט יאַקאָבן אַזוי ברידערלעך און איבער־געגעבן. פֿאַרוואָס לײזער דאַרף האָבן דאָס גאַנצע עסק האָט יאַקאָב נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטײן. מילא, בײַניש איז אָן אָרעמאַן און דערצו אַ קנעכט פֿון קהל. ווען מען הייסט אים — מוז ער גײן און איבערלאָזן דאָס ווײַב, די קינדער און די שטוב... אָבער לײזער? אַלע ווײסן ווי רײַך ער איז און אַז האַלב קהל איז בײַ אים פֿאַרמשכונט. וואָסזשע טויג אים די פּאָר קרײַצער, וואָס ער וועט באַקומען פֿאַרן וועג? וואָס טויג אים דאָס וואַלגערן זיך איבער די אכסניות פֿון ליסע ביז פּרעמיסלע?

מען האָט געשמועסט, אַז דער לײזער איז אַ האַרבער ייִד וואָס האָט פֿאַר קײנעם נישט קײן האַרץ. שוין מיט צוויי ווײַבער האָט ער זיך געגט און זיי האָבן דערציילט, אַז דער מענטש האָט נישט קײן ברעקל אײַנזען. עס איז גאָר מעגלעך, אַז קהל האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַזאַ שליחות, צוליב דעם וואָס ער וועט זיכער נישט לאָזן זיך איבערנעמען פֿון אַזאַ אומגליקלעכן מענטש. צום סוף האָט יאַקאָב פֿאַר אים נישט געדאַרפֿט לאַנג רעדן. ווי נאָר זיי האָבן זיך אַביסל דער־ווײַטערט פֿון בײַנישן, האָט יאַקאָב אָנגעהויבן צו ריידן מיט אַ דער־שטיקטן קול און לײזער האָט אים היימיש געטרייסט:

— איך ווייס אַלצדינג, יאַקאַב... איך פאַרשטיי...

וואָס מער יאַקאָב האָט געוואַלגערט זיך איבער דער וועלט, אַלץ מער האָט ער אויפגעהערט צו פאַרשטיין די מענטשן. עפּעס טוען זיי פאַרקערט ווי מען דאַרף טאָן. דערנאָך ערשט נעמען זיי קרעכצן פון ביטערקייט. מילא, ער איז אַ שטיק משוגענער און קען זיך אַליין נישט קיין עצה געבן. ווער זשע זאָל אויסהערן זײַנע רייד? נאָר פאַרוואָס עס זענען פאַראַן מענטשן מיט שטאַרקע ווילנס, וואָס זענען אַזוי אומגליקלעך ווי ער — האָט ער שוין נישט געקענט משיג זײַן. האָט ער בלויז געשוויגן. נאָר דעם לייזערן מיט זײַנע גענג האָט ער שוין נישט געקענט תופס זײַן. לייזער האָט אים דערמאָנט עפּעס פון די יונגע יאָרן — און יאַקאָבס זכרון האָט אים די גאַנצע זאַך אַרויפגעבראַכט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט. לויטן שכל הישר האָט אים לייזער געדאַרפט זײַן אַ דם שונא. דאָס איז נישט געווען אומזיסט. פאַר וואָסזשע איז גראָד ער צו אים צוגעלאָזט? פאַרוואָס האָט ער דווקא אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום העלפן?

וואָס מער יאַקאָב איז געגאַנגען בײַ לייזערס זײַט אַלץ מער פּרטים האָט ער זיך דערמאָנט פון לייזערס עבר. ווער איז ער דען געווען אַמאָל, דער גאַנצער לייזער? אַן אָפּגעריסענער יונג פון די ליסער גאַסן. ער האָט לאַנג נישט געקענט זיצן און לערנען אין בית המדרש. אַ יתום פון קליינוויַז אויף, האָט ער געמוזט פאַרדינען זײַן ברויט און אָנגעהויבן האַנדלען מיט וואָס עס לאָזט זיך. אַ שטיקל צײַט איז ער אפילו געווען אַ פּועל און קוים פאַרדינט אויף אַ ביסן, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אין מרימס געוועלבל. אין שטאָט האָט מען אים אַמאָל מזלזל געווען. ס'איז טאַקע נישט געווען פאַרוואָס דרך־ארץ צו האָבן. נאָר דער לייזער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זען זײַן מצב און זײַן אַנזען. נאָך אין יענער צײַט ,ווען יאַקאָב איז געווען אַ חתן פאַר דעם ברעסלויער מיידל, האָט זיך לייזער אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ אַרײַן, אַז מרים וועט ווערן זײַן ווײַב. דער בחור האָט אָפּגעטאָן אַלע מינים תחבולות דערצו און שטאָט האָט געלאַכט: אַזאַ זיבורית פון ליסע, שדכנט זיך גאָר צו ר' לייבס טאָכטער! נאָר אויף קיין פאַרליבעניש זאָל מען קיין שאלות נישט פרעגן. מען האָט דאַן געשמועסט, אַז לייזער וועט אָפּטאָן

דאָס ערגסטע אויב אַ צווייטער וועט נעמען מרימען, עס איז אָבער גע־בליבן בײַ די רייד. ווי נאָר יאַקאָב האָט חופּה געשטעלט מיט מרימען, האָט זיך לייזערס מויל פאַרמאַכט. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל און קיינער האָט פון אים קיין שאַרף נישט געהערט.

בלויז עטלעכע מאָל, ווען יאַקאָב האָט אים אָנגעטראָפן אין בית המדרש בײַם דאַווענען, האָט ער דערשפּירט לייזערס גרינע אויגן אויף זיך. עס איז דאָן געווען אין מיטן פון די שבע ברכות און קיינער האָט נאָך נישט געוווסט פון יאַקאָבס צרות. פון לייזערס בליק איז יאַקאָבן באַפאַלן אַ שוידער, אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ גרוב. אין דער מינוט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אים צוגעקומען אַ גאַר גרויסער שונא. און נאָך האָט יאַקאָב געדענקט: ווען מרים האָט אים גענומען טרײַבן אין די נעכט און ער האָט געזוכט פאַר וועמען זיך אויסצוווייינען, האָט עס אים דווקא געצויגן צו לייזערן מיט די שנאה־דיקע אויגן. ער קען שוין איצטער נישט געדענקען פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען. אפשר האָט ער דערמיט זיך געוואָלט אָפּוואַרפן פון נאָך אַן אומזיסטן שונא, בעת ער איז אַזוי פאַרלוירן?

דאָן האָט זיך אים אָבער נישט געגלוסט צו פאַרשוואַרצן מרימס פנים. ער האָט זיך אַליין נאָך אויך נישט געוואָלט מבזה זײַן און דער־לאָזן מען זאָל אין אים האָבן אַ נקמה. ער האָט געמוזט אַוועק פון ליסע און מער האָט ער לייזערן נישט געזען. פון דער ווײַטנס האָט ער בלויז געהערט, אַז דער לייזער האָט זיך פאַרביסן גענומען צום מסחר. ער האָט אונטערגענומען אַלערליי געשעפטלעך, בײַ וועלכע מען האָט געדאַרפט אײַנשטעלן דעם קאָפּ און דערפאַר איז ער רײַך געוואָרן. ער האָט זיך דערבײַ ווײַטער געזוכט אויסצובאַהאַלטן אין אַ ווינקל, נאָר די שטאָט האָט דערשמעקט זײַן עשירות. מען האָט געמוזט בײַ אים נעמען שטײַערן און הלוואות. לייזער האָט אַלעמען געבאָרגט און גאָרנישט פאַרלאַנגט, אויסער אַ משכון וואָס זאָל ווערט זײַן מער פאַר דער הלוואה. די שענסטע ייִדן פון ליסע האָבן ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו טראָגן זייערע חפצים צו אים און ער האָט זיי צוגענומען מיט עניוותדיקן שווײַגן. בלויז זײַנע אויגן האָבן טיילמאָל אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַזאַ גיפט, פון וועלכן נישט בײַ איינעם האָט די האַנט אַ ציטער געטאָן.

אין כלל געגומען האָט ער זיך אויפגעפירט ווי עס געהער צו זײַן. ער איז נאָר געוואָרנט געוועזן צו מאַכן מיט יעדן אַ היתר עיסקא פאַר זײַנע פּראָצענטער און דערפאַר האָט מען אים געגומען מכבד זײַן. נאָר שטילערהייט האָט מען געשמועסט, אַז עס איז גלײַכער אַרײַנצופאַלן אין אַ לייבן־גרוב, איידער צו לייזערן אין די הענט אַרײַן. ער איז טאַקע שטיל ווי אַ לעמעלע, אָבער וויי איז צו דעם וואָס קען אים קיין חוב נישט באַצאָלן. טייל פון זײַנע בעלי חוב האָבן וועגן אים דערציילט מעשהס ווי וועגן אַ גזלן, אָבער על פּי דין איז לייזער געווען אויסגע־האַלטן. דערצו האָט יעדער איינער מורא געהאַט, טאָמער וועט ער ווידער דאַרפן אָנקומען צו אים. מיט דער צײַט האָט יאַקאָב געהאַט אַנדערע דאגות און פאַרגעסן אין לייזערן. ערשט ווען ער האָט אים דערזען, ווי איינער פון זײַנע שומרים אויפן וועג, האָט ער זיך ראַפּטום דערמאָנט: צי איז ער אים נאָך דער אַלטער שונא? און אויב יאָ, פאַרוואָס האָט ער גראַד זיך אונטערגענומען צו זײַן דער שליח?

יאַקאָב האָט זיך געגרייט לאַנג צו רעדן מיט לייזערן, אַרבעטן אַ סך ביז ער וועט פון אים אַרויסציִען זײַן סוד. קודם האָט ער אים געדאַרפט דערציילן זײַנע אייגענע יסורים און ווייכער מאַכן לייזערס האַרץ. אפשר האָט ער אים גאָר אָפּגעלייזט פאַר די בזיונות מצד מרימען. לייזער האָט אים אָבער איבערגעריסן מיט זײַן פּויליש לשון:

— איבעריקע רייד... איך ווייס אַלץ...

און אין געציילטע מינוטן אַרום האָט שוין יאַקאָב געוווּסט, צוליב וואָס לייזער איז מיט אים געגאַנגען קיין פּין און דערנאָך קיין פּרעמיסלע. יאַקאָב האָט גאַרנישט געדאַרפט רעדן. לייזער אַליין האָט גאָר נויטיק געהאַט אַז עמעצער זאָל אים אויסהערן. אוודאי איז ער אַמאָל געווען יאַקאָבן אַ שונא אויפן לעבן. נאָר ער ווייסט אַלצדינג. און וואָס האָט דען לייזער פון זײַן לעבן? ער האָט זיך אַמאָל געריסן צו מרימען ווי צו אַ בת מלכה. אַלע זײַנע ווייען פון דער יוגנט האָט זי געדאַרפט היילן. האָט זי אים אָבער געטריבן. יאַקאָב ווייסט גאַנץ גוט דעם טעם און ס'איז אים נישט כדאי צו דערציילן וואָס ער האָט געשפּירט. איז אים נאָר געבליבן דאָס געלט. אוודאי האָט ער געזוכט נקמה, נאָר ווי קומט ער צו איר? האָט ער זיך נאָר דערוויל נוקם געווען אין די, וואָס האָבן

אים קליין געמאַכט; געהאַלטן פאַר גאַרנישט. צוליב זיי האָט ער בײַ איר קיין פּנים נישט געהאַט, צו נידעריק געווען פאַר איר יחוס. טאָ זאָלן זיי באַצאָלן! און זיי האָבן באַצאָלט. נאָר קיין שום זאַך האָט אים נישט צופרידן געשטעלט. וויפל געלט ער האָט געהאַט, האָט אים נאָך עפּעס געפעלט. אַ וואָרטעניש פון יאָרן האָט זיך אומזיסט געזוכט אַ וועג און ער האָט געדאַרפט אַ מעגלעכקייט עפּעס אויפצוטאָן, וואָס זאָל אים צופרידנשטעלן. ער האָט כסדר געזוכט דאָס ליידיקע פינטעלע און עס באַין אופן נישט געקענט אָנטאַפּן. ער איז געווען אומגליקלעך.

לייזער האָט זיך אָפן מודה געווען. ערשט ווען ער האָט דערזען יאַקאָבן האָט ער עס פאַרשטאַנען: ער האָט געוואָרט אויף יאַקאָבן! ער האָט אים צוריקגעברענגט עפּעס אַ לאַנג-געזוכט גליק. וואָס איז ער דען אַליין, לייזער? ער ווייסט עס: גאָרנישט. אפילו קיין באַזונדערן חלק נקמה קען ער נישט האָבן. נאָר וויבאַלד אַז יאַקאָב האָט שוין דעם וועג דערגרייכט, וויל ער ווערן אַ שותף... איצט איז אויך זײַן צײַט געקומען אויפצומאָנען זײַן חוב בײַ מרימען. גאַנץ ליסע ווייסט, אַז לייזער איז אַ גוטער מאַנער. וויל ער גאָרנישט פון יאַקאָבן. ער וועט אים בלויז נישט לאָזן שוואַך ווערן אין די לעצטע מינוטן. זאָל זי וויסן וואָס פאַרשטויסענע קענען! ער וויל נאָר גיין מיט יאַקאָבן אַ שטיקל וועג, טאָן וואָס יאַקאָב וועט אים הייסן און געבן אים אַן עצה ווען זי וועט יאַקאָבן אויספעלן. ער איז גרייט צו לאָזן זיך קאָסטן פאַר דעם. און אויך מיט דער נקמה וועלן זיי זיך טיילן גלײַך אויף גלײַך: יאַקאָב וועט זי דערלעבן פון דער ווײַטנס און ער, לייזער, וועט צוריק קומען קיין ליסע. ער וועט זיך צוריק נעמען צו זײַנע מסחרים און זיך קוויקן מיט איר פאַרלאָזנקייט פון דער נאָנט... איז ער מסכים?

יאַקאָב האָט מסכים געווען. ביידע האָבן שוין מהנה געווען איבערן וועג איינער דעם צווייטן מיט זיסע נקמה-שילדערונגען וואָס האָבן ביידע הערצער געגלעט. ערשט אין מיטן די רייד האָט זיך יאַקאָב גע-כאַפּט, אַז זיי ווייסן נאָך נישט וואָס צו טאָן אין פּרעמיסלע. דער פאַר-זיכטיקער לייזער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט דעם ברוגזן בייניש. יענער האָט זיי נאָך אַלץ אויסגעשפּירט דורכן אײַנזאַפּן אין זיך די געציילטע ווערטער פון זייער פוילישן לשון. דערנאָך האָט לייזער בלויז פּײַערלעך

אַ קלאַפּ געטאָן מיט צוויי פינגער אויפן שטערן און מיט איין וואָרט פאַרענטפערט יאָקאָבן אַלע שאלות:

— קאַפּהאָן!

מער האָבן זיי דערפון נישט גערעדט. בייניש האָט זיך אַרײַנגעמישט און עס איז געוואָרן אַ מחלוקת. פון לייזערס צופרידענעם בליק האָט יאָקאָב בלויז פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז אַ סך נענטער, ווי ער אַליין האָט זיך ער פאַרגעשטעלט.

— 2 —

דאָס וואָס עס איז ווײַטער פאָרגעקומען האָט שוין יאָקאָב טײַלמאַל יאָ געקענט פאַרשטיין און טײַלמאַל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לייזער מאַכט אויך פון אים חוזק און נעמט פון אים די אַלטע נקמה. ער האָט אָבער קיין עצה נישט געהאַט און אים געמוזט פאָלגן. אַזוי למשל האָט ער אים פלוצים אויפגעוועקט בײַ דער אלמנה אין דער אכסניה. לייזער האָט זיך גאָר אײַנגעקוקט אויב בייניש שלאָפט שוין געהעריק און דערנאָך האָט ער אים שטיל אַ זאָג געגעבן:

— דו מוזט איצט אָוועקגיין פון דאַנעט, קיינער זאָל נישט זען... מיר וועלן זיך טרעפן אויף דעם אָרט וואָס איך באַשטים דיר... נאָ דיר געלט, זאָלסט האָבן מיט וואָס צו גיין.

יאָקאָב האָט נישט געהאַט קיין חשק צו פאָלגן. אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער און דער פחד האָט אים אַדורכגענומען. אָבער אַ משונהדיקער כח פון שרעק האָט אים אַרויסגעשלײַדערט אין דרויסן. ערשט ווען ער איז אָפּגעגאַנגען אַ שפּאַר ביסל טריט האָט ער געזען, ווי אַזוי פון דער זײַט שלײַכט זיך אַ שאָטן ענלעך צו זײַנעם. ער וואָלט געגלויבט, אַז דאָ ווערט געטריבן מעשׂי־כשוף, נאָר זײַן ניכטערקייט האָט אים געמאַכט שטײַפן די האָר פון קאָפּ פאַר איבערראַשונג. ער וואָלט געשווירן, אַז דאָס איז קאַפּהאָן. ער האָט אים אפילו עפּעס נאָכגעשריגן, אָבער יענער האָט עס נישט געוואָלט הערן. באַלד איז יענער טאַקע נעלם געוואָרן אינעם באַרגיקן טויער פון דער אכסניה...

דערנאָך, ווען ער האָט אָפּגעוואַרט לייזערן בײַם טויער פון אַ דאָר־

פישער קרעטשמע, האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע. ווי נאָר ער האָט זיך אַהין דערנענטערט האָט ער געזען דעם זעלבן שאָטן זיך אַוועקשאַרן אין די ווײַטקייטן אַרײַן. ער האָט זיך בלויז געוווּנדערט פאַרוואָס דער משרת פון דער קרעטשמע קוקט אויף אים אַזוי בייז און דערנאָך גייט ער אַוועק אַ פריילעכער. וואָס האָט ער צו אים? יאַקאָב האָט אויך נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס בייניש וויל פון אים האָבן. ער האָט אים געהאַלטן אין איין איבערפרעגן, אויב די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען פון דעם ערל האָבן שטאַרק ווײ געטאָן... וואָס פאַר אַ קלעפּ און וואָס פאַר אַ געשלעג מיט ערלים!? ער האָט נישט אָנגע־הויבן צו וויסן פון קיין פּתרון און פון קיין חלום. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער לייזער האָט אים דאָ אַרײַנגעפּירט אין אַ שפּיל, פון וועלכן ער וועט שוין נישט קענען אַרויס. ער טוט אַלץ בכדי אַרײַנ־צופירן זיי אַלעמען אין אַ משוגעת, בײַ וועלכער מען ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט מען איז. דאָס זעלבע טוט ער אויך מיט ביינישן, מיט די משרתים פון דער קרעטשמע און מיט אַלע וואָס קומען מיט אים אין באַריר. אַז נישט וואָלט דער מיושבדיקער בייניש נישט גערעדט וועגן אויסגעקלערטע געשלעגן, וואָס יאַקאָב הויבט פון זיי נישט אָן צו וויסן.

יאַקאָב האָט זיך דערפאַר נאָך מער באַהאַלטן אונטער זײַן שווײַגן און זיך געהיטן אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט. ערשט ווען זיי זענען געקומען גאָר נאָענט פון פּרעמיסלע און מען האָט שוין אַרויסגעזען די ערשטע, ערלישע הײַזער האָט זיך לייזער אַוועקגעשטעלט גאָר נאָענט פון יאַקאָבן און מיט אַ שטילן באַפעל אים אַרײַנגעפּליסטערט:

— איצט דאַרפסטו מאַכן ויברח... אָבער שוין! און לויפן זאָל־סטו צו דער לינקער זײַט פון די פעלדער... מען וואַרט אויף דיר!

אויך דאָס מאָל האָט זיך יאַקאָב געוואָלט אַנטקעגנשטעלן.. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער קען נישט מער האַנדלען מיט זײַן אייגע־נעם שכל, נאָר ער ווערט איבערגעגעבן צום בלינדן כח פון אַנדערע. וואָס קומט דאָ פאָר? פאַרוואָס זאָל ער מער נישט וויסן, וואָס מען טוט מיט אים?

לייזערס קול האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן:

— שנעלער...

און ער האָט נישט בכח געווען מער צו פאַרהאַלטן זיך. אין מיטן זײַן בונטעווען זיך איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ פרייד. ער וועט איצט קענען זײַן אַליין, לויפן וווּ ער וויל און ער וועט זיך אפילו נישט דאַרפן באַווײַזן פאַרן שטרענגן פּנים פון פּרעמיסלער רבֿ, נעבן וועלכן ער איז נישט מסוגל צו זאָגן קיין ליגנס. ווי גוט דאָס איז, וואָס ער קען דער־ווײַל אַנטלויפן! דערנאָך האָט ער אַליין נישט געוווּסט, אויב ער האָט זיך מיט אַזעלכע מחשבות בלויז געוואָלט אויסקויפן פון זײַן שפּלות־געפיל בײַם מוזן האָרכן לייזערס אומפאַרשטענדלעכע באַפעלן. ער האָט אפילו געוואָלט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי בעתן געזעגענען זיך. פאַרוואָס זאָל ער נישט זאָגן קיין גוט וואָרט צו לייזערן און טאַקע אויך צו ביינישן? סוף כל סוף האָבן ביידע מיט אים גוט געטאָן... נאָר לייזער האָט שוין שטאַרק אַרײַנגערעדט אין ביינישן און ביידע האָבן אים מסתמא גאָרנישט באַמערקט. ער האָט זיך דערפאַר שנעל אַוועק־געגליטשט און גענומען לויפן מיט אַלע כּוחות צו דער לינקער זײַט פון די פעלדער...

דערנאָך האָט נאָך יאַקאָב געהערט ווײַטע קולות. ער וואָלט גע־שווירן, אַז ביינישס שרײַט אים עפּעס נאָך. נאָר אפילו די קלאָרע לופט האָט אים די ווערטער געבערענגט צו טראָגן פול מיט נעפּל. דער משוגענער כּח פון לויפן האָט אים מער נישט געלאָזט זיך אָפּשטעלן אויף אַ רגע, הגם עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ערשט בײַם ערשטן געפלעכט פון ביימער האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און צוריקגעקוקט אין יענער זײַט אַרײַן. די ווילדע פרײַקייט פון אַרום האָט נאָך קיינמאָל נישט אויסגעזען אַזוי מחיהדיק ווי איצט. ער קען טאָן וואָס ער וויל. ער קען זיך זעצן, גיין, שרײַען און שטילשווײַגן. וואָס נאָך דאַרף ער? איצט האָט זיך יאַקאָב געשראָקן, טאָמער יאָגן לייזער מיט ביינישן אים נאָך. ער האָט פון אונטער אַ בוים געזען ווי די צוויי שאָטנס פון דער ווײַטנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם האָט ער זיי געהאַלטן אויפן אויג ביז זיי האָבן זיך צוריק אויפגעשטעלט.

עס איז נישט געווען פאַרוואָס זיך צו שרעקן. זיי האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג צו דער שטאָט. יאַקאָב איז געבליבן פאַרחמט. דער הונגער האָט אים אַ מאָן געטאָן און ער האָט מיט צופרידנקייט אַ טאַפּ געטאָן

דאָס בערגעלע מטבעות וואָס לייזער האָט אים אַרײַנגעשטופּט אויפֿן וועג. פֿאַרוואָס קען ער נישט אַרײַנגיין קיין פּרעמיסלע און זיך קויפֿן עסן, וויפֿל ער וויל נאָר? ער וועט בלויז גיין פֿון דער צווייטער זײַט, בכדי די צוויי שומרים זײַנע זאָלן אים נישט באַגעגענען...

עס איז אים אָבער נאָך באַשערט געווען דאָס לעצטע מאָל אין זײַן לעבן צו ציטערן. ווי נאָר ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט, האָט זיך פֿון וועלדל אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ הויך און לאַכנדיק קול:

— יאַקאָב! נישט אַהער דאַרפֿסטו גיין!

דאָס קול איז אים באַקאַנט געווען און דאָך האָט ער געמיינט, אַז דאָ געשעעט מיט אים איינער פֿון יענע גרויסע נסים, וואָס קענען נאָר טרעפֿן אַ מענטש ווען ער איז אַליין אונטערן בלויזן הימל און צווישן ביימער. אין זײַן פֿרומער פֿאַרגלויבטקייט האָט ער געלייגט די הענט אויף די אויגן און געוואָלט אַנידערפֿאַלן אויף דער ערד. די שטילע אַליינקייט פֿון אַלע זײַטן האָט זײַן פּחד און זײַן דערוואָרטונג נאָך מער געשטאַרקט. האָט ער זיך מורא געהאַט אומצוקוקן. זײַן האַרץ האָט זיך אפֿילו אַזוי ווי אָפּגעשטעלט ווען ער האָט געהערט דעם שאַרך פֿון שטילע טריט איבערן ווייכן גראָז... עמעצער קומט! ער וועט מער גאָרנישט דאַרפֿן טאָן, נישט טראַכטן, נישט זאָרגן... מען קומט און מען וועט אים נעמען, מען וועט אים ענדלעך דערפֿירן דאָרט אַהין ווו זײַן אָרט איז סײַווי געווען פֿון אַלע צײַטן אָן. ער דאַרף בלויז פֿעסטער פֿאַרלייגן די הענט איבער די אויגן, זיך איבערגעבן אין גאַנצן די ווייכע טריט און דעם ווײַטן קול. אַנדערש ווי אַ נס טאָר דאָ נישט געשען. צוליב זײַן אומגליק האָט ער שוין לאַנג אויף אים געמוזט וואַרטן. אַנדערש וואָלט די גאַנצע וועלט קיין זין נישט געהאַט. עמעצער האָט געמוזט אים קומען אויסלייזן. האָט יענער כּח דערווײַל געוואַרט און יאַקאָב האָט אים גאָרנישט געוווּסט ווו צו זוכן. איצט זענען זיי ביידע דאָ. יענער זוכט אים מיט געשריי און יאַקאָב זוכט אים מיט טויבער דערוואַרטונג. די גאַנצע וועלט שווײַגט איצט שטיל און וואַרט בלויז מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם צוזאַמען מיט יאַקאָבן אויף דעם וואָס דאָ דאַרף באַלד געשען... עס מוז אַזוי זײַן! עס מוז...

אַ האַנט האָט אים אַנגעכאַפּט בײַם אָרעם מיט אַ שטאַרקער קראַפֿט.

יאַקאָב האָט געשוידערט. דאָס קול פון דער ווײַטנס האָט איצט גאָר נאָנט באַפוילן:

— קום מיט מיר...

יאַקאָב האָט נאָך געוואָלט אָנהאַלטן די גליקלעכע בלינדקייט, גיין מיט צוגעמאַכטע אויגן — זײַנע הענט זענען אָבער פון זיך אַליין אָפּ־געפאַלן. דער גאַנצער נס האָט מער נישט געקענט אָנהאַלטן זײַן פאַר־שטעלעניש. ער האָט זיך ווי אַ לץ אויסגעטאָן נאַקעט און הימל מיט ערד האָבן זיך ראַפּטום אויסגעמישט מיט הארבן חוזק. יאַקאָב האָט זיך זײַנע אויגן נישט געוואָלט גלויבן. אָבער זײַן געשריי האָט זיך שוין אַדורכגעגליטשט אַלע קעמערלעך פון מח און דערקענטעניש:

— קאַפּהאָן!

יענער האָט אים אָבער געגעבן אַ צייכן צו שווײַגן. יאַקאָב וואָלט סײַווי מער נישט גערעדט. אַלע ווערטער האָבן פאַרלוירן זייער מאַכט און זייער פאַרשטענדלעכקייט. מער ווי איין וואָרט האָט סײַווי נישט געקענט וואָך האַלטן אין זײַנע צעפּלאָנטערטע מחשבות:

— קאַפּהאָן... קאַפּהאָן...

דער לץ איז געגאַנגען פאָרויס, געדרייט זיך איבער געפּלאָנטערטע שטעגלעך צווישן ביימער און יאַקאָב האָט אים נאָכגעשפּרײַזט מיט אַזאַ טעמפּקייט, וואָס אפילו ער האָט גאָר קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט געהאַט. בלויז קאַפּהאָן האָט אַזעלכע שטעגלעך געקענט אויסגעפינען. צו קיין גלײַכער וועלט קענען זיי גאָרנישט פירן. אַזעלכע שטעגלעך, ווי קיין טריט זענען נאָך נישט געשטעלט געוואָרן, קענען בלויז פירן אין גן־עדן אַרײַן אָדער אין גיהנם אַרײַן. יאַקאָבן איז דאָס מאָל קיין נפקא מינה נישט געווען. ער האָט בלויז געוואָרט אַז קאַפּהאָן זאָל נאָך עפּעס זאָגן און יאַקאָב וועט עס סײַווי מוזן הערן, ווײַל מער איז שוין גאָרנישט געבליבן אויף דער גאַנצער וועלט וואָס צו הערן.

— 3 —

ווי אַזוי אין דעם וואַלד געפּלעכט קען זײַן אַ טיפע הייל האָט בלויז קאַפּהאַן געקענט וויסן. יאַקאָב איז מסוגל געווען צו גלויבן, אַז דאָס האָט ער זי אָקאָרשט אויסגעגראָבן ספּעציעל פאַר זײַנעטוועגן. קאַפּהאַן האָט באַפוילן:

— גיי אַרײַן אינעווייניק...

יאַקאָב איז אַרײַנגעגאַנגען און קאַפּהאַן איז אים נאָכגעקומען. ער האָט יאַקאָבן געהייסן זיך זעצן אויף דער ערד און ער האָט אים גע־פאָלגט. קאַפּהאַן האָט זיך נעבן אים אַוועקגעזעצט ערשט נאָכדעם ווי ער האָט פאַרשפּרייט אַ מאַנטל, וועלכן ער האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן זאַק. ער האָט גאָרנישט געפרעגט יאַקאָבן וועגן דעם וואָס עס האָט פּאַסירט די גאַנצע צײַט און פאַרוואָס ער האָט דאָרט אין ליסע נישט דערפירט צו קיין סוף. ער האָט אפילו נישט דערציילט, פאַרוואָס ער האָט אַמאָל צוגעזאָגט יאַקאָבן צו זײַן מיט אים און העלפן אויספּלאָנ־טערן די ענינים פון פּין און ליסע. ער האָט בלויז געהאַט פרישע טענות:

— דו האָסט געוואָלט לויפן קיין פּרעמיסלע, בעת דו טאָרסט זיך דאָרט נישט ווײַזן...

יאַקאָב האָט געוואָלט וויינען:

— איך ווייס נישט קיין אַנדער וועג...

קאַפּהאַן איז געוואָרן שטרענג:

— ס'איז נישטאָ וואָס צו וויסן... דו גייסט צוריק...

יאַקאָבן איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז מער וועט ער שוין קיין איין טריט נישט קענען גיין אַליין און ער האָט זיך דערפאַר אײַנגע־קלאַמערט אין קאַפּהאַנס הענט:

— וווהין... זאָג מיר... ווער וועט מיר אים ווײַזן?

קאַפּהאַן האָט דאָס מאָל פאַרלוירן זײַן פריילעכע באַרעדעוודיקייט. ער האָט אים אפילו קיין רעכטן בליק נישט געשענקט:

— וואָס איז די נפקא מינה? מען גייט אין דער וועלט אַרײַן. אַלע וועגן זענען די זעלבע און אומעטום זענען פאַראַן שטעט און מענ־טשן...

יאַקאָב האָט זיך דערזען שטיין פאַר אַ פרעמדן אָפּגרונט. דער מענטש וואָס זיצט דאָ נעבן אים, איז דער איינציקער וואָס קען אים. אָבער יענער קען מער קיין רחמנות נישט האָבן. דערפאַר אָבער האָט זיך אין יאַקאָבן, דווקא אין דער פּחדים־הייל אויפגעוועקט דער ווילן צו לעבן, צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך. ער האָט דערפאַר געגומען שטאַמלען:

— און וואָס וועט זײַן מיט מיר? מיט מרימען?

קאַפּהאַנס קאַלטקייט האָט געשניטן ווי אַ מעסער:

— וועגן דעם וועט מען דיר נאָך מודיע זײַן... דו האָסט געוואָלט דײַנס און דו האָסט עס דערגרייכט. גיי איך בלויז ענדיקן, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן. איז דאָס פאַר דיר נישט גענוג? האָסט חרטה? פּחדן איינער! וואָס איינער טוט — דאָס האָט ער. ווילסטו מער?

יאַקאָב האָט איצט געטראַכט מיט הייסן פיבער. ער מוז דאָ מיט עפּעס קויפן דעם קאַלטן לץ. גאַרנישט האָט ער מער, אויסער יענעם סוד וואָס ער טראָגט מיט זיך און ער האָט אים קיינעם נישט געוואָלט אַנטפּלעקן. איצט וועט ער אים שענקען דעם קאַפּהאַן. זאָל עס אים אַ טרייסל טאָן:

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן קאַפּהאַן, אָבער הער מיך אויס. דו האָסט מיר דערציילט, אַז מרים האָט מיט דיר איידל גערעדט, געגלוסט צו דיר... דאָס איז אמת! מיך האָט זי געטריבן ביז צום סוף, ווײַל זי האָט געהאַט דײַן געשטאַלט פאַר די אויגן. ווען דו קומסט איצט. קענסטו זי נעמען פאַר אַ ווײַב, זי וועט צופרידן זײַן. מיר טוט עס ווײ, אָבער איך וועל זי אָפּגטן אויף דײַן פאַרלאַנג... דו דאַרפסט מיך בלויז פירן קיין פרעמיסלע. דאָ איז פאַראַן דײַן רבקה... זי האָט דיך פײַנט און צו מיר האָט זי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גוטסקייט... וואָס זשע דאַרפסטו? גט זי אָפּ און מיר וועלןביידע לעבן בשלום! דו זעסט דאָך, אַז די גאַנצע צײַט לעבן מיר אין אַ גרויסן טעות. דו דאַרפסט זײַן אַ ליסער און איך — אַ פרעמיסלער... אונדזערע עלטערן האָבן צעמישט די יוצרות און דערפאַר בייזערט מען זיך אין הימל אַזוי שטאַרק אויף אונדז...

קאַפּהאַן איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער:

— מיך לערנסטו עצות? איך ווייס אַלצדינג וואָס דו ווילסט מיר זאָגן... דו שוטה איינער! דו ווילסט זײַן אויף מײַן אָרט? רבקהן זאָל איך דיר אַוועקגעבן? גטן זי פאַר דײַן טובה וועגן? בהמה! גיכער וועלן מיר אַלע אויסגיין פון יסורים, איידער דאָס וועט געשען... האָסט געהערט?

יאַקאָב האָט איצט פאַרלוירן זײַן לעצט געווער וואָס ער האָט באַהאַלטן אויפן סאַמע סוף; ער האָט געוואָלט וויינען, רײַסן זיך די האָר פון קאָפּ און דאָך האָט ער מורא געהאַט עס צו טאָן, ווען קאַפּהאַן זעט. פון יענעמס אויגן האָט ער אויסגעלייענט פאַר זיך אַ שרעקלעכן פּסק דין, וואָס קיינער קען שוין נישט אָפּרופן. וועלן דאָ שוין נישט העלפן קיין רייד און קיין געוויינען. איצט מוז ער נאָר נעמען דעם גורל, וואָס ליגט בײַ יענעם אין די הענט און טראָגן בלינדערהייט וווהין יענער וועט באַפעלן. אין דער לעצטער מינוט איז אים בלויז אײַנגעפאַלן זיך אַ ראַנגל צו טאָן מיטן קליינעם רעשטל כח:

— אויב אַזוי וועל איך גיין צו דער מאַמען אין פּין... גיב מיר בלויז אַ צעטל, אַז דאָס ביזטו געווען צום ערשטן מאָל און געגעבן מרימען דעם גט... איך וויל, אַז מיר זאָלן אַזאַ כתב חתמענען מיט עדות...

קאַפּהאַן אַליין האָט שוין קיין כח נישט געהאַט זיך צו בייזערן. זײַנע העלע אויגן האָבן זיך בלויז געריצט מיט יאַקאָבן אין דער טונקלקייט:

— איך האָב דיר דײַנס אָפּגעגעבן... מער ווי עס קומט — גיב איך קיינמאָל נישט.

יאַקאָב האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין. קאַפּהאַן האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— וואַרט... מיר טאָרן נישט גיין צוזאַמען. דו מוזט נאָך דאָ זיצן אַ פּאָר שעה און ערשט דאַן וועסטו זיך מעגן אַרויסרירן. דו טאָרסט אפילו דעם קאָפּ נישט אַרויסשטעקן פון דער הייל נאָך מײַן אַוועקגיין... פאַרשטייסט?

אויך יאַקאָב האָט געוואָלט איינמאָל שפּילן מיט להכעיס. פאַרוואָס זאָל יענער אַלעמאָל זײַן דער שטאַרקער? ער האָט זיך דערפאַר נאָך

מער צוגערוקט צום מויל פון דער הייל און גענומען קאַפּהאַנען דער־
ווידערן:

— דו ווילסט מיר נישט העלפן. דערפאַר מעג איך טאָן וואָס מיר
געפעלט. איך וועל דיר נאָכגיין אויף יעדן טריט... איך וועל אַראָפּ־
קומען קיין פּרעמיסלע און שרײַען. אַלע וועלן דערמיט אַנבוזען, אַז דאָ
גייט אַן אַ גרויסער שווינדל... איך וויל זיך ראַטעווען!

קאַפּהאַנען האָבן די רייד נישט איבערראַשט. ער האָט זיך שטיל
דערנענטערט צו יאַקאָבן און געציילט די ווערטער:

— איך האָב געוווסט אַז דו וועסט אַזוי זאָגן. דו וועסט עס אָבער
נישט טאָן. איך וועל הרגענען. קיין רוצח בין איך נישט. אָבער איך
האָב געמוזט מיטנעמען געווער צו דיר. קיין אַנדער עצה האָב איך נישט.
אפשר וועל איך דיך מאַכן בלויז פאַר אַ קאַליקע, אַז דו זאָלסט מיר
נישט קענען נאָכגיין. וואָס דאַרף איך אומברענגען אַ נפש? דער וואַל־
איז דאָ טיף און קיינעמס געשריי ווערט דאָ נישט דערהערט. איך קען
דיר ווײַזן ווי אַזוי מײַן געווער איז שאַרף. פאַר וואָס זשע זאָסטו מיך
ברענגען צו אַ נסיון, ווען דו וועסט דערפון גאָרנישט האָבן — און
דערצו וועסטו שוין מוזן אויסגיין אין וואַלד?

אין יאַקאָבן האָט זיך געוועקט זײַן שרעק פון די קינדער־יאָרן. ער
האָט באַטראַכט קאַפּהאַנען, וואָס האָט דערוויַל געזוכט אין זײַן זעקל
און ער האָט מיטאַמאָל דערזען, אַז ער וועט יענעם נישט בײַקומען. די
פאַרלוירנקייט האָט זיך אים צעלייגט אין די גלידער און דער אײַנ־
געשלאָפענער הונגער האָט זיך ווידער צעשריגן אין אים. קאַפּהאַן האָט
זיך דערמאָנט. אַז ער דאַרף נאָך עפּעס וואָרענען יאַקאָבן:

— דו האָסט דאָ דערמאָנט רבקהן... וואָרן איך דיך: זאָלסט
זי אפילו נישט נעמען אויפן זין אין דײַן משוגענעם קאָפּ אַרײַן...
איך וועל עס שפּירן פון ווי ווײַט און איך וועל צו דיר קומען. דאַן
וועט דיר ערגער זײַן ווי דער טויט.

יאַקאָב האָט מורא געהאַט אַפילו צו ענטפערן וועגן דעם. ער האָט
זיך גאָר אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַלס סימן פון רעזיגנירטקייט.
ער האָט זיך בלויז געבעטן בײַ קאַפּהאַנען נישט צו דער זאַך:

— איך האָב מורא... כ'בין הונגעריק...

קאַפּהאַן האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער טיר און אַ זוך געטאָן אין זײַן זעקל. ער האָט פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ לאַבן ברויט און אַ פּאָרטיקן שטיק פלייש. אפילו אַ פלאַש וואַסער האָט זיך באַוויזן אין זײַן האַנט. ער האָט דאָס אַלץ אַוועקגעלייגט נעבן יאַקאָבן און נישט אָן נמאסדיקייט צו אים זיך צערעדט:

— דו זעסט? צו דײַן הונגער האָב איך אַ לײַכטע און שנעלע רפואה. דאָ האָסטו ברויט אויף אַ גאַנצן מעת לעת און זיצן דאָ וועסטו בלויז דאַרפן צוויי שעה. נאָר פאַר דײַן מורא האָב איך נישט קיין שום רפואה... ווי אַזוי האָט אַזאַ פּחדן ווי דו געוואָלט פירן אַ מלחמה מיט גאַנצע קהילות? האָסט געוואָלט? ציטערזשע אַביסל! דערנאָך זאָסטו גיין. דו הערסט? זאָלסט דערנאָך גיין אָן אָפּשטעל!

ווען קאַפּהאַן איז אַרויס פונעם לאָך האָט יאַקאָב נישט באַוויזן צו באַמערקן. עס איז אים פּלוצים טונקל געוואָרן אין די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט געשלאָגן געוואָרן מיט דער שוואַרצסטער נאַכט. ער האָט נאָר אויפגעכאַפּט מיט זײַן געהער יענעמס טריט בײַם אַוועקגיין, כאָטש זיי האָבן קוים אָנגעמאַכט אַ רויש אויפן ווייכן גראָז. דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, בכדי נישט צו זען די אייגענע שרעק וואָס האָט אַרום אים געפלאָטערט. נאָכלויפן האָט שוין סײַווי קיין טעם נישט געהאַט, ווײַל די וועגן זענען געדרייט און קאַפּהאַן האָט זיך סײַווי געקליגט מיט זײַנע טריט, אַז יאַקאָב זאָל זיי נישט קענען נאָכשפּירן.

ער האָט געמוזט שלאָפן לאַנג און טיף. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין אין דרויסן געווען גאָר טונקל. ער איז אַרויס און די צוזאַמענגעקאָסענע שאָטנס פון די ביימער האָבן אים באַלד אַרומגעכאַפּט ווי אַ זייערדיקן. ער האָט געוואָלט צוריקגיין צו דער הייל און אײַנבערנעכטיקן. ער האָט עס אָבער נישט געקענט. סײַווי וואָלט אים דער שלאָף מער נישט גענומען און זיצן אַ גאַנצע נאַכט אין שטאַרן חושך איז נישט געווען פאַר זײַנע כוחות. ער האָט זיך דערפאַר אַ שפּאַר געטאָן פאָראויס, נישט וויסנדיק וווהין. מער האָט ער סײַווי נישט געדאַרפט קלערן, ווײַל קיין אַנדער אָרט ווי אין דער פינצטערניש האָט ער נישט געהאַט.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

— 1 —

פּרעמיסלע וואָלט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אין דעם לץ יאַקאָב קאָפּהאָן, וואָס האָט מיט דרײַ יאָר צוריק געגעבן גט זײַן ווײַב רבקה פון קראָטאָשין. אמת טאַקע, אַז ער אַליין האָט דערנאָך איבערגעלאָזט אַ צעטל, אַז דאָס איז גאָרנישט ער. אָבער זײַנע מעשים זענען שוין געווען גוט באַקאַנט און מען וואָלט עס נישט גענומען ערנסט. דאָס גאַנצע בית דין האָט אײַנגעפונען, אַז דער גט איז אַ גוטער און זײַן אשה וואָלט זיכער געווען חתונה געהאַט מיט וועמען איר געפעלט. האָט זיך אָבער אַרײַנגעמישט אַ צרה און דער סופר, וואָס איז געקומען פון פּילץ האָט געברענגט אַ ידיעה, אַז קאָפּהאָן ווערט אין אַנדערע ערטער גערעכנט ווי אַ פּינער. עפּעס האָט דער לץ גאָר אָפּגעגט אַ צווייטע אשה און אויך יענע גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט זײַן גט... פאַר אַזאַ מין לצנות וואָלט מען דעם קאָפּהאָן פּשוט געדאַרפט לייגן אין חרם אַרײַן. אָבער דער סופר האָט מיט דעם קאָפּהאָן אַליין געשמועסט אין פּילץ און יענער האָט פאַר אים געוויינט מיט ביטערע טרערן, אַז מען האָט אים פּשוט גענויט דערצו מיט געוואַלט... וגם איז דאָרט געווען אַ ליסער דיין, וואָס איז געווען בײַם גט־שרײַבן און אויך ער האָט מודה געווען, אַז מען האָט דעם יאַקאָב לאַנג געהאַלטן אין תפיסה, מחמת ער האָט געטענהט אַז ער איז פון פּרעמיסלע...

דער סופר האָט געטאָן זײַן חוב און עס דערציילט. האָט דאָס בית דין פון פּרעמיסלע לכתחילה געוואָלט דעם גאַנצן ענין מבטל זײַן, אָבער מיט אַזאַ האַרבן ענין שפּילט מען זיך נישט. לכן האָבן זיי באַשלאָסן אויפצוהאַלטן דעם היתר פאַר רבקהס חתונה, ביז עס וועט קומען אַ תשו־בה פון דער ליסער קהילה. דער ענטפער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין היציקע קעפּ האָבן שוין געוואָלט זוכן אַן עונש פאַר די לײַט פון ליסע צוליבן אַרויסלאָזן אַ שלעכטן שם אויף רבקהס גט. דערפאַר טאַקע האָט אין שטאָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש די ידיעה, אַז פון ליסע זענען געקומען צוויי שליחים און מיט זיך געבראַכט קאָפּהאָנען.

די פּרעמיסלער ייִדן האָבן טאַקע נישט געגלויבט אין דער ליסער מעשה, אָבער יעדער האָט געוואָלט זען די צוויי לײַט. אַלע האָבן געוואָלט וויסן, ווי אַזוי אַזאַ לץ האָט געקענט פאַרפירן די חשובסטע רבנים און עס זאָל קומען צו אַזאַ מוראדיקן טעות. אַז די גאַנצע מעשה איז דאָרט נישט ערנסט, האָבן זיך די נײַגעריקע פון פּרעמיסלע געקענט איבער־צײַגן בעתן שמועסן מיט איינעם פון די ליסער שליחים. ער האָט אויס־געזען צו זײַן אַ חשובער בעל־הבית אין זײַן קהילה, ווײַל ער האָט געטראָגן שיינע קליידער און גוטע שיך. ער אַליין האָט געשמייכלט פון דער גאַנצער זאַך, נאָר היות מען האָט אים געשיקט מיט דער דאָ־זיקער שליחות איז ער געקומען. דערבײַ האָט ער זיך אַנדערציילט מעשהס פון דעם קאַפּהאַן אויפן וועג, וואָס האָבן אַרויסגערופן בײַ אַלעמען גע־לעכטער.

באַלד דערנאָך האָט זיך באַוויזן קאַפּהאַן אַליין. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין פּרעמיסלע האָט ער זיך גענומען אויספרעגן אויף זײַן ווײַב רבקה און אויף זײַנע עלטערן. איבער דער גאַנצער צײַט האָט ער זיך גאָרנישט געענדערט. אַזוי ווי ער האָט גאָר באַקומען אַ מקום ווו אָוועקצולייגן זײַנע חפצים, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן אַכסניה ווו מען טרינקט ביר. דאָרט האָבן זיך באַלד צונויפגעקליבן די שטאָט־לצים וואָס האָבן זיך אַמאָל מיט אים געחברט. דער זכרון האָט אים גוט געדינט און די גרינגע קעפּ פון ליסע האָבן שוין לאַנג אַזעלכע פריילעכע טעג נישט געהאַט. קאַפּהאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף צענדליקער מענטשן פון דער קהילה וואָס זיי מאַכן. היות ווי ער האָט דערבײַ געוואָלט געבן סימנים וועמען ער מיינט, האָט ער בײַ יעדן איינעם נאָכגעמאַכט יענעמס לשון און סיגעס. אין געציילטע מינוטן האָט ער נאָכגעקרומט דעם פּרנס ר׳ אהרן, ביז מען האָט געמיינט אַז דער לעבעדיקער ר׳ אהרן שטייט דאָ פאַר די אויגן. דערנאָך האָט ער מיט זײַנע ליצנישע תנועות נאָכגע־מאַכט אַלע דיינים, שמשים און כלי קודש.

טייל פון זײַנע גוטע ברידער האָבן אים דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל כסדר איבערגעשראָקן די שטאָט. יענע צײַטן זענען שוין געווען פאַרבײַ און זיי האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו שמייכלען. אָבער קאַפּהאַן האָט דערפון געהאַט גאָר אַ באַזונדערע הנאה. ער האָט פאַר

אַלעמען אין די אויגן גענומען קרייען ווי אַ האָן און דערנאָך איבערגעקרומט דעם שוין לאַנג־פאַרשטאָרבענעם ר׳ חנאס קול ווי אין זײַנע יונגע יאָרן. טאַקע קאָפּהאָן האָט געמוזט איבערדערציילן, ווי אַזוי ער איז געקומען קיין ליסע, ווײַל ער האָט געהערט אַז דאָרט דאַרף זײַן אַ רײַכע חתונה. ער האָט מיט קיינעם נישט געהאַט קיין מגע־ומשא און דאָך האָט מען אים געשלעפּט אין תפיסה אַרײַן. עטלעכע צעוואַקסענע יונגען האָבן אים געהאַלטן אין איין שלאָגן און ער האָט די ערשטע צײַטן אַליין נישט געוווּסט וואָס זיי ווילן פון אים. עס האָבן נישט געהאָלפן זײַנע טענות אַז ער איז אַ פּרעמיסלער, ווײַל מען האָט געבערענגט צום רב אַן אשה און מען האָט אים מודיע געווען אַז דאָס איז זײַן ווײַב. וואָס אַן אמת איז זי געווען אַ גרויסע יפת תואר און ווען זי זאָל נישט געווען זײַן קיין אשת איש, וואָלט מען אים נישט געדאַרפט שלאָגן :אַז זי זאָל ווערן זײַן פלונית. די זיכערקייט פון דער גאַנצער שטאָט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער אַליין האָט שוין אָנגעהויבן גלייבן דערין. אַ גאַנצע שטאָט מיט חכמים זענען דאָך נישט משוגע! און ער איז געווען איינער אַליין קעגן אַלעמען... איצט לאַכן דאָ אַלע אין פּרעמיסלע פון דער מעשה, נאָר קאָפּהאָן וואָלט אַ בעלן געווען צו זען וואָס אַנדערע וואָלטן געטאָן אויף זײַן אָרט... שוין צוליב דעם אַליין האָט ער געוואָלט קומען קיין פּרעמיסלע און זען, אויב אַזאַ שטאָט געפינט זיך אויף גאָטס וועלט. אין ליסער תפיסה האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פריער האָט ער בלויז געלעבט אין חלום און אַז דאָרט האָט ער אויפגעוואַכט אין זײַן אמתן גלגול... אויך איצט ווייסט ער אין דער אמתן נישט, אויב ער חלומט נישט ווידער. זענען טאַקע פאַראַן נאָך שטעט אויסער ליסע?

דער עולם האָט געקוואָלן פאַר געלעכטער און יאַקאָבס חכמות איבערדערציילט דער גאַנצער שטאָט. דערפאַר זענען אַלע אַזוי לוסטיק געווען, בעת זיי האָבן אָנגעטראָפן דעם צווייטן שליח פון ליסע ווי ער דרייט זיך אַרום מיט אַ זויער פנים. יענער האָט דעם עסק גענומען גאָר ערנסט. ווי נאָר ער האָט געטראָפן אַ פּרעמיסלער חשוב האָט ער זיך אין אים אײַנגעהילט, געזאָגט מוסר, געזידלט און געעדותט זיך מיט בריוו אַז דאָ ווערט רחמנא לצלן אָפּגעטאָן מעשים פון סדום. ער איז אַליין

אַ ליסער און קען דעם פֿאַרשוין פֿון קינדווײַז אויף. דערצו איז ער דער שומר פֿון תפיסה און ער האָט מיט אים געגוג אײַנגעטענהט ווי מיט אַן אייגענעם... אָט הערן מענטשן: נאָך הײַנט איז ער גרייט צו שווערן בײַ אַ ספר תורה, אַז דער וואָס זיי רופֿן קאָפּהאָן איז דער מאָן פֿון דעד ליסער פֿרוי... זאָל מען אים נאָר רופֿן צו די רבנים און ער וועט זיי באַווײַזן...

דער דאָזיקער ייד האָט זיך געוווּנדערט אויף אַזאַ הייליקער קהילה ווי פּרעמיסלע: ווי אַזוי האָבן זיי בײַ זיך געקענט אָפּמאַכן פּה אחד, צו פֿאַרפֿירן מענטשן און ברענגען צו אַ גרויסער זינד? און ווי אַזוי קענען זיי גלויבן אַזאַ ליגן, וואָס וויל בלויז נקמה נעמען אין זײַן אשה? זיי מעגן אַלע טאָן וואָס זיי ווילן, אָבער ער, בייניש וועט נישט דער־לאָזן! עמעצער דאַרף דאָך היטן די וועלט פֿאַר זינד...

קיינער האָט זײַנע רייד נישט געקענט נעמען ערנסט. אַ טייל לײַט זענען בלויז אין כעס געוואָרן וואָס אַזאַ אָפּגעריסענער נאַר רעדט אויף פּרעמיסלער קהל. דאָס איז די אמתע חוצפּה. אָבער דער רוב יידן פֿון פּרעמיסלע האָבן אים נישט געלאָזט קרומען קיין האָר פֿון קאָפּ. איינ־מאָל, איז ער בלויז אַ שליח וואָס טוט זײַנס. צווייטנס, איז דאָך באַ־שיינפּערלעך צו זען, אַז דער ייד איז נישט בײַ די קלאָרע געדאַנקען און וואָס קען מען נעבעך האָבן צו אַ קראַנקן מענטש? והשלישית, איז ער טאַקע געווען אַ מקור פֿאַר אַ סך פֿריילעכקייט. דער גרעסטער מרה־שחורהניק האָט געמוזט לאַכן, ווען ער האָט געהערט ווי אַזוי בייניש צעפּײַערט זיך אין די רייד. מען האָט בכיוון פֿאַר אים אָנגעשטעלט אַ ערנסט פּנים און אים אויסגעפֿרעגט ווי אַזוי דער יאַקאָב האָט זיך געפֿירט קליינערהייט און ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט דער שיינער מרשעת פֿון ליסע. בייבישן ווידער האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס סוף כל סוף האָט ער געוווּנען זייערע הער־צער און ער קען זיי דערציילן אַזוינס וואָס זיי ווייסן קיינס נישט. ער האָט דערפֿאַר געגומען שילדערן מיט גרויס היץ יענע אַמאָליקע צײַטן, ווען ער אַליין איז נאָך ייִנגער געווען. וואָס מיינען זיי? ער אַליין איז אויך אַמאָל געווען אַ מבין אויף אַ געלעכטערל!

ערשט ווען בײַ אים האָט שוין דער האַלדז געטרוקנט, האָט ער

באמערקט ווי אזוי אלע צוהערער לאכן צווישן זיך און אויף אים קוקן זיי ווי אויף א חסר דעה.

נישט אלע זענען אבער געווען לצים. מיט ביינישן האבן זיך אויך אפגעגעבן לומדישע ייִדן, וואס זענען געווען אפגעהיטן מיט א ווארט. ביינישן האט פון זיי ארויסגעזען, אז דאס זענען גאר גרויסע בעלי מדות. ער האט זיך פאר זיי אוועקגעשטעלט טענהן און קלאגן זיך אויף זייער פרעמיסלע: ווו איז דאס געהערט געווארן, אז אלץ זאל זײַן דא אזוי הפקר? די דאזיקע ייִדן מיט ווײַסע בערד האבן אים טרויעריק אויסגע־הערט, געשאקלט מיט די קעפ און צען מאל זיך בײַ אים איבערגעפרעגט אויפן זעלבן ווארט. ביינישן האט שוין געמיינט אז ער וועט זיי קענען נעמען צו הילף, נאר יענע האבן אים דערנאך געמוזן אויספרעגן מאדנע שאלות. זיי האבן געוואלט וויסן, אויב ער איז קיינמאל נישט געווען קראנק, אויב דער קאפ טוט אים ווײ פון צײַט צו צײַט און אויב עס חלומען זיך אים נישט קיין שלעכטע חלומות. ער האט אויך דאס נישט געקענט פארשטיין, ביז א טײַערער ייִד מיט א גאלדן הארץ האט אים געגעבן אן עצה:

— מילא, ער איז געקומען — זאל ער ווארטן ביז דער רב וועט צוריק זײַן אין פרעמיסלע. פאר אים וועט ער מעגן אלץ אויסדערציילן. אבער ביז דאן זאל ער זיך ארויסשלאגן די שלעכטע חלומות פון קאפ. עס איז נישט שיין, ווען אזא ייִד גייט ארום און דערציילט אלעמען אזעלכע מעשהס. נישט יעדער איז מסוגל גובר צו זײַן דעם יצר הרע און דערפאר שטרויכלט ער אזויפיל ייִדן אין קלות ראש און ליצנות... מען טאר נישט אזוי!

און ווען ביינישן האט ווידער געוואלט געבן צו פארשטיין זײַנס, האבן זיך אזעלכע ייִדן פון אים אפגעקערט און זיך ווידער גענומען צו דער גמרא מיט פרומע פנימער.

דאס ערגסטע פאר אלץ איז אבער געווען דאס, וואס ביינישן האט גאר יאקאבן נישט געקענט זען. מען האט אים איבערגעגעבן ווו ער זיצט און טייל האבן אים אפילו געוואלט פירן אהין. ביינישן האט שוין אבער פארשטאנען, אז דא וויל מען פון אים מאכן דאס גרויסע גענאר. די חברה וויל בלויז צוזען, ווי אזוי זיי טענהן זיךביידע אויס. דערצו

האָט ער נישט געוואָלט דערפירן. זײַן גאַנץ עדות זאָגן קען שוין אפילו פאַרן בית דין אַליין אויסזען ווי חוזק. האָט זײַן אויער בלויז אויפגע־כאַפּט ווען דער גרויסקייט פון פּרעמיסלער רב און ראש ישיבה. איבער דער גאַנצער מדינה קלינגט עס מיט זײַן חכמה און אמתדיקייט. ווי נאָר ער טוט אַ קוק אויף אַ מענטש, ווייסט ער באַלד אויב ער זאָגט שקר אָדער נישט. האָט בייניש געהערט און אַ האָפענונג איז אויפגע־גאַנגען אין זײַן הארץ. ער איז מער פון זײַן שוועל נישט אָפּגעטראָטן און בלויז געוואַרט ווען ער וועט צוריק קומען.

עס איז פאַר אים קיין ספק נישט געווען אַז ווי נאָר דער רב וועט רופן, וועלן שוין סײַ לייזער און סײַ יאַקאָב זיך מוזן צושטעלן. דערבײַ איז ער געווען גאָר זיכער, אַז ווי נאָר דער רב וועט אים אויסהערן — וועט בײַ אים קיין ספק נישט זײַן, וואָס ער האָט צו פּסקענען. צוליב דעם האָט ער מער נישט געוואָלט אונטערנעמען קיין אַנדערע תחבולות. נאָר איינמאָל איז ער שטאַרק צופרידן געווען, ווען ער איז געשטאַנען נישט ווײַט פון רבס הויז האָט ער דערזען לייזערן, ווי ער גייט מיט נאָך איינעם. בייניש האָט באַלד דערקענט יאַקאָבן און ער האָט זיך צו זיי אַ לאָז געטאָן: פּאַרט היימישע מענטשן! ער האָט זיך אָבער נישט באַוויזן מיט זיי צו טרעפן, ווען יאַקאָב האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צום רבס טיר און לייזער איז אים נאָכגעלאָפן. בייניש האָט זיך צוגעריסן צו דער טיר און געוואָלט אַרײַנגיין, אָבער דער משרת האָט אים אָפּגע־געהאַלטן:

— קומט אַביסל שפּעטער, ווײַל דער רב איז מיד פון וועג...

מער האָט בייניש נישט געדאַרפט: דער רב איז שוין דאָ! ער איז צוריקגעקומען! און אַלע אברים האָבן זיך בײַ אים געריסן צו טאַנצן פאַר שמחה...

— 2 —

בייניש האָט סך הכל גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן בײַם רב. אַלע זײַנע כתבים און רייד האָבן אין איין רגע פאַרלוירן זייער גאַנצע ווערט. ווען ער איז אַרײַן אין חדר פון בית דין איז שוין ר׳ יחיאל מיכל געזעסן בײַם טיש. אין אַ זײַט פון טיש איז געשטאַנען יאַקאָב מיט די אויגן

אראָפּגעלאָזט צו דער ערד. דער גאַנצער חדר איז פול געווען מיט מענ־טשן וואָס זענען געקומען עדות זאָגן, אויב מען וועט באַדאַרפן. אַ פאַרכ־טיקע שטילקייט האָט אַלעמען איינגעהילט און אויך ביינישׂ איז פון איר מיטגענומען געוואָרן. וואָס דאָרט האָט פריער פּאַסירט האָט שוין ביינישׂ נישט געקענט וויסן. קען זײַן, אַז יאַקאָב האָט זיך שוין געפּע־דערט און אָפּגעזאָגט עפּעס אַ ליגן איידער ביינישׂ איז אַרײַנגעקומען. דערפאַר אָבער איז איצט געווען מוראדיק שטיל.

ביינישׂ האָט געזען ווי דער אב בית דין שטעלט זיך אויף, קוקט שאַרף אַן דעם יאַקאָב און צעברומט זיך מיטן גאַנצן כח איבער אים:

— דו רשע! טמא איינער, וואָס האָסטו צו דער ילדה? פאַרוואָס ווילסטו זי אומגליקלעך מאַכן אויפן גאַנצן לעבן? וואָס האָט זי דיר געטאָן?

יאַקאָב האָט נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. אין ביינישן האָט זיך דאָס האַרץ אַ וואָרף געטאָן פאַר פרייד. ער ווייסט דעם אמת, דער פרעמיסלער גאון! דאָס נעמט ער זיך אָן דעם צער פון מרימען און צוליב איר מוסרט ער דאָס אַזוי יאַקאָבן. ער האָט זיך שוין געוואָלט צורײַסן צום טיש און דערציילן וואָס ער ווייסט. סוף כל סוף איז ער דאָך דער איינציקער, וואָס האָט אויסגעהיטן דעם אמת די גאַנצע צײַט. אדרבא, זאָל דער רב הערן וואָס דער רשע האָט אַלץ צערעדט אין יענע מקומות... מען האָט אָבער ביינישן נישט צוגעלאָזט. דער גאון האָט נאָך זײַן חשבון מיטן לץ נישט געהאַט געענדיקט. עס איז נאָר געווען זײַן שטייגער צו כאַפּן דעם אָטעם אויף אַ רגע, איידער ער הייבט אָן מיט אַ נײַעם שטורעם.

ר׳ יחיאל מיכל האָט זיך צעוויגט מיט זײַן הויך געשטאַלט און געברומט איבער יאַקאָבן:

— דו טמא איינער! מיר אַלע דערקענען דיך לויטן קול, לויטן אויסזען און לויט אַלע סימנים אויף דיר. דו ביזט אַ פרעמיסלער! דער־פאַר פרעג איך דיך: וואָס האָסטו צו טאָן אין ליסע? ווי קומסטו צו געבן גט אַ ווילד־פעמדער פרוי? דו מיינסט, אַז מען פאַרשטייט נישט דײַנע טריפה כוונות?

מער האָט ביינישׂ נישט געקענט הערן. יאַקאָב האָט סייווי געשוויגן

און דאָס גאַנצע קהל האָט אויף אים געקוקט צאַרנדיק און אַנגעלאָדן. בייניש האָט נאָר געשפּירט אויף זיך לייזערס שפּאָטישן בליק און ער האָט זיך געשעמט יענעם צו קוקן אין די אויגן אַריַין. זײַן גאַנצע מי איז געווען אומזיסט. אַ פּרעמיסלער איז ער! דער גאון אַליין דערקענט אים מיט זײַן מעכטיקן טביעת עין... ווי אַזוי זשע וועט אַזאַ פּליג ווי בייניש זיך קעגנשטעלן? עס בלײַבט אים נאָר צו רײַסן קריעה און אַרויסוויינען הויך אויפן קול פאַר זיך און פאַר זײַן גאַנצער עדה... ער האָט בלויז נישט געקענט פאַרשטיין: ווער איז עס דער, וואָס האָט אַזוי גוט געוווסט אַלצדינג פון ליסע? פאַרוואָס איז ער געפאַלן דער מרים צו די פיס און געוואָלט מיט איר גיין ווינען? און פאַרוואָס געדענקט מען פאַרט, ווי אַזוי ער האָט זיך פון קינדווײַז אויף געדרייט איבער די פינער און ליסער גאַסן? ביינישן האָט פון אַזעלכע מחשבות אַנגעכאַפּט אַן אימה. ווער ווייסט, אויב דאָס איז נישט קיין שד, וואָס דאַרף בלויז אַלעמען מאַכן זינדיקן און דערנאָך זאָל ער אַנטלויפן? עס איז נישט געווען פאַר ביינישס כוחות דאָס צו באַענטפערן. ווי דורך אַ נעפּל האָט ער שוין געהערט דעם רבס ווײַטערדיקע שטראָף־רייד און ווי אַזוי ער דערמאָנט יאַקאָבן ווען ער האָט אים געגעבן דאָס כתב וועגן ענין פון גט...

ער האָט זיך ערשט אויפגעוועקט ווען יאַקאָב האָט מיט אַ דער־שלאָגענער שטימע דערציילט אַז ער האָט קיינעם נישט געוואָלט גע־גענאַרן. ער האָט דאָרט געזאָגט אַז ער איז אַ פּרעמיסלער... ער איז גרייט צו שווערן אַז מען האָט אים געגנוויט און בײַ אים אויסגעפּרעסט דעם גט... ער האָט אפילו אַן עדות דאָ וועגן דעם, אַז ער האָט דער־נאָך איבערגעשיקט אַ בריוו מיט אַ וואָרענונג...

ווי אַ פאַרמשפּטער האָט זיך בייניש נאָך אַדורכגעשלאָגן צום רבס טיש. ער האָט געפּילט די שאַרפע חוזק־בליקן איבער זיך און דאָך האָט ער זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע כוחות:

— גרויסער גאון... רבי... איך בין נאָר אַ שליח... רבי... וואָס ווייס איך?

דער גאון האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַק מיט כתבים פון זײַן האַנט,

זיי געלייענט מיט דערשראָקענער אײַלעניש. דערנאָך האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן צו זײַן סופר:

— מען מוז זיי תיכּף ומיד שרײַבן אַ בריוו... באיסור חמור דאַרף מען זיי וואָרענען! און שיקן דאַרף מען זיי דעם בריוו מיט אונדזערס אַ מענטש וואָס איז נישט קיין נוגע בדבר. עפּעס טרוי איך נישט זייערע שליחים. אויב זיי וועלן אַהיימקומען, זאָלן זיי איבערגעבן וואָס זיי האָבן דאָ געזען. איך זע אָבער, אַז מען דאַרף זיך דאָ אײַלן... שנעלער!

וואָס די אײַלעניש איז אַזוי גרויס געווען האָט בייניש נישט אָנגעהויבן צו וויסן. ער האָט אפילו נישט געוווסט, אויב ער זאָל צוריקנעמען די ליסער כּתבים. ער האָט אָבער געזען, אַז זיי וואַלגערן זיך אויפן טיש. איז ער צוגעגאַנגען און זיי אײַנגעוויקלט. קיינער האָט אים נישט געשטערט זיי צו נעמען און ער האָט זיי אַרײַנגעלייגט אין זײַן טאָרבע. ער האָט זיך פּלוצים דערשפּירט אַזוי איבעריק אויף דער וועלט ווי קיינמאָל נישט. וואָס נאָך האָט ער דאָ צו טאָן? אַ גרויסע בענקשאַפט האָט אים אָנגעכאַפּט צו דער שטאָט ליסע, וווּ ער פאַרשטייט אַלעמען און אַלע פאַרשטייען אים; ער קען דאָרט רעדן ווי אַזוי ער וויל און קיינער וועט אים פאַר קיין משוגענעם נישט האַלטן. דאָ אָבער רעדט מען מיט אַן אַנדער לשון און וווּ ער שטעלט אַ טריט, דאָרט שטרויכלט ער. דערפאַר איז ער אַזוי צופרידן געווען, ווען לייזער איז נעבן אים אויסגעוואַקסן און אַ צי געטאָן:

— וואָס שטייסטו? לאָמיר הולכן... דער פּרעמיסלער קען פאַרברענען אַ וועלט מיטן בליק... אַזאַ גאון — און דו האָסט אים דערצערנט!

בייניש האָט זיך געפילט שולדיק און הילפלאָז. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, פאַרוואָס מען לאָזט זיי אַרויסגיין פרײַ. דערנאָך איז ער נאָכגעגאַנגען לייזערן ווי אַ בלינד קינד, וואָס האָט געפונען איין און אײנציקן מענטש וועלכער וויל אים אַרומפירן. די לופט אין דרויסן איז געווען פריש און מחיהדיק. בייניש איז געקומען צו זיך, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ דעם גאַנצן ענין נישט דערטראַכט ביז צום סוף. לייזער איז סוף כּל סוף געווען גערעכט: מען דאַרף אַנטלויפן פון דאַנעט! איין גאָט נאָר האָט געקענט וויסן, פאַרוואָס לייזער האָט געוואָלט גיין אויפן

וועג קיין ריישע. נאָר בייניש האָט זיך אים נישט אַנטקעגנגעשטעלט. זאָל זײַן ריישע! אַבי וואָס ווײַטער... ער האָט אפילו נישט געקענט טראַכטן וואָס מיט יאַקאָבן וועט געשען. די שטאָט־מנהיגים וועלן אים שוין דאָרט זיכער היטן און קיינער וועט אים מער נישט זען, ביז ער וועט אָפּקומען זײַן שטראָף. בייניש האָט זײַנס געטאָן און מער דאַרף ער גאָרנישט וויסן.

אַז ער האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע קללה פאַר פרעמדע זינד האָט ערשט בייניש פאַרשטאַנען, ווען ער מיט לייזערן זענען געקומען נאָנט פון ריישע. לייזער איז נאָר צוגעגאַנגען אין אַ געוועלבל קויפן אַ לחם און בייניש האָט אויף אים רויק געוואַרט. אָבער איידער ער האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן איז אויף אים אָנגעגאַנגען אַ הויכער מאַן מיט צעפליקטע קליידער און מיט ווילד־אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. בײַ ביינישן האָבן זיך די קני גענומען טרייסלען פאַר שרעק: ס'איז געווען יאַקאָב... אָבער אין וואָס פאַר אַ הולך! מיט וואָס פאַר אַ מראה! אַ טויטער אין קבר קען אַזוי נישט אויסזען. בייניש האָט געוואָלט שרײַען, פרעגן אים ווי אַזוי ער קומט אַהער, בעת ער דאַרף גאָר זײַן פאַרשלאָסן אין פרעמ־ מיסלע... ער האָט אויך געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַזוי ער האָט זיך אין אַזאַ קורצער צײַט געענדערט ביז צום נישט דערקענען. דאָס לשון איז אים אָבער אָפּגענומען געוואָרן.

יאַקאָב איז דערווײַל צוגעקומען אַלץ נענטער און ווען ער איז שוין געשטאַנען בײַ בייגישן האָט ער זיך שנעל אַדורכגעשלייכט. בייניש האָט אין זײַן צערודערונג בלויז אויפגעכאַפּט עטלעכע אָפּגעריבענע ווערטער, וואָס ער האָט אים אַרײַנגעטאָטעמט שוויסיק אין פּנים אַרײַן:

— וועסט זען מרימען... זאָג איר נאָכאַמאָל, וואָס איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט: אַן אייביקע עגונה! זעסט דאָך אַליין...

דערנאָך האָט ער שוין אָוועקגעאײַלט ווי געטראָגן פון שדים. ביי־ ניש האָט געוווסט, אַז אַלע טויערן האָבן זיך געשלאָסן פאַר אים און מער קען ער גאָרנישט טאָן. ער האָט אַפילו נישט קיין סיבה, פאַרוואָס ער זאָל נאָכלויפן יאַקאָבן און אים שלעפּן מיט זיך. ער האָט געמוזט דויערן גאָר ווייניק צײַט, ווײַל ווען לייזער איז צוריקגעקומען האָט ער זיך אויסגעפּײַנט פאַר בייגישן:

— דו װעסט? איך האָב דיך נישט געלאָזט לאַנג װאַרטן... סך הכל האָט עס געדױערט אַ פּאָר מינוט און שױן װעלן מיר קענען עפּעס איר־בערכאַפּן, װײַל די נשמה גײט מיר אױס פון הונגער...

ביניש האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז בלױז צוגעלאָפן צו לײזערן, אים אַרומגענומען און בײדע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אױף דער ערד. ערשט זיצנדיק האָט ביניש אַנגעלעגט זײַן קאָפּ אין לײזערס אַקסל און זיך מוראדיק אױסגעװײנט פאַר דער גאַנצער צײַט.

— 3 —

מיט אַזאַ עלנט, װי דער תפיסה־שומר פון ליסע איז געשטראָפט געװאָרן, זאָל גאָר דער גרעסטער שונא אפילו נישט געפּרוּװט װערן. ער האָט געװוּסט, אַז ער איז בײַ די קלאָרע געדאַנקען און דאָך האָט ער שיעור פאַרלױרן זײַן אײנציקן באַגלײטער אױפן װעג. װען ער האָט זיך גוט אױסגעװײנט און אָפּגעגעסן, האָט ער געװאָלט לײזערן אַרײַנ־ברענגען אין אַביסל נײַגעריקײט. ער האָט אים דערפאַר בלױז אַ זאָג געגעבן:

— יאַקאָב האָט זיך דאָ װידער באַװיזן... װען דו זאָלסט געװען הערן װאָס ער האָט געזאָגט... און חי אַזוי עס איז דאָס פון אים אַ תל געװאָרן!

לײזערן האָט גאָרנישט געאַרט צו הערן די נײַעס. ער האָט בלױז אַנגעקוקט בײנישן מיט פאַרװוּנדערונג:

— װאָס הײסט? י אַ ק אָ ב?

אין בײנישן האָט זיך שױן אױפגעװעקט דער אַלטער פאַרדראָס. ער האָט זיך בײַ אים אפילו אַדורכגעריסן דורך דער גאַנצער נידער־שלאָגנקײט:

— יאָ, טאַקע יאַקאָב! ער איז דאָ געװען און אױך דו האָסט אים געמוזט זען װײַל ער האָט זיך אָװעקגעלאָזט אױפן װעג צו רײשע...

לײזער האָט זיך אפילו נישט צוריקגעבײזערט. ער האָט נאָר אָנ־געקוקט בײנישן מיט אױגן פול מיט רחמנות און חשד:

— דו הערסט, ביניש? איך הױב שױן אָן צו גלױבן װאָס די פרע־

מיכלער ייִדן האָבן געזאָגט אויף דיר. זיי האַלטן אַז דו ביזט געירט פון שכל און דו זעסט זאַכן אין דײַן בלויזן דמיון... ווי אַזוי קומט אַהער יאַקאָב? אַז יענעם האָט מען געבונדן אין פּרעמיסלע און די שטאַרקסטע גיבורים היטן אים דאָרט... עס איז דאָך גאָרנישט צום פאַרשטיין!

בייניש האָט שוין מורא געהאַט צו ענטפערן. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט און ער האָט זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן פון גרויס צער. נסים זענען אים בלויז בײַגעשטאַנען וואָס דער לייזער איז מיט אים געווען אין וועג. ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו גיין און יענער האָט אים ממש געדאַרפט מיטשלעפּן מיט זיך. דערנאָך איז ער אין ריישע אַוועקגעפאַלן אויף אַ געלעגער און אַ לענגערע צײַט נישט געקענט אויפשטיין. ייִדן בני רחמנים האָבן געטאָן וואָס זייער כח האָט נאָר געגרייכט און אויך לייזער האָט פון אים נישט אָפּגעטרעטן. ער האָט דאָרט ווײַזט אויס געמסחרט, ווײַל ער איז טיילמאָל פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע טעג און דערנאָך צוריקגעקומען אַ צופרידענער. עס זענען געווען טעג, ווען בייניש האָט געמיינט אַז עס עקט זיך מיט אים, ער האָט דערפאַר געבעטן לייזערן צו רופן צוויי כשרע עדות און מען זאָל פאַרשרײַבן ווי אַזוי עס זעט מיט אים אויס. ער איז געגאַנגען ראַטעווען אַ פרעמדע אשה, טאָ זאָל כאָטש זײַן אייגענע פרוי נישט בלײַבן קיין עגונה. לייזער האָט אים צוליב געטאָן, אָבער דערבײַ אים גוט אויסגעלאַכט. ער איז גאָרנישט אַזוי קראַנק. זײַן דמיון איז בלויז צעשפּילט און צעהוליעט. דאָס איז נישט די איינציקע נאַרישקייט וואָס ער רעדט פון היץ. עס וועט זיך אָבער אויסהיילן און ער וועט זיך צוריק אומקערן אַ געזונטער צו זײַן ווײַב און קינד...

ווי אַלעמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער לייזער איז קליגער פאַר אים און במילא בלײַבט ער אַלעמאָל גערעכט. דאָס האָט בייניש געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון זײַן געלעגער. לייזער איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען און ער האָט דערווײַל אָנגעטראָפן אויף צוויי באַגלויבטע מענטשן פון פּרעמיסלע. זיי האָבן ביינישן דערציילט, אַז אין פּרעמיסלע האָט זיך געמאַכט גרויס נײַעס. דער גאון פון שטאָט איז שווער קראַנק געוואָרן און די רופאים האָבן זיך שוין מייאש

געוועזן פון אים. ער האָט אָבער אין מיטן זײַן קרענק נאָך געהייסן שרײַבן אין זײַן נאָמען אַ לאַנגן בריוו קיין ליסע, פול מיט פּלפּול און ראיות פון די פּוסקים, אַז יאַקאָב קאַפּהאַן האָט זיי אָפּגענאַרט מיטן געבן אַ גט מרימען. ער אַליין האָט דערבײַ עדות געזאָגט מיט אַלע מינים עדותן פון דער וועלט, אַז דער גט-געבער איז אַ באַקאַנטער ריק ופוחז, וואָס קינד און קייט קען אים אין פּרעמיסלע פאַר אַ לײַדאַק וואָס נאַרט אָפּ די לײַט.

די זעלבע צוויי מענטשן האָבן אויך דערציילט, אַז ווי נאָר די צוויי שליחים פון ליסע זענען אַוועק פון פּרעמיסלע, האָט מען דעם יאַקאָב קאַפּהאַן תּפוס געווען אויף אַ שטיק צײַט און מען האָט אים אפילו נישט געלאָזט זען די ליכטיקע שײַן פאַר די אויגן. ער האָט געשריגן און געבעטן רחמים, אָבער קהל האָט באַשלאָסן אַז ער דאַרף איין מאָל פאַר אַלעמאָל אָפּקומען זײַן קנס. די שטאַרקסטע מענער פון דער קהילה האָבן אים געהיטן, אַז ער זאָל חלילה נישט אַרויסגיין אויף אַ מינוט. דער אייגענער פאָטער זײַנער האָט זיך שוין דאָס מאָל נישט קעגנגעשטעלט דער שטראָף. די צוויי, וואָס האָבן דערציילט ביינישן די מעשה האָבן אים אַליין געזען אין תּפיסה מיט זייערע אייגענע אויגן. מען האָט אפילו געשמועסט, אַז דערנאָך וועט מען בײַ אים נעמען אַ תּקיעת־כּף מיט אַ שבועה, אַז ער זאָל מער קיינמאָל נישט טרײַבן קיין שפּאַסן כּל זמן ער וועט לעבן. נאָר אויב דאָס איז אַזוי געשען האָבן די צוויי עדות נישט געקענט וויסן, ווײַל זיי האָבן געמוזט גיין זייער וועג צוליב מסחר.

דערנאָך האָט אַ פאַרבײַגייער פון פּרעמיסלע דערציילט משונהדיקע זאַכן: קהל האָט דערנאָך באַפרײַט יאַקאָב קאַפּהאַן פון תּפיסה און מען האָט אים אפילו געוואָלט העלפן, אַז ער זאָל באַקומען אַ פּרנסה און נישט דאַרפן גיין איבער דער וועלט. עס האָט אויסגעזען אַז דאָס מאָל וועט ער זיך שוין האַלטן רויק. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז די שלעכטע קליפּה קען אים נישט צורו לאָזן. איינמאָל בײַנאַכט האָט ער מיטגענומען נאָך צוויי אַזעלכע קלים ווי ער און ער איז מיט זיי אַוועק צו זײַן אַמאָליק ווײַב רבקה אין הויז אַרײַן. זי האָט געוואָלט שרײַען, אָבער דער לץ האָט זי באַרויקט און געזאָגט אַז ער וויל נאָר מיט איר האָבן אַ געלאַסענעם שמועס. ער האָט איר דערבײַ דערציילט, אַז נישט ער האָט איר דאַן געגעבן אַ גט נאָר עפּעס אַ שד אָדער אַ לץ אין זײַן געשטאַלט. ער איז

גרייט צו שווערן בײַם הייליקסטן, אַז ער האָט איר קיינמאָל נישט דערלאַנגט קיין גט אין דער האַנט — און דערפאַר דאַרפן זיי אפילו נישט האָבן נאָכאַמאָל קיין חופה וקדושין. ער האָט אָנגעהויבן צוזאָגן, אַז ער וועט שוין זײַן שטיל אַבי זי זאָל אים שוין לאָזן בלײַבן נעכטיקן און זיי זאָלן ווידער ווערן מאַן און ווײַב אַזוי ווי אַמאָל...

היות ווי זי איז אַן אשה צנועה האָט זי זיך יעמערלעך צעשריגן. זײַנע רייד זענען דערבײַ געווען אַזוי חוצפּהדיק, אַז זײַנע אייגענע צוויי לײַט האָבן עס מער נישט געקענט פאַרטראָגן. אַלע האָבן גוט געדענקט ווי אַזוי ער האָט איר גט געגעבן און דאָ איז ער געקומען מאַכן אַ בראָך אין דער פרומקייט פון שטאָט. זיי אַליין האָבן געמיינט אַז דער יאַקאָב קומט שפּאָס טרײַבן אַביסל און אַוועקגיין. דערצו האָט ער זיך געקלאָגט, אַז אַלע זײַנע גוטע חפצים זענען געבליבן בײַ רבקהן אין די הענט — וויל ער זיי אָפּנעמען. וואָס אַן אמת האָט זי נישט געלייקנט דערין. זי אַליין האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט זיי בעתן גט נישט געפאָדערט און זי איז זיי גרייט געווען צו גיין אויסזוכן, בכדי זיי אים אָפּצוגעבן פאַר עדות. ער האָט אָבער נישט דאָס געמיינט. ווי נאָר זי איז אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן חדר, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דעם באַנקבעטל און אַראָפּגעוואָרפן זײַנע שיך פון די פיס.

ווען די צוויי קלים האָבן דערזען, אַז ער מיינט באמת צו בלײַבן נעכטיקן בײַ זײַן אַמאָליקן ווײַב אין שטוב, האָבן זיי זיך אויף אים געוואָרפן און געבונדן זײַן לײַב מיט שטריק. דערנאָך האָבן זיי אים גענומען אויף די אַקסל און צוריק אַוועקגעטראָגן אין דער תפיסה אַרײַן. דער רב איז נאָך אַלץ געווען קראַנק און שוואַך, האָט מען קיין משפט איבער אים נישט געקענט מאַכן. די גאַנצע שטאָט האָט אָבער אײַנגעזען, אַז מיט דעם קאָפּהאָן וועט עס ווײַטער נישט זײַן אויסצוהאַלטן. ווען דער עדות איז אַוועק פון פּרעמיסלע איז נאָך קאָפּהאָן געזעסן אין תפיסה. ס'איז שוין אָבער נישט געווען דער זעלבער. זײַן פּנים איז מאָגער געוואָרן און די באָרד איז געוואָרן צעשויבערט און פאַרקנוילט. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין שווערן מיט אַזעלכע שבועות, וואָס מען האָט געקענט גלויבן אַ משומד, אַז ער מעג וווינען מיט זײַן רבקהן אָן אַ חופּה. עס האָבן זיך אפילו געפינען רחמנותדיקע לײַט, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן

אַ פשרה: היות ווי ער וויל זי ווײַטער פאַר אַ ווײַב, זאָל מען נאָכאַמאָל מאַכן אַ חתונה און יוצא זײַן לכל הדעות. אָבער ווען רבקה האָט דער־הערט פון אַזעלכע עצות האָט זי זיך צעשריגן און מיט כעס אַרויסגע־טריבן די עצה־געבערס.

פון דאַמאָלסט אָן האָט יאַקאָב פאַרלוירן זײַן מראה. ער האַלט זיך אין איין בעטן מען זאָל אים כאַטש אַרויסלאָזן פון שטײַג און ער וועט גיין איבער דער וועלט... און נאָך האָט ער געזאָגט: ער מוז עפּעס רעדן בסוד מיטן רב און דערנאָך וועט מען אים זיכער לאָזן גיין ערגעץ ווײַט, פון וואַנעט ער וועט ברענגען אַ זיכער כתב, אַז רבקה טאָר דער־ווײַל נישט חתונה האָבן. ער מוז בלויז געפינען עפּעס אַ ייד, וואָס וואַנ־דערט איבער דער מדינה. קיינער וויל אים אָבער נישט הערן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דאָס וויל ער באַנײַען אין פּרעמיסלע די אַלטע קונצן וואָס ער האָט געטריבן אין ליסע. וואָס שײַך זײַן באַגער צו רעדן מיטן רב ביחידות, איז עס אויך געוואָרן אוממגלעך. דער גאון ליגט נאָך אַלץ אין זײַן שווערער קראַנקייט און עס וועט נאָך אַוועק אַ לאַנגע צײַט ביז מען וועט קענען מיט אים רעדן וועגן וויכטיקע זאַכן.

איז דערווײַל נישטאָ דער חכם אין גאַנץ פּרעמיסלע, וואָס זאָל וויסן דעם סוף פון דעם קאַפּהאַן. סוף כל סוף וועט מען דאָך אים נישט קענען האַלטן לאַנג אין דער תפיסה. אָבער דערויף זענען שוין פאַראַן קלוגע קעפּ, טאָ זאָלן זיי טראַכטן... נאָר ווער עס גייט פאַרבײַ און זעט אים אַרויסקוקן דורכן פענצטערל, מוז אַוועקדרייען דעם קאָפּ פון צער:

— גיי ווייס, וואָס אפילו פון אַזאַ פריילעכן פויגל קען ווערן.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

— 1 —

משמעות אַז בייניש איז געשלאָגן געוואָרן אויפן מח. ער אַליין האָט עס געמוזט אײַנזען, וואָס לענגער ער האָט געוואַנדערט מיט לייזערן. אומעטום האָט מען זיך אַנדערציילט פון קאַפּהאַנס טרויער און פון זײַן זיצן עלנט אין דער פּרעמיסלער פאַרשלאָסנקייט. אויף אַ חתונה אין

וועג, ווו ביניש מיט לייזערן זענען געווען, האָט אפילו אַ בדחן געזינגען אַ זמר מיט ווערטער, וועגן דעם גרויסן לץ פון פּרעמיסלע וואָס האָט באַקומען זײַן פּסק. דערבײַ האָט ער געצויגן אַ לאַנגן מוסר השכל מיט אַ ניגון, אַז „מען טאָר קיינעם נישט גענאַרן, ווײַל דערמיט מאַכט מען זיך אַליין געפּאַרן" — און נאָך אַזעלכע גראַמען, מיט וועלכע בדחנים האָבן ליב צו שיטן אויף חתונות, בכדי די געסט זאָלן זיי מחנה זײַן מיט אַ גוט אויג.

ביניש איז דערפון אַזוי צערודערט געוואָרן, אַז ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן זײַנע אייגענע אויערן און אויגן. יעדעס מאָל ווען ער האָט עפּעס געהערט, האָט ער געבעטן לייזערן, אַז ער זאָל עס נאָכאַמאָל איבערהערן און איבערזען. ער האָט אַלץ געציטערט, טאָמער נאַרט ער זיך אַליין אָפּ. זינט ער האָט געזען יאַקאָבן און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער זיצט גאָר אין פּרעמיסלע, האָט ער זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן עובר ובטל. פון געוויינשאַפט־וועגן האָט ער בלויז פאַרצייכנט אַלע געהערטע מעשהס און געבעטן די דערציילער, אַז זיי זאָלן זיך חתמענען אויף די כתבים.

זײַן נישט־גלויבן אין זיך אַליין איז דערגאַנגען גאָר ווײַט. עטלעכע מאָל האָט ער געזען גאַנצע כאַליאַסטרעס מיט בעטלער גיין אויפן וועג און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן פון דער ווײַטנס, אַז איינער פון זיי איז יאַקאָב. אָבער אַלע מאָל ווען ער האָט אים דערזען האָט ער אַ ציטער געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט שוין געוווּסט, אַז אויב ער וויל בשלום אָנקומען אַהיים צו זײַן ווײַב און קינדער מוז ער זײַן טויב און שטום. אין ליסע קען ער זײַן דער זעלבער ביניש, אָבער אין וועג משמעות איז בעסער צו זײַן אַ לייזער, וואָס נעמט אַלץ מיט געזונטע חושים. ער האָט דערפאַר יענעם כסדר געקוקט אין מויל אַרײַן. אין זײַן האַרץ האָט ער בלויז געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אים וואָס פריער ברענגען אַהיים. די ליסער ייִדן ווייסן דען, וואָס עס איז אַזוינס אַ היימיש אָרט? זיי וואָלטן געדאַרפט אַביסל גיין איבער דער וועלט, וואָלטן זיי געווּסט דעם טעם.

ער האָט אפילו אַ נדר געטאָן בײַ זיך אין האַרץ מער זיך נישט צו מישן אין אַזעלכע ענינים וואָס זענען ווײַטער פון זײַן שטאַנד און

פאַרשטאַנד. ווי נאָר ער וועט אַהיימקומען, וועט ער אַוועק צום בית־דין און איבערגעבן וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען. זאָלן זיי דאָרט טאָן דערנאָך וואָס זיי וועלן פאַרשטיין. ער וועט זיך שוין מער נישט מישן... ער וויל צוריק צו זײַן תפיסה און צו זײַן בדחנות־שפּילן. מער וויל ער נישט. פון הײַנט אָן וועט ער אפילו מער נישט וועלן הערן, וואָס אַפּגעריסענע לײַט וועלן אים קומען און דערציילן. וואָס דאַרף ער די צרות?

ער האָט זיך אפילו געוואָלט וועגן דעם פאַרטרויען אין לייזערן, אָבער יענער האָט ראַפּטום באַקומען שרעק אין די אויגן און אים נישט געוואָלט אויסהערן. צום וויפלטן מאָל האָט ער זיך געפרעגט הויך אויפן קול, וואָס אַזוינס מען דאַרף זאָגן אין ליסע און בייניש האָט אים געהאָלפן טראַכטן:

— מען זאָגט דעם אמת און פאַרטיק...

עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז לייזער האָט אַן אַנדער אמת וואָס בייניש איז גאָרנישט בכח משיג צו זײַן. איינמאָל האָט זיך אפילו לייזער אַנגעבייזערט אויף אים:

— דו ווייסט דען וועלכן רוח עס קען נאָך אַנטראָגן?

מער האָט ער נישט געזאָגט און בייניש האָט מער נישט געפרעגט. אַז רוחות שוועבן אַרום איבער זיי דעם גאַנצן וועג, איז פאַר ביינישן קיין שום ספק נישט געווען. ער האָט דערפאַר בלויז נאָכאַמאָל אַ קוק געגעבן אויף לייזערן און דערנאָך געזוכט מיט די אויגן אין דער בלויזער לופט.

— 2 —

וואָס נענטער זיי זענען געקומען קיין ליסע אַלץ באַרויקטער איז בייניש געוואָרן. די בלויזע לופט פון די נאָענטע שטעטלעך האָבן אים צוריקגעגעבן זײַן זיכערקייט פון אַמאָל. ער האָט זיך טאַקע אַביסל געשראָקן פאַר קהל, אָבער זײַן טרייסט איז געווען דאָס וואָס דער שליח פון פּרעמיסלע איז דאָרט זיכער שוין געוועזן און פאַר אים צוגעגרייט דעם וועג. דערפאַר אָבער וואַרט אויף אים דאָס ווײַב און דאָס בעט. די קינדער וועלן זיך מיט אים אַרומכאַפּן און ער וועט זיך אויסציען

מיט דער גאַנצער גדולה אויפֿן געלעגער, אַז אַ קייסער וועט זיך צו אים נישט גלײַכן.

דערפֿאַר איז אָבער לייזערן באַפֿאַלן אַן אומרו. בייניש האָט אַליין נישט געקענט פֿאַרשטיין, צוליב וואָס ער שטעלט זיך אָפּ מיט יעדן מדינה־גייער און וואָס אַזעלכעס ער פֿרעגט אים אויס. זעט אויס, אַז ער וואַרט דאָ אויף עמעצן וואָס בייניש קען אים נישט. ער האָט זיך אָבער אויסגעלערנט אָפּשווײַגן וועגן לייזערס עסקים. אָט באַלד וועלן זיי זיך צעטיילן און סײַווי נישט האָבן קיין מגע־ומשא צווישן זיך. מעג עס געשען עטלעכע טעג פֿריער. ווען זיי זענען אָבער געקומען נענטער צו דער שטאָט, נישט ווײַט פֿון פֿינער בערגל, איז לייזער דאָרט אַרויפֿגע־קראָכן און לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין דער ווײַטקייט. וואָס ער וויל דאָרט זען האָט אים בייניש נישט געוואָלט פֿרעגן. ער האָט אָבער גע־הערט, ווי אַזוי לייזער טוט אַ הויכן געשריי און קוילערט זיך אַראָפּ ווי פֿאַרחלשט פֿון דער הויך. בייניש איז צו אים צוגעלאָפֿן, געוואָלט אים אויספֿרעגן וואָס ער האָט דאָרט געזען, אָבער לייזער האָט זיך נישט געלאָזט אָנרירן.

איידער בייניש האָט באַוויזן זיך אַ ריר צו טאָן האָט לייזער גענו־מען לויפֿן מיטן גאַנצן כּח און בייניש האָט אים נאָך געמוזט נאָכלויפֿן. דער שטויב האָט זיי ביידע אײַנגעהילט און בייניש האָט נישט געקענט וויסן, אויב דאָס שרײַט לייזער אָדער ער הערט דאָס קול פֿון אַ שד:

— ער האָט געזאָגט... יאַקאָב! יאַקאָב!!

אין ביינישן האָט זיך ווידער אויפֿגעוועקט דאָס אַלטע האַרץ־קלע־מעניש. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ רייד? זאָל לייזער דאָס האָבן געזאָגט? ווו זעט ער דען יאַקאָבן? האָט ער דען אַליין נישט געחוזקט, ווען ביי־ניש האָט אים געזאָגט אַז ער האָט אים געזען בײַ ריישע? עס איז אָבער מער נישט געווען מיט וועמען צו טענהן. ער האָט בלויז געמוזט נאָכלויפֿן און שלינגען לייזערס משונהדיקע געשרייען. אַזוי שנעל לויפֿן ווי לייזער, האָט ער נישט געקענט, דערפֿאַר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוואָרט, ביז דער אָנגערויכערטער שטויב פֿון וועג וועט אים נישט בריען די אויגן. לייזער איז דערווײַל נעלם געוואָרן און בייניש האָט

אים מער נישט געקענט אַרויסזען. ערשט ווען ער איז געקומען נענטער צו ליסע האָט ער געגומען לויפן מיטן זעלבן משוגעת וואָס לייזער.

פון דער זײַט, ווו פריער איז געשטאַנען ליסע, האָבן זיך געצויגן גרויע, פאַרשמוציקטע רויכן. אַ דיקער, שווערער ריח פון פאַרברענטע שמאַטעס און געהילצן האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און נישט גע־לאָזט צוקומען נענטער. עטלעכע פאַרקאָפּטשעטע ערלים האָבן זיך פון דאָרט געצויגן מיט פורלעך, אויף וועלכע עס זענען געלעגן פאַרברענטע קלעצער און צעריסענע אײַנשיטן. זיי האָבן זיך געצויגן פון דאָרט און נאָך זיי זענען געקומען אַנדערע, אויף וועלכע עס זענען געזעסן און געציטערט פאַרסמאַליעטע קינדער. מען האָט גאָרנישט געקענט דערקע־נען, אויב זיי זענען יידישע אָדער נישט.

פון דעם שטיקנדיקן רויך אַרויס האָט בייניש דערקענט לייזערן. ער איז געשטאַנען ווילד פון רציחה און שולדיקן צער און אַלעמאָל אײַנגעהאַלטן אַן אַנדער ערל:

— וואָס איז דאָרט געשען? זאָגט...

די ערלים האָבן בלויז טעמפּ געפינטלט מיט די אויגן און פויל אַרויסגעקרעכצט:

— פאַרברענט געוואָרן... דאָס גאַנצע שטעטל...

בייניש האָט מער נישט געוואָלט הערן וואָס זיי דערציילן און וואָס לייזער זאָגט דערויף. ער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שמוציקן נעפּל אַרײַן און געזוכט מיט בלינדע אויגן דעם וועג צו זײַן שטוב. ער האָט אָבער גאָרנישט געקענט דערקענען. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געשטרעקט אָפּגע־שוואַרצטע זיילן, אונטער וועלכע עס האָבן זיך נאָך געצאַפּלט רויטע פײַערלעך. אויף איין אָרט האָט אים דער שכל אונטערגעזאָגט, אַז דאָ איז געווען דעם רבס שטוב. נישט ווײַט האָט געדאַרפט זײַן די קהלישע תפיסה. ער האָט אָבער דאָרט בלויז אָנגעטראָפן אַ צעברענטן רעשט פון אַן אויוון. האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו מרימס קראָם, וואָס איז נישט ווײַט פון ר׳ לייבס שיינעם הויז. אָבער דאָרט איז שוין מער גאָרנישט געווען צו זען. פון דער גאַנצער שטאָט איז מער נישט גע־בליבן ווי אַ גרויסע קופּע בלאָטע און אַ הויפן אָפּגעברענטע שמות. בלויז אויף געציילטע ערטער האָבן זיך נאָך געריסן פון אונטער דער ערד

לאַנגע זײַלן פֿײַער, גלײַך ווי זי וואָלטן נאָך געזוכט דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צו פֿאַרברענען. דער געשטאַנק פֿון אַרום האָט זיך אָפּגעזעצט אויף די געהירן. דערפֿאַר אפֿשר האָט בייניש גאָר גע־טראַכט דערפֿון, וואָס ער האָט געמאַכט אַזאַ ווײַטן וועג און צום סוף האָט ער גאָרנישט וועמען אָפּצוגעבן קיין חשבון.

— 3 —

איבער די אָפּגעברענטע פּלעצער האָבן זיך געשאַרט נאַקעטע קינ־דערלעך, וואָס האָבן מיט די פֿינגערלעך עפּעס געזוכט אין אַשיקן שטויב. בייניש האָט נישט געוווּסט, אויב דאָס זענען יִדישע אָדער ערלישע. ער האָט איינס פֿון זיי עפּעס געפֿרעגט און דאָס האָט אים אָפּגעשטויסן מיט אַ גוייש וואָרט, וואָס בייניש האָט נישט פֿאַרשטאַנען. מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין זײַן בני־בית און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן איבער די רויכערדיקע בערגלעך מיט מיסט. קיין וועג וווהין צו גיין האָט ער דאָ סײַווי נישט געוווּסט. ער האָט בלויז געוואָלט אַרויס וואָס פֿריער פֿון דעם פֿײַערדיקן געשטאַנק.

דער זכרון פֿון די פֿריערדיקע טעג האָט אים אָבער נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט, גלײַך ווי ער וואָלט פֿון אים געפֿאָדערט, אַז ער זאָל פֿאַרבינדן דעם גאַנצן גאַנג מיט דעם איצטיקן חורבן. עפּעס האָט ער זיך ווידער אויפֿגערודערט: וואָס האָט דאָס לייזער געשריגן וועגן יאַקאָבן? ווי קומט יאַקאָב צו דער שריפֿה? ער האָט נאָך קיינעם פֿון די היימישע נישט געזען און דאָ גאָר האָט אים זײַן דמיון צוריקגעבראַנגט דאָס פּרעמיסלער בית־דין־שטיבל, דעם פּרעמיסלער גאונס צאַרנדיקע ברע־מען... דאָס איז פֿאַר אים אַזוי קלאָר אַרויסגעקומען, אַז ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ רגע, אײַנעסן זיך מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אין דעם דמיונדיקן בילד און עס דערזען נאָך אַמאָל מיטן גאַנצן אומ־דערקענטן פּחד פֿון פֿריער. ר׳ יחיאל מיכל האָט זיך ווידער געוויגט, דאָס מאָל איבער די ליסער חורבות, זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די כּתבֿים און ווידער אַמאָל שטרענג באַפֿוילן דעם סופֿר:

— שרייב שנעלער דעם בריוו קיין ליסע... אײַל! אויף זייערע שליחים קען מען זיך נישט פאַרלאָזן...

ביינישן איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מסתמא איז ער אומגעפאַלן, ווײַל זײַן פאַרחלשטע האַנט האָט זיך געוואָרעמט אין זודיקער בלאָטע. בלויז אין מח איז בײַ אים אויפגעגאַנגען עפּעס ליכטיקס און פּחדימדיקס. ער האָט דערנאָך אַליין נישט געוווּסט אויב ער אַליין האָט געשריגן, אָדער אַ בת קול האָט עס אויסגעשריגן פון ליסע ביז פּרעמיסלע:

— גאָטס שטראָף!

— 4 —

שפּעטער האָט שוין ביינישן אויך נישט געוווּסט, אויב ער זאָל זיך פילן זינדיק אָדער געלייטזעליקט. מיט די לעצטע כוחות און מיט געבראָכענע פיס פון ווײַטן וועג האָט ער זיך צוגעשאַרט צו אַ מחנה פאַרשרפעטע פּנימער, וואָס זענען געלעגן אויף אַ הויפן לאַכעס. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט בײַ זייערע פיס און אויסגעהערט זייער צעצויגענעם יאָמער. זיי זענען געווען פון די געציילטע וואָס זענען בײַנאַכט נישט אַנטלאָפן אין די אַרומיקע שטעטלעך. קיינער פון זיי האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז אַ סברא, אַז בײַ מרימס טאַטן האָט מען פאַרגעסן אויסצולעשן אַ ברענענדיקן ליכט אין דער קאַמער, ווײַל פון דאָרט האָט זיך אַוועקגעצויגן די מוראדיקע שריפה. דערנאָך איז זי שוין געטריבן געוואָרן פון ווינטן און פון די הימלען איבער אַלע באַוווינטע הײַזער פון שטעטל. ס׳איז געווען נאָך חצות און מען האָט ערשט גאָר שפּעט דערזען, ווי אַזוי דאָס פײַער האָט אַרומגענומען דאָס שטעטל פון אַלע זײַטן.

בלויז די ערלים, אַ גיהנום זיי אין די מײַלער, האָבן דערציילט גאָר עפּעס אַנדערש. זיי האָבן, זאָגן זיי, געזען בײַנאַכט אַ ייִד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ פאַרוואַקסענער באָרד. ער האָט זיך געטראָגן קיין ליסע אַזוי ווי אויף שדישע פליגל און עס איז געווען אַ מורא אויף אים צו קוקן. אַזוי זעט גאָר קיין לעבעדיקער נישט אויס.

צום ערשט האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאַרשפּעטיקטער ייִד פון ליסע און זיי האָבן פון אים געוואָלט שפּאָס טרײַבן. וואָס האָט ער אַזוי צו לויפן שפּעט בײַנאַכט? זיי ווייסן אָבער נישט, פאַרוואָס זיי האָבן באַלד דערזעען, אַז דאָס מוז זײַן דער טײַוול. ער איז אויסגעוואַקסן צווישן דיביימער גאַר הויך און אין זײַן האַנט האָט געגלאַנצט אַזאַ גרויסע האַק, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען. ער איז געגאַנגען און פון זײַנע צוויי פּאָלעס האָבן זיך געצויגן צוויי פײַעריקע שנירלעך. האָבן זיי געמוזט אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן. עס איז אָבער בײַ זיי קיין ספק נישט געווען, אַז באַלד וועט געשען אַן אומגליק. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, ביז פון דער שטאָט האָבן געקומען זעצן לאַנגע קנוילן רויך און פלאַמען. ווען עס איז געוואָרן גוט ליכטיק פון דעם פײַער האָבן זיי ווידער געזען דאָס זעלבע שוואַרצע געשטאַלט אַוועקרײַטן אויף אַ וואָלקן רויך אין וואַלד אַרײַן. קיינער פון זיי האָט אָבער נישט געוואָלט אײַנשטעלן דאָס לעבן און נאָכקוקן וווהין ער ווערט פאַרשוווּנדן.

(סוף)

עפּילאָג

צען יאָר נאָך דער גרויסער שריפה אין ליסע, איז שוין אַ טייל פון דער שטאָטישער קהילה ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן. אַ גרויסע צאָל פון די חשובע בעלי בתים, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער מדינה, זענען ווידער צוריקגעקומען און אָנגעהויבן צו בויען הײַזער און קראָמען. דער אַלטער אב בית דין און גאון פון ליסע, ר׳ פּײַוויש האָט זיך געקריגט מיט די בעלי בתים און מער נישט געקענט צוריקקומען. אויך די אַלטע דיינים האָבן זיך באַזעצט אין פאַרשידענע קהילות און מער נישט געוואָלט זיך אומקערן צום אָרט ווו עס האָט זיך אָראָפּגע־לאָזט אַזוי פיל אומגליק.

נאָר די באַנ״טע קהילה האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט און זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז פון אַזאַ הייליקער קהילה זאָל בלײַבן אַ חורבה, אַזוי ווי נאָך סדום ועמורה חלילה וחס. דערפאַר האָבן טייל פון זיי אָנגעגורטלט די לענדן און זיי זענען אַרויסגעפאָרן איבער דער מדינה, בכדי אויסצוזוכן אַ פּאַסיקן רב און ראש ישיבה, ווי אויך די פּאַסיקע דיינים. דאָס איז זיי אויך געלונגען. אין ליסע איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בית דין, מען האָט אויפגעבויט אַ בית המדרש און בחורים האָבן זיך געזעצט לערנען ווי אין די אַמאָליקע צײַטן. די ערשטע צײַטן האָט עס בלויז אויסגעזען אַזוי ווי עס וואָלטן שוין אָפּגעלאָפן גאַנצע דורות זינט דער שריפה, אַזוי שטאַרק האָט זיך געביטן דאָס פּנים פון דער קהילה.

נאָר איבער די ברייטן פון לאַנד אין שוין דערנאָך אַרויס דאָס קול, אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אין ליסע און ער האָט איר צוריק־געגעבן איר גלאַנץ פון אַמאָליקע צײַטן. האָבן זיך אַ טייל פון די אַלטע בעלי בתים אויך פאַרבענקט און זיך ביסלעכווײַז גענומען אומקערן צו

זייער אַלטער נעסט. עס האָבן זיך ווידער באַוויזן נגידים און אָרעמע־לײַט, לומדים און בעלי מלאכות און די אָרומיקע דערפער זענען צוריק באַזעצט געוואָרן מיט ייִדישע קרעטשמערס. ליסע האָט צוריק אָנגעהויבן צו באַקומען דאָס אַלטע פּנים. בלויז די שנאָרער האָבן זיך איצט גאָר זעלטן באַוויזן אין די ליסער טויערן, מחמת זיי האָבן אויף זייערע וועגן אָנגעטראָפן אַ סך ליסער נגידים, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט די הענט אַזוי ווי געוויינטלעכע אורחי ופּרחי.

אויך די עגונה מרים מיט איר טאַטן האָבן זיך צווישן די ערשטע אומגעקערט קיין ליסע. דעם אַלטן ר׳ לייב איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. זײַן גוף איז געווען אײַנגעבויגן און זײַנע האָר זענען געוואָרן אויסגעקראָכן. מען האָט געשמועסט, אַז ער איז לאַנגע יאָרן אַרומגעגאַנגען איבער שטעט און אויסגעשטרעקט די האַנט. די צווייטע אשה, וואָס ער האָט גענומען, איז אויסגעגאַנגען אין גאָר אַ ווײַטער קהילה און ר׳ לייב האָט אפילו נישט געהאַט די פּאָר זהובים בכדי צו שטעלן אַ מצבה. די עלטער איז אויף אים אַרויפגעשפּרונגען ווי אַ חיה אין לויער און פון אים געמאַכט אַ שברי־כלי. די מרים אַליין איז אויך גאָר אַנדערש געוואָרן. דאָס זיצן אין אַ פרעמדער שטאָט אָן אַ פּרוטה האָט בײַ איר אויסגעצויגן די גאַנצע גאווה. אירע האָר זענען גרוי געוואָרן און דאָס פּנים איז געוואָרן גאָר בלייך. נאָר די שיינקייט איז פון איר פּאַרט נישט אַנטלאָפן. זי איז בלויז לײַכט געוואָרן אויף טרערן און די שיינע אויגן זענען בײַ איר דערפּאַר רויט געוואָרן.

טאָקע ר׳ לייב איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז ליסע זאָל צוריק האָבן אַ בית דין ווי אַלע אַנדערע קהילות. זײַן אייניציקע טרייסט איז איצט געווען זײַן מרים און ער האָט געהאָפט, אַז אַ נײַער בית דין וועט זי פּאַרט ראַטעווען פון איר אַליינקייט. די נײַ־אויפגענומענע דיינים האָבן אים אויך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. ווי נאָר זיי זענען זיך צונויפגעקומען דאָס ערשטע מאָל, האָבן זיי געלאָזט אויסרופן, אַז ווער עס ווייסט עפּעס וועגן מרימען און איר מאַן יאַקאָב — זאָל קומען און עדות זאָגן. פון די אַלטע ליסער האָט זיך אָפּגעפונען בייניש שומר, לייב יערטשיוועד, הערש שדכן, לייב חזן און נאָך אַנדערע וואָס האָבן גוט געדענקט יענע צײַטן. דרײַ סופרים

זענען לאַנגע חדשים געזעסן גרייט און פאַרשריבן מיט געכתיבהטע אותיות דאָס אַלץ וואָס די עדות האָבן געהאַט צו דערציילן.

מרים איז גאָר נישט אָפּגעטרעטן פון דער קהל־שטוב, נאָר גע־האַלטן אין איין אויסהערן וואָס די מענטשן דערציילן פאַר די רבנים. זי האָט דערבײַ אַזוי שטאַרק געיאָמערט, אַז דאָס גאַנצע בית דין האָט מיטגעוויינט. זי איז שוין אַלט געווען זיבן און דרײַסיק יאָר און דער־פאַר האָט זי בלויז געקענט טראַכטן פון אַ אַלטן מאַן, אויב אפילו די דיינים זאָלן פאַר איר קענען געפינען אַ רפואה. ווי שטאַרק דאָס נײַע ליסער בית דין האָט נישט מיטגעפילט דעם צער פון דער אשה, האָבן זיי אָבער אַלצדינג געמוזט אָנהייבן פון אָנהייב.

אַלע כתבים פון אַמאָל זענען פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן שטעטל און עס איז שווער געווען אויסצוזוכן די אַמאָליקע דיינים, וואָס האָבן גיכער געוווסט וואָס דאָ איז פאַראַן צו טאָן. דער אַמאָליקער רב, ר׳ פײַוויש אַליין, איז נפטר געוואָרן אַ ברוגזער אין דער פרעמד און קיינער האָט נישט געקענט וויסן אויב ער האָט איבערגעלאָזט אַ פסק דין איבער מרימס גורל. דאָס געוויין פון מרימען און דאָס געבעט פון איר פאָטער האָט אָבער נישט געלאָזט רוען די דיינים.

דער מזל פון מרימען איז אָבער שוין איינמאָל האַרב געווען! עס זעט אויס, אַז נאָך ר׳ פײַוויש אַליין האָט זיך געהאַט געווענדעט צו זײַן מחותן, דעם פּראָגער רב וועגן מרימס ענין. דער גאון האָט אין זײַן צײַט אַרויסגעטראָגן אַ פסק דין, וועלכן ער האָט דערנאָך אָפּגעדרוקט אין זײַן ספר „נודע ביהודה". דאָס ספר איז זייער שנעל באַרימט גע־וואָרן און די גרעסטע רבנים האָבן זיך מיט אים גערעכנט. אין דער צײַט וואָס די ליסער דיינים זענען זיך צונויפגעקומען, איז שוין מרים געווען בײַ אַלעמען אין די מײַלער, ווײַל ר׳ יחזקאל לאַנדוי האָט זי מפרסם געמאַכט און זי אַליין איז שוין געוואָרן אַ שטיק הלכה פון אַ ספר. אָבער איר באַרימטקייט האָט איר נישט געקענט באַקומען, ווײַל דער גאון האָט דאָרט געפסקנט אַז סײַ זי און סײַ רבקה פון פּרעמיסלע טאָרן ביידע מער נישט חתונה האָבן. צוליב דעם האָבן זיך אַ סך באַ־רימטע חכמים און לומדים אָפּגעהאַלטן צו געבן הילף מרימען, ווײַל ווער וויל דאָס גיין קעגן אַזאַ לייב אין תורה?

די ליסער דיינים האָבן עס געוווסט און זייער האַרץ האָט זיך גע־שראָקן. עס איז נישט לײַכט אַרויסצוגיין אין דער מלחמה קעגן אַזאַ גרויסן פּוסק, וואָס לעבט נאָך און קען זיי כלאחר יד אָפּפרעגן מיט זײַן שאַרפן מח. אָבער די מצווה פון ראַטעווען אַ ייִדיש נפש האָט בײַ זיי איבערגעוואויגן אַלע שרעקן און זיי האָבן באַשלאָסן אײַנצושטעלן. דערצו זענען זיי ווײַטער געווען אין דער מיינונג, אַז זי איז אַן אומ־זיסטער קרבן און זי מעג חתונה האָבן. דערפאַר האָבן זיי אויפגעזאַ־מלט אַזוי פיל עדותן, ביז מען האָט זיי געמוזט פאַרשרײַבן אויף גאַנצע צוויי און צוואַנציק מגילות. מיט אַזוי פיל עדות־זאָגערײַען, תורה־געדאַנקען און מיטן זכות פון ראַטעווען אַ ייִדיש נפש פון אומגליק האָבן זיי באַשלאָסן אַנצוהויבן די לעצטע שלאַכט פאַרן באַפרײַען די עגונה מרים פון איר ענגשאַפט.

— 2 —

די ליסער דיינים האָבן געוווסט, אַז זייער וואָרט אַליין קען נישט וועגן אַזוי פיל קעגן די גרויסע גאונים וואָס האָבן אַנדערש געפּסקנט. דערצו זענען זיי אַליין נישט געווען זיכער, אויב זיי פּסקענען לויטן אמתן דין. דערפאַר האָבן זיי זיך דערטראַכט, אַז מען דאַרף אויף פון דעם צד האָבן אַ גרויסן גאון. דאָ האָט זיי בלויז געקענט העלפן אַן אייגענער בן־עיר פון אַמאָליקע צײַטן. דער גאון ר׳ מאיר פּויזנער, וואָס האָט מחבר געווען דעם „בית מאיר" אויף אַלע חלקים פון שולחן ערוך איז געווען אַ שטיק ליסער. בערך פערציק יאָר האָט ער געגעסן קעסט בײַ זײַן שווער אין ליסע און די גאַנצע צײַט איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה אין ליסער בית המדרש. לכן איז נישט מער ווי אַ יושר, אַז ער זאָל זיך אַרײַנמישן אין מרימס ענין, וואָס איז שוין געוואָרן דער ענין פון דער גאַנצער ליסער קהילה.

זיי האָבן דערפאַר געלאָזט אויספאַרטיקן פאַר ר׳ מאיר אַ ספּע־ציעלע קאָפּיע פון אַלע עדותן און דערצו האָבן זיי נאָך בײַגעלייגט אַ לאַנגען בריוו, פול מיט תורה און קלוגע סברות. לויט די דאָזיקע כתבים קען מען מרימען מתיר מאַכן און זי זאָל קענען חתונה האָבן נאָך איידער די זון פון איר ייִנגשאַפט גייט לגמרי אונטער.

צוזאַמען מיט דער אַרבעט, וואָס האָט געדויערט לאַנגע חדשים, האָבן זיי אויך אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע גדולים בײַ ייִדן, אין וועלכע זיי האָבן גערופן צו רחמנות און אײַנזעעניש איבער דער נידער־שלאָגענער מרימען. בכדי נישט צו דערצערענען די גרויסע רבנים פאַר זייער חוצפה, האָבן זיי צוזאַמען מיט זייער דעה אויך פאַרענטפערט זיך פאַרוואָס זיי קומען מיט זייער אייגענער מיינונג, בעת די גרעסטע רבנים האָבן שוין אַלץ געפּסקנט. אין זייער ווענדונג האָבן זיי געשריבן:

„צו אײַך גרויסע לײַט פון ישראל טוען מיר רופן נאָך הילף און אונדזער קול איז געשיקט צו די גרויסע לערער און פירער, וואָס באַלויכטן די ערד און די אײַנוווינער אויף איר. נאָך איידער מיר וועלן שפּירן זייער הילף, זענען מיר געקומען זיך מתנצל זײַן פאַר דער שטול פון זייער הויכן כבוד. די חכמים וועלן זען, ווי אַזוי מיר האָבן זיך אַרײַנגעשטעקט אין דער זאַך פון אַ האַרבער הלכה אין וועלכער מיר זענען עוסק, בכדי צו זאָגן אַ דעה. זאָלן זיי אונדז דערפאַר נישט משפטן ווי אַזעלכע וואָס לערנען דעם דין אין פנים פון זייער רבין חס ושלום... דערפאַר ווייסט דאָך גאָט, אַז שוין אַ סך יאָרן האָבן מיר זיך אָפּגעהאַלטן און זיך נישט געוואָלט באַ־העפטן דערצו, ווײַל מיר זענען נישט געווען די האַרן פון דעם ענין. אויך האָבן מיר נישט געוווסט דעם גוף פון דער זאַך, וואָס האָט באַוויגן דאָס האַרץ פון די חכמים צו פסקענען אַזוי ווי זיי האָבן געפּסקנט.

„מיר האָבן אַלץ נאָר געוווסט פון בלויז הערן. אָבער נאָך די גביית עדותן... און צוליב די שטאַרקע בקשות פון אַ סך גאַנצע און פרומע לײַט האָבן מיר זיך דערלויבט צו באַהעפטן אין דעם. גאַר־טײַערע מענטשן האָבן אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן אי־בערטראַכטן וועגן מתיר זײַן די דאָזיקע אשה, וואָס איז געאיידלט און געצערטלט... דאָס איז אַ טאָכטער פון אַ געלערנטן מאַן און אַ חשוב בײַ קהל. אויך זי אַליין איז אַ דערצויגענע און אַ געאַכ־טעטע בײַ די גדולים אין אונדזער קהילה, זאָל ציון און ירושלים געבויט ווערן...

„און דערפאַר זענען מיר אַרויס אויסער אונדזער מחיצה צו

העלפן איר מיט אַלע אונדזערע כוחות. במקום שאין איש איז מיט אונדז דער רב אב בית דין און ראש ישיבה, ווי אויך די קהילה קדושה פון ליסע. האָבן מיר געגעבן אין דער טיף פון דער הלכה, בכדי צו געפינען פאַר איר אַ היתר לויט אונדזער אָרעמען פאַרשטאַנד... און מיר זאָגן נישט אַז מען זאָל אָננעמען אונדזער דעה, נאָר מיר זענען געקומען עפענען אַ טיר און אַרויסלייגן אונדזערע טענות פאַר די חכמים, גאונים און גדולים פון אונדזער דור... און אפשר וועט זייער חלק זײַן מסכים צו זײַן מיט אונדזער אָפּגעבערעקלטער דעה, צוליב אונדזערע טעמים אָדער צוליב די אַנדערע טעמים וואָס וועלן אויפגיין אין זייער געדאַנק. וועלן מיר דערמיט זײַן אַ צווײַג צו די בוימער... און פאַרוואָר, אויב זיי וועלן זען מיט דער ברייטקייט פון זייער האַרץ, אַז צו דער פאַרשעמטער אשה איז נישטאָ קיין טיר פון האָפענונג חס ושלום, וועלן מיר לעבן פון זייער מויל...״

די ליסער דיינים האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, פאַרוואָס זיי מישן זיך אַרײַן אין אַ פּאַסירונג „וואָס אַזעלכע האָט נאָך בײַ יידן נישט געטראָפן״. זיי האָבן אויך כסדר גאָר שטאַרק אויסגעלויבט מרימס מעלות אַלס איינע פון די איידלסטע אין דער ליסער קהילה, אין וועלכער איר מאַן האָט בוגד געווען. ערשט דערנאָך האָבן זיי איבערגעגעבן די גאַנצע פּאַסירעניש ווי זיי האָבן זי געהערט. אַלצדינג וואָס זיי האָבן געשריבן איז נאָר געווען אויפן יסוד פון אויסהערן מרימס צד און פון יאַקאָבן האָבן זיי גאָרנישט געקענט הערן. עס איז זיי דערפאַר אויסגעקומען, אַז די מרים האָט די גאַנצע צײַט געליטן אומזיסט, ווײַל איר גט איז שוין לאַנג גוט געווען. זיי האָבן זיך אָבער צום ווייפלטן מאָל מתחייב געווען אונטערצוּוואַרפן דעם פסק פון אַנדערע רבנים, אויב אַפילו ער וועט אויספאַלן אַנדערש ווי זיי טראַכטן.

זייער לאַנגע בריוו האָבן געדאַרפט וועקן רחמים און אויך באַווײַזן, אַז די אשה מרת מרים איז בלויז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַ שווינדלער וואָס האָט אין איר בוגד געווען און זײַן האַרץ נישט געקילט ביז ער האָט איר פאַראומערט דאָס גאַנצע לעבן. איז שוין געקומען די צײַט מען זאָל זײַנע שלעכטע שטיק מבטל זײַן און זי

אויסלייזן פון זײַנע אומגעזעענע הענט. עס איז געווען צו זען, אַז זיי לייגן שוין דאָס לעצטע אויף דער וואָגשאָל און אויב דאָס וועט אויך נישט העלפן — וועלן אויך זיי זיך אָפּזאָגן פון זייער געדאַנק און מרימס גורל וועט בלײַבן אַ פּאַרזיגלטער אויף אייביק.

— 3 —

ווערליק די ליסער בריוו דערציילן, איז יאַקאָב נאָך אַלץ נישט פאַרשוווּנדן פון דער וועלט. ער האָט זיך באַוויזן אין ליסער געגנט אין חודש תּמוז פון יאָר 1768, בעת די גאַנצע ליסער קהילה איז געלעגן פונאַנדערגעשפּרייט איבער דערפער און שטעטלעך. עס איז דאָן נישט געווען קיין רב און קיין דיין און אויך נישט קיין משפּט. האָט אים קיינער נישט געקענט תּפוס נעמען און יעדער איינער האָט זיך געהאַט זײַנע אייגענע צרות. בלויז דער אַלטער ר׳ לייב איז אַרומגעלאָפן צווישן די זקנים און געשריגן מען זאָל אים כאַפּן און אײַנזעצן. עס איז אָבער נישט געווען ווער עס זאָל אים צוהערן.

שפּעטער האָט מרימס פאָטער דערציילט, אַז ער האָט יאַקאָבן געטראָפן אין אַ שטעטל און מיט אים געהאַט אַ שמועס וועגן גאַנצן ענין. עס האָט לאַנג געדויערט ביז יאַקאָב האָט באַוויליקט צו רעדן. צומערשט האָט ער זיך פון אים אויסגעדרייט און אויסבאַהאַלטן זײַן פּנים, ערשט דערנאָך האָט אים ר׳ לייב צענומען מיט זײַנע רייד און יאַקאָב האָט געגומען וויינען. טאַקע דעמאָלט האָט ער זיך מודה געווען פאַר ר׳ לייבן, אַז דאָס האָט ער געמאַכט אַ תּחבולה מיט אַ יאַקאָב קאַפּהאַן פון פּרעמיסלע, וועלכער איז צו אים געווען ענלעך אין געשטאַלט — און ביידע האָבן באַשלאָסן מרימען אויפצוהאַלטן ווי אַן אייביקע עגונה. ווי ר׳ לייב האָט צוגעגעבן, האָט יאַקאָב חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה — אָבער מיט יענעמס חרטה האָט מען נאָך מרימען נישט געקענט באַפרײַען.

ווען דאָס בית דין אין דער פרעמד האָט שוין באַשלאָסן אויסצוהערן יאַקאָבן, איז זיי נאָך די גאַנצע מעשה קשה געווען און זיי האָבן דערפאַר געפּסקנט, אַז מען זאָל יאַקאָבן פירן דאָס צווייטע מאָל קיין

פרעמיסלע. מיט אים האָט געדאַרפט מיטפאָרן נאָך אַ שטאַרקער מענטש און דאָרט האָבן זיי געדאַרפט רעדן מיט יאַקאָב קאָפּהאָן פאַר די אויגן פון פרעמיסלער גאון. ר׳ לייב איז אָבער אַרויס ריין פון זײַן פאַרמעגן און ער האָט מער קיין פרוטה נישט געהאַט. אויך מרים האָט גאַרנישט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל דעקן די הוצאות פון וועג ביז פרעמיסלע... יאַקאָב האָט זיך דערפאַר ווידער אויסגעדרייט פון אַלעמענס הענט און איז אַוועק צו זײַן וועג. עס זעט אָבער אויס, אַז ער האָט געהאַט אַ גרונט געהיטן צו זײַן, ווײַל זינט דאַן האָט ער זיך מער נישט געוויזן אין ליסער געגנט.

ערשט אין חודש מנחם אב פון יאָר 1773, מיט פינף יאָר שפּע־טער האָט זיך ר׳ לייב ווידער דערמאָנט און ער איז געקומען בעטן הילף בײַ די רבנים. דאָס איז געווען נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון ברעסלוי, ווו ער האָט געהערט אַז דאָס פרעמיסלער בית דין האָט אויפסנײַ תפוס גענומען יאַקאָב קאָפּהאָן און זיי האַלטן אים אײַנגעע־זעצט שוין אַ סך טעג. מסתמא איז בײַ זיי דאָרט געבוירן געוואָרן אַ נײַער ספק וועלכן מען דאַרף זיך דערוויסן. ר׳ לייב האָט אויך דער־ציילט, אַז בעת זײַן וואַנדערן אין וועג האָט ער געהערט, אַז דער יאַקאָב פון ליסע איז געשטאָרבן אין כּענטשינער הקדש און אַז פאַרן טויט האָט ער זיך מתוודה געווען אויף זײַנע זינד...

ווי ר׳ לייב האָט מוסר געווען, האָט יאַקאָב פאַרן טויט דער־ציילט, אַז דאָס האָט ער געגעבן גט זײַן ווײַב מרים אין ליסע כדת משה וישראל, נאָר אַ רוח האָט אים פאַרפירט און ער האָט געמאַכט אַ שווינדל מיט דעם יאַקאָב קאָפּהאָן פון פרעמיסלע, וואָס איז צו אים גלײַך געווען מיטן פּרצוף פונעם פּנים... ער האָט דערפאַר פאַרלאַנגט, אַז דאָס בית דין פון ליסע זאָל אים געבן אַ בריוו און ער וועט זיך אַליין „אָפּהאַקן די פּיס״, ביז ער וועט דערגרייכן כּענטשין און פרע־מיסלע בכדי אויסצופאָרשן דעם אמת פון דער זאַך.

לאַנגע חדשים האָט זיך דער אַלטער ר׳ לייב געוואַלגערט אין וועג און זיך אומגעקערט מיט ליידיקן. זעט אויס, אַז לצים האָבן פון אים ספּעציעל אָפּגעלאַכט און אים אײַנגערוימט אין אויער פאַלשע

קלאַנגען. ווען ער איז געקומען קיין פּרעמיסלע איז שוין דאָרט געווען אַ נײַער רב, נאָך דעם ווי ר׳ יחיאל מיכל איז נפטר געוואָרן. גראָד ווען ר׳ לייב איז געקומען קיין פּרעמיסלע איז דער נײַער רב נישט געווען אין שטאָט און דער פּרעמיסלער בית דין האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן, אָן דעם וואָס דער רב זאָל זײַן דערבײַ. די פּרעמיסלער דיי־נים האָבן אים בלויז צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר דער רב וועט צוריקקומען, וועלן זיי אים מעורר זײַן אַז ער זאָל זיך באַשעפטיקן מיטן ענין. וגם האָבן זיי אים מבטיח געווען, אַז דער רב וועט זיך מטריח זײַן צו שרײַבן דערנאָך צו די דיינים פון ליסע וואָס אים איז קלאָר געוואָרן אין דעם גאַנצן ענין...

ר׳ לייב האָט זיך געמוזט צופרידן־שטעלן מיט די בלויזע הבטחות, ווײַל ער האָט נאָך געאײַלט זײַן וועג קיין כענטשין. אָבער די פּרע־מיסלער דיינים האָבן זייער הבטחה נישט געהאַלטן און דאָס ליסער בית דין האָט זייערס אַ בריוו וועגן קאַפּהאָנען קיינמאָל מער נישט באַקומען. אויך פון כענטשין האָט ר׳ לייב קיין פריילעכע ידיעות נישט געבראַכט. ער איז בלויז געקומען מיט אַ בריוו פון די כענטשינער רב־נים, אָבער יענע האָבן מודיע געווען, אַז דאָרט איז קיינמאָל אַזאַ מאַן ווי יאַקאָב נישט געשטאָרבן און דערפאַר האָט נישט קיין האַפּט דאָס קול, אַז אַזעלכער האָט זיך מתוודה געווען בײַ זיי אין דער קהילה. האָט דער אַלטער מער נישט געהאַט קיין כח אים צו לויפן זוכן איבער דער וועלט.

ער האָט בלויז געקענט קומען יעדן טאָג בעטן דאָס בית דין, אַז זיי זאָלן ווידער אויפוועקן די זאַך און מיטן כח פון זייער שכל אויפ־פלאָנטערן דעם ענין. ווי די ליסער דיינים האָבן דערנאָך דערציילט, האָט בײַ זיי געדויערט אַ גאַנץ יאָר ביז זיי האָבן געקענט צונויפשטעלן אַלע בריוו און אויסהערן אַלע עדות. ערשט דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגענומען מיט מוט צו שיקן זייער מיינונג צו אַנדערע רבנים, ווײַל זיי זענען געווען זיכער, אַז דערמיט וועלן זיי „נישט פאַרשעמט בלײַבן קעגן מלכים, דאָס זענען די באַרימטע גאונים און רבנים פון אונדזער דור, פאַר וועלכע מיר לייגן אונדזערע רייד״...

די ענייותדיקע באמערקונגען ביים ראנד פון זייער בריוו, וואס די דיינים פון ליסע (ר׳ אריה לייב ב״מ משה מוואלטש, ר׳ דוד טעבלי במוהר״ם און ר׳ מנחם מענדל בהר״ר יהודה לייב) האבן געמאכט, האט זיי אבער נישט געשטערט ארייננצוגיין אין א שארפן פלפול קעגן די וואס האבן געאסרט מרימען חתונה צו האבן. זיי האבן אויסגע־פארשט א סך עדות און דערפון געקומען צום אויספיר, אז דער הויפט־עדות לייזער איז גאר פסול צו זיין אן עדות, בעת די פריערדיקע רבנים האבן זיך בעיקר געשטיצט אויף אים. נאך דער שריפה האט זיך דער לייזער ווידער גענומען צו זיינע פראצענט־מסחרים מיט דער גאנצער פארביסנקייט און עס זענען געקומען חשובע יידן און באוויזן, אז ער האט אויסגעפרעסט א סך געלט ביי זיינע בעלי חובות. אמת איז, אז דאס איז ערשט באוויזן געווארן שפעטער מיט יארן און בעת לייזער איז געגאנגען קיין פרעמיסלע איז ער נאך געווען כשר אין אלעמענס אויגן, אבער בעת איינער ווייזט זיך ארויס מיט זיין פארדארבנקייט, האט ער שוין פריער נישט געמוזט זיין קיין צדיק און ווער ווייסט וואס פאר א ראלע ער האט דא געשפילט.

זיי האבן אויך געוואלט צעקלאפן די פרעמיסלער טענות און דערצו האבן זיי געהאט אן אייזערנעם באווייז: עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פרעמיסלער בריוו וואס יאקאב האט באוויזן איז געשריבן גע־ווארן אין דעם זעלבן טאג וואס יאקאב האט זיך געפונען אין ליסע און געגעבן מרימען דעם גט. עס קען דערפאר נישט מעגלעך זיין, אז ער זאל האבן געווען דעם זעלבן טאג איןביידע שטעט, ווייל ער איז דאך נישט געפלויגן אהין און צוריק „אויף א פליענדיקן קעמל״. ער איז דערפאר ביי זיי אויסגעקומען, אז יאקאב קאפהאן האט געגעט זיין ווייב אין פרעמיסלע בעת יאקאב פינער האט געגעט זיין מרימען, נאר שפעטער האט קאפהאן פארקויפט זיין כתב דעם צעדרייטן יאקאב פאר א פולן פרייז. עס איז זיי גארנישט איינגעפאלן אז דא האט אויך געקענט זיין פארקערט — ווי זייער אייגענער בן עיר און גאון ר׳ מאיר פויזנער האט טאקע אנגענומען שפעטער — דהיינו, אז דער קאפהאן

האָט געגט די ליסער אשה בעת דער יאַקאָב האָט גאָר געגט די פּרע־מיסלער — און ביידע זענען דערפאַר נישט געגט.

די פאַקטן האָבן טאַקע אַ סך מאָל סותר געווען זייערע מיינונגען, אָבער די ליסער דיינים האָבן דערויף געבערענגט אַ סך גמרות, מהרש״אס, ש״כן און רמ״אס... מיט זייער שאַרפן פּלפּול האָבן זיי געוואָלט צו־פּאַסן איין פאַקט צום צווייטן און דערמיט אויך אָפּווענדן דעם מוראדיקן פּסק פון „נודע ביהודה״. דאָס איז אָבער געווען אַ שווערע זאַך, ווײַל די אַנדערע רבנים האָבן געקענט די זעלבע פאַקטן איבערשטעלן פאַר־קערט. יאַקאָב איז פאַר די אויגן נישט געווען און קיינער האָט מער דעם אמת נישט געקענט אויפקלערן, סײַדן דורכן בלויזן שכל — און דער גאונישער שכל האָט זײַנע פאַרשידענע וועגן.

דער בריוו פון די ליסער דיינים האָט בײַ קיינעם קיין הסכמה נישט באַקומען. זייער לעצטע האָפענונג, פון וועמענס מויל זיי האָבן געוואָלט לעבן, ר׳ מאיר פּויזנער האָט מיט זײַן שכל הישר באַוויזן, אַז זייערע רייד האָבן נישט קיין האַפט. אויך ער האָט זיך פאַר זיי מתנצל געווען:

„גאָט ווייסט אַז... ווען איך וואָלט געפינען אַ ממשותדיקן היתר, וואָלט מיר קיין נפקא מינה נישט געווען און איך וואָלט געפּסקנט להיתר, צוליב די ענינים וואָס אייער הויכער כבוד האָט געזוכט אין אַלע זײַטן... נאָר מײַן האַרץ קלאַפּט אין מיר, ווי איך וועל עס באַווײַזן. דערפאַר זאָלט איר מיך נישט חושד זײַן חלילה, אַז איך וויל קומען צע־שטערן אײַערע רייד, ווי עס איז דער שטייגער פון די פּלפּול־מאַכער וואָס ווילן באַווײַזן זייער חריפות...

צוזאַמען מיט זײַן גרויסער בקיאות אין תורה, האָט ר׳ מאיר פּויז־נער אויך באַנוצט קעגן זיי די שאַרפקייט פון געדאַנק. פאַר אים איז עס נישט אַזוי פּשוט, ווי פאַר די ליסער דיינים, הגם אויך ער גלויבט אַז דאָ איז אַ שווינדל. קיינער האָט נישט קיין באַווײַזן, אַז עס זענען געווען צוויי לײַט און אויב יאָ, אַז זיי האָבן זיך געפונען יעדער איינער אין זײַן שטאָט. צווייטנס איז דער פאַרשטאָרבענער פּרעמיסלער רב געווען באַרימט אַלס גאון און צדיק. האָט ער זיכער גוט אויסגעפאָרשט די זאַך און מען קען זײַנע רייד נישט מבטל זײַן. דריטנס, איז ער גאָר־נישט זיכער, אויב מען קען פּסלענען דעם עדות לייזער. ער האָט אויך

זיך עוולות זינט נאָך דער שריפה, ווען זײַן האַרץ איז פאַרביטערט און מען קען נישט זאָגן, אַז אויך פאַר דער שריפה איז ער געווען אַ ליגנער און פעלשער. דערויף זענען קיין באַווײַזן נישטאָ.

דער לעצטער אָנלען פאַר מרימען איז געפאַלן. ר׳ מאיר פּויזנער איז געקומען צום אויספיר, אַז דאָ האָט דער שווינדל געקענט פאַרקומען אויף אַזאַ מין שטייגער. ביידע לײַט האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַ לאַנגע קאַנטשאַפט און יאַקאָב האָט געמוזט אויסדערציילן קאַפּהאַנען אַלע זײַנע סודות. דאָס האָט געקענט זײַן צוליב דעם וואָס קאַפּהאַן האָט זיי בײַ אים אַרויסגעצויגן, אָדער דער יאַקאָב האָט זיי בכיוון דערציילט בכדי מרימען צו שטרויכלען... דערנאָך, ווען קאַפּהאַן איז געכאַפּט געוואָרן אין ליסע האָט ער זיך געטראַכט: וואָס טויג מיר די גאַנצע צרה? איז מיר בעסער צו גטן מײַן חברס פרוי און צו באַקומען אַ סומע געלט... און ר׳ מאיר גיט צו:

— און מעשה שטן איז עס אים געגאַנגען מיט הצלחה...

מרימס גורל איז דערמיט פאַרחתמעט געוואָרן. ר׳ מאיר אַליין האָט געפּילט ווי האַרב זײַן פּסק דין איז פאַר איר, ער האָט אָבער פאַרענט־פערט זײַן דין מיט דעם אויסרוף:

— זאָל מיך משפּטן דער, וואָס זײַן האַרץ איז גאַנץ!

די זון איבער דער ליסער עגונהס קאָפּ איז דערמיט אונטערגעגאַנגען אויף איר גאַנצן לעבן...

— 5 —

די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונגען פון דער מעשה צווישן פּיז, פּרעמיסלע און ליסע ווערן שוין פאַרשוויגן פון די אַלטע ספרים. אונדזער פאַנטאַזיע האָט אונדז דערפאַר געגעבן פרײַע הענט און מעגלעכקייטן צו דערפירן די האַנדלונגען ווהין מיר ווילן נאָר. פון איצט אָן האָבן די היסטאָרישע קאָנטראָלן מער קיין שליטה נישט איבער אונדז. דער יצר הרע פון ליטעראַטור האָט זיך טאַקע דערפאַר צעשפּילט און מיר האָבן געהאַט גרויס חשק אַוועקצופירן אונדזערע העלדן אין דעם אויסגעטרוימטן קעניגרײַך פון דער ליטעראַרישער פאַנטאַזיע. דער אָטעם פון היסטאָרישן אמת, וואָס האָט ביז איצט באַגלייט אונדזער פאַבולע,

האָט דאָס אָבער נישט דערלאָזט. זענען מיר בײַגעשטאַנען דעם נסיון און פאַרענדיקט דערמיט וואָס די רבנישע פּאַפּירן האָבן באַשלאָסן.

דערפאַר אָבער קענען מיר זיך פאָרשטעלן, אַז די שיינע מרים האָט שוין אַזוי געוועלקט און געוועלקט ביז זי האָט מיט אַ זקניש־געעלטערטן קרעכץ אויפגעגעבן איר האָפענונג צו לעבן אויפסנײַ. דער אַלטער ר׳ לייב האָט זיך אָוועקגעלייגט אין אַ שייגעם העלן טאָג אין זײַן מידן בעט, בכדי מער נישט אויפצושטיין. ביינישׁ דער שומר פון תפיסה איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה און בלויז געקוקט מיט טריבע אויגן, ווי אַזוי עס קומען אויף נײַע פּורים־שפּילער אויף די ליסער גאַסן.

קיינער האָט אים מער נישט געקענט אַרויסציִען פון זײַן טרויער און עלטער. דער לץ קאָפּהאָן האָט אײַנגעזען, אַז ער וועט שוין זײַן רבקהן מער נישט קענען צוריק־געווינען. ער איז שוין געוואָרן עלטער און די פריילעכקייט האָט שוין נישט געזונגען אין זײַן גוף ווי אין די אַמאָליקע צײַטן. נאָר אין פּרעמיסלע איז אים פאַרט טרויעריק געווען און עס איז אים נמאס געוואָרן צו דערציילן זײַנע מעשהס פאַר זײַנע גוטע ברידער, וואָס זענען דערווײַל געוואָרן באַיאָרטע זיידעס פון קליינע אייניקלעך. ער האָט זיך דערפאַר אין אַ פאַרטאָג אַרויסגעשלײַכט אויפן פּרעמיסלער שליאַך, בכדי מער אַהין נישט צוריקצוקומען. דערנאָך האָט מען אים געזען זיך אַרומשלענדערן איבער אַלע וועגן פון דער מדינה, ווו ער האָט אויפסנײַ געטריבן זײַן ליצנות מיט נאָך מער גאַל און פאַרביטערונג. רבקה זײַן ווײַב האָט אין איר עגונהשאַפט נאָך אַלץ גע־טראַכט וועגן דעם געענדערטן יאַקאָב, וואָס האָט זיך איינמאָל דאָ באַ־וויזן אַזוי שטיל, רויק און שווײַגנדיק. האָט זי נאָך אים געבענקט, הגם זי האָט אים דאָ ערשט געזען אין אַן אַנדער געשטאַלט און אים געטריבן פון זיך. פּונקט אַזוי האָט מרים אין די טריבע נעכט געטראַכט, אַז עס איז אויך געווען אַ צווייטער יאַקאָב פול מיט פריילעכקייט און גלאַנץ, וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרהאַלטן בײַ זיך, ווײַל דער אַנדערער האָט אים פאַרשטעלט. האָבן זיך ביידע ווײַבערישע הערצער איבערגערופן, כאָטש קיינער האָט עס נישט געהערט.

דער שלימזלדיקער יאַקאָב האָט זיך ווײַטער געדרייט מיט זײַן טאָרבע פון אָרט צו אָרט, ביז זי איז אים שווער געוואָרן צו טראָגן.

האָט ער זיך מיט תמעוואַטער רוזיקייט אָוועקגעלייגט אויף אַ פּאַרוואָרפן הקדש־בעטל. דערנאָך האָט אים שוין קיינער מער נישט געקענט אויפֿוועקן און דערוויסן זיך, ווער ער איז אייגנטלעך. בלויז אים אַליין האָט זיך אָנגעהויבן חלומען דער אייביקער חלום וועלכן מ׳קען שוין מער נישט איבעררײַסן. די לײַט פון קהל האָבן געקוקט אויף זײַן פּאַרגליווערטן שמייכל און דורך נישטערן אין זײַן טאָרבע האָבן זיי געוואָלט דערגיין דעם סוד פון זײַן שמייכלדיקן גליווער. אָבער מער ווי פּאַרדאַרטע שטיקער ברויט און אַן אָפּגעריבן כתב פון אַלטן פּרעמיסלער רב האָבן זיי דאָרט נישט געפונען.

לייזער האָט זיך געוואָרפן מיט נאָך מער מי און אייפער צו זײַן וווּכעריי. היות ווי דאָס נײַע ליסער בית דין האָט אים געמאַכט פאַר אַ גזלן און פּסול־לעדות, איז ער אויסגעמיטן געוואָרן אפילו פון זײַנע אַמאָליקע ידידים. ער האָט זיך אָבער פון דערוויַטנס געקוויקט מיט מרימס גרויע האָר און אײַנגעקנייטשט מויל. דערצו איז זײַן בײַטל מיט געלט געוואַקסן און לייזער האָט אפילו נישט געוואָלט טראַכטן וואָס ער וועט דערמיט אַמאָל טאָן.

אין ליסע האָט מען ווײַטער געפּראַוועט שמחות, געהוליעט אין די יום־טוב־טעג און געזאָרגט אין די וואָכן פון אַ גאַנץ יאָר. קינדער זענען געבוירן געוואָרן און אַלטע לײַט זענען געשטאָרבן. די רבנים האָבן ווײַטער געפּסקנט דין תורהס און בעלי בתים האָבן זיי אויסגעהערט מיט פאַרטראַכטן דרך ארץ. די יאָרן זענען געלאָפן מיט דער שנעלקייט פון אַ ווינט און טייל געשטאָפּט מיט נחת, פּונקט ווי אַנדערע — מיט לאַנגאויסגעצויגענעם צער...

בלויז אין די פאַרנאַכטן, ווען די אימה פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט זיך געלייגט אויף קינדערשע הערצער האָבן זיי מאַמעס גענומען אין די שויס און זיי געוויגט מיט באַזונדערער זאָרג. פון דער זונס רויטן אויג האָט אַרויסגעטריפט דער זכרון פון דער גרויסער ליסער שריפה און נישט איינע פון זיי וואָלט געשוווירן, אַז איבער די דעכלעך צעפלאַטערט זיך יאַקאָבס שוואַרצע פּאָלע, וואָס קיינער קען זי מער נישט אָנטאַפּן מיט די הענט.

פאַריז - ניו־יאָרק, 1953.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאליאקיעוויטש — א טאג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספארקויפט)
35) יוסף וואלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאצענעלסאן־נאכומאוו — יצחק קאצענעלסאן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פאוויאק
38) נחום סאקאלאוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קארן — היים און היימלאזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאצק (אויספארקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפניס — הונדערט פאלקס־לידער (אויספארקויפט)
44) ז. סעגאלאוויטש — מיינע זיבן יאר אין תל־אביב (אויספארקויפט)
45) ד״ר ח. שאשקעס — א וועלט וואס איז פארביי... (אויספארקויפט)
46) שלמה וואגא — חורבן טשענסטאכאוו
47) אברהם זאק — יארן אין וואנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאן — פאמיליע קארפ (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאהאן — אין פייער און פלאמען (אויספארקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פראזע אין פוילן
53) יאנאס טורקאוו — אין קאמף פארן לעבן (אויספארקויפט)
54) יצחק פערלאוו — די מענטשן פון „עקזאדוס 1947״ (ראמאן)
55) פנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אש — פעטערבורג־ווארשע־מאסקווע
59) ד״ר פיליפ פרידמאן — אשוויענטשים
60) ב. ראזען — טלאמאצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראמאן)
63) יאנוש קארטשאק — משהלעך, יאסעלעך, ישראליקלעך
64—65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד ביים יידישן קולטור־קאנגרעס, בוענאס איירעס 1951)
66) חיים גראדע — שיין פון פארלאשענע שטערן
67) רבקה קוויאטקאווסקא — פון לאגער אין לאגער
68) יואל מאסטבוים — מיינע שטורמישע יארן (זכרונות)
69) אליהו טראצקי — גלות דייטשלאנד
70) ד״ר י. שאצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספארקויפט)
71) נחמן מייזיל — געוועזן אמאל א לעבן... (אויספארקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאכטע פון נארקאווע (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)

(פּרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן

און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געדויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן

102) **משה זאָנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (היסטאָרישער ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)

פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פּלויט.

פּרעסע שטימען

וועגן דער ביבער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום"

משה שענדעריי שרײַבט וועגן מרדכי שטריגלערס ווערק „גורלות".

(די אידישע צײַטונג", 8טער סעפּטעמבער 1952).

דאָס צווייבענדיק ווערק פון מרדכי שטריגלער „גורלות" וואָס איז לעצטנס דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" און קען כאַראַקטעריזירט ווערן מיט איין וואָרט: „ממעמקים" — פון די טיפענישן.

עס איז אַ פאָרזעצונג פון זײַן „ווערק צע". און אין דער גאַנצער סעריע זוכט שטריגלער צו דערגראָבן זיך צו די סאַמע טיפענישן פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע, וואָס עס באַדײַט די נאַצישע בעסטיאַליטעט. שטריגלער נעמט די פּאַסירונגען ניט אין דער ברייט נאָר אין דער טיף, און דער אָביעקט פון זײַנע פּסיכאָלאָגישע שטודיומס איז דער מענטש און די טיפעניש פון זײַן נשמה. רוצח צי קרבן, נאַצי צי ייִד; שטריגלער גריבלט זיך גלײַך אין זייערע נשמות און וויל דווקא אַרויסגראָבן פון דאָרט דאָס געמיינזאַמע, דאָס מענטשלעכע, סײַ אין דער דערהויבנקייט, סײַ אין דער געפאַלנקייט. בײַ שטריגלערן זענען נישט אַלע קרבנות קדושים, ניט אַלע רוצחים פולשטענדיקע טײַוואָנים. איןביידע פאַלן זוכט ער דעם מענטש מיט זײַנע שוואַכקייטן און חסרונות ווי אויך מיט זײַנע שטרעבונגען און מעלות.

און אַראָפּנידערנדיק אין די סאַמע אָפּגרונטן פון דער מענטשלעכער געפאַלנקייט, וויל זיך שטריגלער ניט אונטערגעבן מיט זײַן באַנעמען דעם מענטש אַלס אַזעלכן; פון די סאַמע טיפענישן שרײַט אַרויס מיט באַנומענע קולות דאָס מענטשלעכע, וואָס וויל זיך ניט לאָזן אינגאַנצן פאַרדרענגען, און שטרעבט מיט די לעצטע כוחות אין דער הויך, צו אַ ביסל דערהויבונג.

דאָס ווערק „גורלות" איז אַ בוך פון געראַנגל צווישן די צוויי יסודות, פון וועלכע דער מענטש איז געפורעמט, לויט דער פאָרמולע פון אַ גרויסן דענקער: פײַער און

טינופת. און גייענדיק אויפן וועג פון די ייִדישע מקובלים, זוכט שטריגלער אין די ימים פון אכזריות און געפּאַלנקייט די ניצוצות פון קדושה און דערהויבנקייט, וואָס ער גלויבט באמונה שלימה, מוזן זיך געפינען בײַ יעדן איינעם.

און ס׳איז כמעט ניטאָ קיין איין מענטשלעכער טיפּ, ייִד, צי, להבדיל באלף הבדלות, נאַצי, וואָס זאָל ניט האָבן אין זײַן נשמה עפּעס אַ פּונק פון יענעם פײַער; אדרבא, עס זענען דאָ טיפּן, וואָס האָבן דערהאַלטן דאָס פולע מענטשלעך־ייִדישע פײַער, אפילו אין די מעמקים, אין די טיפענישן פון געפּאַלנקייט.

גיט אויך שטריגלער אַ שטעל פאָר דעם וואַך־פירער פון ווערק „צע”. דעם דײַטש שומאַן. „אַ קאַלטער גזלן”. ער האָט אָבער ליב נאָר אויסצופילן באַפעלן. ווען עס קומען צו אים ניט אָן קיין גזירות פון דער העכערער מאַכט — גייט ער אַרום אַ כמורנער, אַ שווײַגנדיקער און קיין זאַך גייט אים רעכט ניט אָן. עס בענקט זיך אים, דעם גרויעם מערדער שומאַן, נאָך זײַן טישלער ווערקשטעל פון דער היים”... דערפאַר האָט ער זיך פאַרשאַפט אַלערליי כלים און אין די פרײַע שעהן שעהן האַלט ער אין איין חובלעווען; זוכט אויס פאַר זיך ברעטער און קלעצער פון אונטער דער ערד און מײַסטרעוועט... ער מאַכט טישן, בענק און בעטן”...

אויף איינעם אַזאַ טישל וויל ער אפילו הערן דאָס מבינות פון שטריגלערס הויפּט־העלד, מעכעלע, אָבער ער פאָדערט שטרענג: „איך וויל, אַז דו זאָלסט ענטפערן דעם טישלער, און ניט דעם באַפעלער פון דאַנעט”... פון אונטער דעם נאַצישן מונדיר רעדט אַרויס דער מענטש, דער בעל־מלאכה, דער שעפער, ניט דער שד, דער מחבל און צעשטערער...

און אָט איז לייטנאַנט שולצע, אַ דײַטש מיט דײַטשן צוגלײַך, און דאָך איז ערגעץ אין זײַן פינצטערער נשמה פאַרשטעקט אַ פּונק פון מענטשלעכקייט. ווען ער נעמט אַרויס צום ערשטן מאָל פון ווערק „צע” אַ צוואַנציק ייִדן, צווישן זיי מעכעלען, אויף איבערצוטראָגן אַ געוויסע משא, און אַלץ ווערט געטון מיט דײַטשער טעמפּקייט און נאַצישער האַרצלאָזיקייט, צעשפּילט זיך דאָך אין אים אין מיטן וועג דער ספּאָרטמאַן, דער מענטש, עס פאַרווילט זיך אים לויפן אַ וועט־לויף מיט איינעם פון זײַנע קרבנות, און דער גורל פאַלט אויף מעכעלען. און שולצע איז אַן „ערנמאַן”, ער לאָזט זיך אין געלויף מיט אַלע פינקטלעכקייטן: „איצט לאָמיר שטיין גלײַך! וואַרטן ביז אַ קאָמאַנדע! איך בין ערנמאַן און וויל ניט קיין פאָרצוג... ביידע גלײַך... איינס, צוויי, דרײַ!...” מעכעלע געווינט דעם פאַרמעסט און אַנשטאָט אַוועקשיסן אים פאַר אַ „פאַרזוך צו אַנטלויפן” נעמט זיך גאָר שולצע פאַרענטפערן: „ס׳איז ניט קיין גלײַכער פאַרמעסט. ער טראָגט מיט זיך שווער געווער... אויך אָנגעפּעלצט איז ער — און מעכעלע האָט כמעט גאָרנישט אויפן לײַב... ניט אַזוי מאַכט מען אַ געוועט”... און ווען ער קומט שפּעטער אָן אין לאַגער פון ווערק „צע” אַלס

באַפּעלהאָבער, דערקענט ער מעכעלען און רופט צו אים מעשה חבר: „העי, דו אַלטער פרײַנט! וואָס מאַכסטו דען דאָ?”... פון צווישן דער גאַנצער חיהשקייט פון אַ נאַצי בלינצלט אויף אַ ווײַל אַרויס דער פּרצוף פון אַ מענטש.

פאַראַן נאָך דאָרט אַ רעטזעלהאַפטע פיגור, דער אינזשיניער שמיץ וואָס מעכעלע אַליין אַנטניט, צי איז ער סתם אַ מטורף, אָדער אַ באַוווּסטזיניקער סאַבאָטאַזשניק, וואָס פירט עפּעס אַזעלכע מאָדנע גענג און פּראַוועט שטוקעס, וואָס קאָסטן דער נאַצישער קריגס־פירונג אַ געוואַלדיקן כוח און מאַטעריאַלן פאַרלוסט, און ער האָט דעם אײַנדרוק אַז שמיץ טוט עס געטריבן פון זײַן אונטערבאַוווּסטזײַן, וואָס רעאַגירט מענטשלעך אויף דער בעסטיאַליטעט, וואָס האָט זיך אַרום אים צעשפּילט, און זוכט, ווי אַזוי וואָס מער שאָדן צן ברענגען אָט דער בעסטיאַליטעט.

פון די ייִדישע טיפּן, וואָס גייען דורך אין „גורלות”, קאָן מען אויפבויען אַ הויכע־הויכע לייטער, וואָס שטייט מיט אירע פיס אין סאַמע זומפּ פון שאול־תחתיה און שפּאַרט אָן מיטן שפּיץ אין סאַמע הימל אַרײַן.

אָט איז דער גראָבער אַבראַם, אַ בעסטיאַלישע חיה בצורת קאַפּאָ. פאַר אַבראַמען האָט איבערהויפּט נישט עקזיסטירט קיין לשון, וואָס זאָל אים קענען אײַנצוימען. ער האָט הנאה געהאַט פון פּײַניקן, און וויי איז געווען צו דעם, וואָס האָט אים געפּרוווט שטערן אין זײַנע „הנאות”. אָבער אויך אָט־אָ־די בעסטיע איז מאָמענטנווײַז אַ מענטש. ער קאָן ניט דערגיין די יאָרן מעכעלען, ווען אפילו ער האָט אים פײַנט: „אוי, וואָלט איך דיך... ווען דו זאָלסט נישט זײַן...” וואָס זשע איז עפּעס מעכעלע אַזוינס?

— „ווען ער זאָל נישט אַזוי שטאַרק ענלעך זײַן אויף מײַן חיימקען”...

ווער און וואָס איז חיימקע פאַר דעם גראָבן אַבראַם? ניט קיין קינד, ניט קיין קרוב, ניט קיין גואל. אַ שאַרפער ישיבה־בחור, מיט וועלכן ער האָט זיך צופּעליק באַקענט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ שאָפער „און געטראָגן אַ לעדערנע שאָפערקע אויף זיך”. אָבער אין אַ פאַרנאַכט, נאָך אַ כוסה, פאַרשלעפּט ער אויף צוקאַוויסט דעם גראָבן אַבראַם אין אַ בית־מדרש, און דאָרט: —„חיימקע איז אַרויף אויפן באַלעמער און גענומען זאָגן תורה... וואָס הייסט געזאָגט? ער, אַבראַם, האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען די לערנעכצער, נאָר די ייִדן מיט די לאַנגע בערד און דער רב אַליין האָט געלעקט די פינגער: אָוואַ! אַזאַ כלי — אין אַ שאָפערשע קורטקע פון לעדער מיט ווילערישע שטיוועלעך... גיי ווייס!

חיימקע ווערט אומגעבראַכט פון די דײַטשן, און בלויז דער אָנדענק זײַנער קאָן אַזאַ גראָבן פליגל ווי אַבראַם צוימען פון טון שלעכטס אימיצן, וואָס איז ענלעך אויף זײַן חיימקע...

אויפן סאַמע העכסטן שטאַפּל פון לייטער שטייט דער העלבראָמער רבי, וועלכער איפּאָנירט די ייִדישע פּאָליציי מיט זײַן פיגור און האַלטונג, און פּועלט אויס,

ער זאָל נישט געשיקט ווערן צו דער אַרבעט. אפילו פעלאַ, די צעלאָזענע, פאַרגוי:שטע קאָמענדאַנטקע פון לאַגער, זאָגט דער מוטער: „איך האָב אים געזען, דײַן צדיק... ער געפעלט מיר, מאַמע! גאָר נישט אַזוי ווי זיי, יענע רביים, פון וועלכע מען דערציילט... ער האָט אַזעלכע גרויסע, בלויע אויגן...”

וואָס־זשע האָט געטון דער העלבראָמער אין לאַגער פון ווערק „צע”? דערציילט שטריגלער:— ער אַליין איז געזעסן איבער אַ ספר. זיך שטיל צוגעברומט און דערציילט זײַנע פאָר צוהערער אַלערליי שיינע בעשיות פון בעל־שם־טוב”.

אָט האָט איר אַ „רוי:קן ווינקל” אין מיטן פון דער נײַנטער אָפּטיילונג פון גיהנום, אַן אינדזל פון גײַסטיקייט אין מיטן פון אַ צעבושעוועטן ים פון בעסטיאַליטעט און געפאַלנקייט.

און ווען די קאָמענדאַנטקע פעלאַ וויל אים אַרײַנפירן אין צעטומלעניש מיט אַזעלכע רייד, וואָס אַ רב דאַרף נישט הערן, האָט ער זיך גענומען ווייך אָפּווערן מיט אַ שטיל קול:

— „מען טאָר נישט רעדן אַזוי, קאָמענדאַנטין... מען פאַרזינדיקט דאָס מויל”.

און דאָס שטילע קול איז שטאַרקער פון פעלאַס צעיושעטע פאַרלאַנגען...

און ווען דער רבי אָרדנט אײַן אויף ראש השנה אַ שולכל און זײַנע מקורבים קריגן פון אונטער דער ערד טליתים און מען שטעלט זיך דאַוונען, רײַסט זיך אַרײַן אין באַראַק דער קאָמענדאַנט אײַזענבערג, דער צעיושעטער מה־יעשהניק, פאַר וועמען אַלע ציטערן. עס באַפאַלט אַלעמען אַ מין טויטע שטילקייט, וואָס ווירקט מאָדנע אויף וויינבערגן:

— „עס איז קענטיק געווען, אַז איצט ראַנגלט זיך אין אים אַ בייזער, קאָמענדאַנטישער כעס מיט עפּעס אַזאַ דערשראָקענער גערירטקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. ער האָט דערפֿאַר בייז אַ בורטשע געטון: וואָס בין איך עפּעס? אַ גזלן פון וואַלד בין איך, אָדער וואָס? פאַר וואָס איז אַזוי שטיל געוואָרן?”

ער האָט נאָך געוואָלט רעדן ווײַטער, נאָר זײַן שטים האָט זיך איבערגעריסן, אײַנגעבראָכן. ער האָט דערפאַר האַסטיק עפּעס אַ שלעפּ געטון פון זײַן טאַש, און אַ קליין ווייס־שוואַרץ טליתל האָט אַ פלאַטער געטון אין זײַנע הענט...” דער מענטש האָט באַזיגט דעם קאַפּאָ, דער צעיושעטער וויינבערג האָט זיך געשטעלט דאַוונען.

קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס טוט זיך דאָרט אין אַזאַ טאָג ווי יום־כיפור. מענטשן טיילן זיך אויף צוויי סאָרטן: געוואַגטע, וואָס וועלן אײַנשטעלן און וועלן בלײַבן צו כל־נדרי, ניט גיין צו דער נאַכט־אַרבעט, נאָר „זיך אַרײַנכאַפּן צום רבין אין באַראַק אַרײַן, אײַנהילן זיך איבערן קאָפּ מיט אַ מאַנטל און זיך אַוועקזעצן, נעבן אײנעם, וואָס האָט אַ טלית און פאַרגעסן... אין דער גאַנצער וועלט און אינעם גאַנצן לעבן ווילן זיי פאַרגעסן... אוי, וועט מען זיך עס מחיה זײַן! אפּ־

שר וועט מען זיך אַזוי אַרום געזעגענען מיטן נאַרישן לעבן דאָ״...

אָבער שטריגלער וויל זיך אַ גראַבל טון אין דער נשמה פון די אָפּגעשראָקענע, וואָס ציטערן נאָך איבערן ביסל לעבן, וואָס מען האָט זיי אויף דערוויַיל צוגעטיילט. שניַידט ער זיך אַריַין אין זייער געדאַנק און געפיל מיט די פּשוטע צעשראָקענע ווערטער פון איינעם אַזאַ פּחדן.

— „געדענק־זשע כאַצקל... דו וועסט זיַין דאָרט... נעם־זשע אַרויס פון אונטער מיַין בעט! צוויי ליכט צינד פאַר מיר... דו הערסט? דאָרט ליגט אַ צעטל מיט נעמען פון מיַין וויַיב, די קינדער... די עלטערן... פאַרגעס ניט, כאַצקל!

„רויע, פאַרקראַמפּטע הענט דריקן זיך איינע צו די אַנדערע... מען טרעט אָפּ אַ וויַיל און די ברעמען ציטערן, וואַרפן זיך... נאָר קיין טרער וויל ניט אַרויס אָפּוואַשן דעם ברוינעם שטויב פון ווערק „צע״ איבער זייערע אָנגעצונדענע בליקן״.

מען פילט כמעט אַ פיזישן ווייטיק ביַים איבערלייענען די שטעל. עס איז עפּעס אַזוי גרויזאַם און אַזוי גרויסאַרטיק צוזאַמען. אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט.

און אָט אַזוי פירט שטריגלער פאַר אונדז דורך אַ גאַלעריע מענטשן־טיפּן, ייִדן און נאַציס, און האַלבע ייִדן, דערוויַיטערטע ייִדן, אפילו משומדים. ביַי יעדן פון זיי געפינט שטריגלער עפּעס מענטשלעכעס...

שטריגלער פאַרגעסט ניט, אַז באמת זענען קיין סתם מענטשן ניטאָ. עס זענען נאָר דאָ מענער און פרויען, און אויך אין אָט דער מיסטעריעזער פונקציע פון מענטשלעכן ווען פאַרטיפט זיך שטריגלער און פירט אַרויס די ניצוצות פון קדושה פון די סאַמע טיפעניש פון טומאה.

און ווען שטריגלער באַשריַיבט צניעותדיק מעכעלעס איבערלעבונגען אין דעם באַראַק פון די „אינטעליגענטן״, וואָס איז געוואָרן ענלעך אויף נחס תיבה, וויַיל ער איז פול געוואָרן מיט פאָרלעך, יעדער איינער מיט זיַין „קוזינקע״, וואָס מאַכט אים אַ ביסל פאַרגעסן די צרות... פילט איר, אַז אויך אין דער אויסגעלאַסנקייט ליגט אַ שטילע טיפע טראַגעדיע: אדם יסודו מעפר, אַ מענטש איז פאָרט אַן ערדיש באַשעפעניש, און זיַינע כוחות זענען ווי ביַי אַ מילב... און אויך דאָ, אין דעם פאַרפּלאָנטערן ממעמקים איז פאַראַן עמיצער, וואָס לעכצט נאָך קדושה, ווען אפילו זי מוז זיַין איַינגעטונקט אין טומאה.

די געוועזענע לערערן רחל פליישער מאַכט אים אַ „פאָרשלאַג״, פון וועלכן עס גרוילט אויף:

— „הערט אויס! וואָס איז זיך לאַנג פאַראַן צו שפּילן? איך קען ניט מער זיַין אַליין. נאָך דאָ האָב איך געהאַט אַ מאַן, איז ער אומגעקומען. איצט בענקט זיך מיר... איך פיל, אַז איך וועל דאָ נאָך מסוגל זיַין אָפּצוטאָן אַ נאַרישקייט... העלפט מיר! איר ווייסט, איך בין געוועזן אַ בית־יעקב לערערן, אַ פרומע... ערשט דאָ האָט מיך דאָס לעבן אַ פּאָך געטון, אויפגעברויזט אין מיר. וועל איך זיך לאַנג ניט קאָנען האַלטן... איך פיל אָבער, אַז דערנאָך וועל איך

פון זיך שטיקער רײַסן, זיך אַליין באַשפּײַען... דעם טויט וועל איך אויף זיך בעטן".

און זי וויל דווקא, אַז מעכעלע זאָל איר „אַרויסהעלפן", ווײַל אויך ער איז אַ בעסערער מענטש. אַ ריינערער. „איך ווייס, אַז עס וועט מוזן דערבײַ זײַן דאָס זעלבע, ווי בײַ אַלע, אָבער מיט אײַך וועט בײַ מיר אַרויסקומען איידעלער, ריינער... מיר וועלן ביידע נישט פאַרגרעבט ווערן דערבײַ: איך — אַ פרום מיידל, און איר — אַ ישיבה־בחור".

און עס דוכט זיך, אַז שטריגלער לערנט מיט זײַנע לייענער דעם אַלטן פּסוק פון חומש „בשנם הוא בשר". וואָרום ער איז פּאָרט פליש, דער מענטש, הייסט עס, אין זײַנע טיפענישן האָט ער פּאָרט מורא פאַר פאַרגרעבט ווערן.

און אַזוי קאָכט דער קעסל פון מענטשלעכע לײַדן און „פריידן" און צעמאָרשט אַלע די, וואָס פאַלן אין אים אַרײַן. פײַנע ווערן פאַרמיאוסט, בײַ מנוולים דערוועקט זיך פון צײַט צו צײַט אַ פונק פון בעסערער מענטשלעכקייט, ווי בײַ פעלאַן, דער צעלאָזענער, פאַרגוייִשטער קאָמענדאַנטן, ווען זי ראַטעוועט דאָס לעבן פון מעכעלען, וואָס מען האָט געכאַפּט בײַ דער זינד פון פאַרשרײַבן זײַנע איבערלעבונגען. פעלאַ ריזיקירן דערבײַ מיט איר אייגענער פעל, אָבער זי פילט, אַז מעכעלע איז וויכטיקער פון איר. ער גיט איבער די שוידערלעכע קעגנוואָרט אין דער ווײַטער צוקונפט אַרײַן. הויבט זי אויף אים אפילו איר נאַגײַקע:

— „דו שווערער אידיאָט! מען זאָגט דיר — אַנטלויף!!! האָסט נאָר געציילטע סעקונדן אויסצונוצן... וואַריאַט, משוגענער, כאַם, אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צוליב דיר — שטייסטו גאָר? מאַרש! מאַרש פון דאַנעט!!!"

דאָס איז אַ געשריי פון ממעמקים, פון די טיפענישן פון אַ פאַרוואָרלאָזטער נשמה אין אַ מאָמענט, וואָס מענטשלעכער געפיל האָט גובר געווען.

דאָס איז דער פינאַל פון ערשטן טייל „גורלות", אַ גראַנדיעזער פינאַל, אַן אויסגעשריי ניט נאָר צו מעכעלען, נאָר דורך מעכעלען צו יעדן מענטש, אַנטלויף! זוך צו ראַטעווען דײַן אָרעם ביסל לעבן, דײַן אָרעם ביסל מענטשלעכקייט.

ל. חיין שרײַבט אין זײַן אָפּשאַצונג „דאָס הונדערטסטע בוך"

(„נײַוועלט", תל־אביב, 24טער דעצעמבער 1954):

די טעג האָט אונז די פּאָסט געבראַכט אַ וואונדערבאַרע מתנה — דאָס הונדערטסטע בוך פונעם פאַרלאַג בײַם „צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע".

דאָס הונדערטסטע בוך.

וויפל אַזעלכע ייִדישע פאַרלאַגן, לענגאויס דער גאַנצער געשיכטע פון ייִדישן וואָרט, קאָנען מיר אָנציילן, וואָס האָבן באַוויזן צו דערגיין צו זייער הונדערטסטן בוך? איך האָב מורא צו זאָגן, אַז אַזאַ פאַרלאַג איז פשוט אַן אוניקום, אַ יחיד צווישן אַלע ייִדישע פאַרלאַגן, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט. און ווי מאָדנע דאָס איז: אַזאַ מין דינאַמישן פאַרלאַג, אַזאַ מין „ביכער־שפּײַער", האָבן מיר נישט געהאַט נישט אין גרויס רוסלאַנד מיט איר מיליאָניקער ייִדישער באַפעלקערונג, נישט אין צפון־אַמעריקע מיט איר ריזיקער ייִדישער פּרעסע, מיט אירע פינף מיליאָנען ייִדן — אַפילו אין די בעסטע צײַטן פון אויפשוואונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פון ייִדישן לייענער — און זוכה געווען האָבן מיר דווקא אין דעם רעלאַטיוו קליינעם ייִדישן ישוב אין אַרגענטינע. און ווען? דווקא נאָכן חורבן. דווקא נאָך דער פאַרטיליקונג פון די זעקס מיליאָן אייראָפּעאישע ייִדן, וואָס זענען געווען די מיטלזײַל פון דער ייִדישער קולטור, פון אונזער נאַציאָנאַלן קיום בכלל.

דער אויפטו איז אָבער נאָך גרעסער דורך דעם, וואָס דער „טעמאַטישער פאַרנעם" פונעם פאַרלאַג, איז דאָך אַ באַגרענעצטער: עס רעדט זיך דאָך בלויז וועגן פּ ו י ל י ש ן ייִדנטום, וועגן איין טייל, אמת אַ הויפּט־טייל פונעם פאָלק, אָבער דאָך נאָר אַ טייל. און נאָך וואונדערלעכער איז, וואָס די לאַסט, די מאַטעריעלע לאַסט פון די דאָזיקע הונדערט ביכער איז געפאַלן כמעט אינגאַנצן, מ'קאָן זאָגן אויסשליסלעך אויף די פּלייצעס פון די ייִדן אין אַרגענטינע. דאָס רײַכע צפון־אַמעריקאַנער ייִדנטום האָט זיך אין דעם גאָר ווייניק באַטייליקט. ס'איז פשוט אומפאַרשטענדלעך, ווי ווייניק פון די דאָזיקע ביכער זענען פאַרקויפט געוואָרן אין אַזאַ ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיא. און געדענקט: אַ ייִדיש בוך אַמאָל, וואָס פלעגט ערגעץ וואו אַרויסגיין — צי אין וואַרשע, צי אין אָדעס, צי אין ניו־יאָרק, פלעג פאַרקויפט ווערן אין דער גאָרער ייִדישער צעשפּרייטקייט — ביז דרום־אַפריקע, ביז אויסטראַליע.

די ייִדן אין אַרגענטינע, און קודם כל דעם פאַרבאַנד פּוילישע ייִדן דאָרט קומט דערפאַר פונעם גאַנצן פאָלק אַן ערנסט פאַרדינטער יישר כוח.

אָבער דעם אמת געזאָגט: אַזאַ מין ביכער־פאַרלאַג וואָלט אויף אַלעמאָל געבליבן אַ חלום אָדער אַ גוטער וואונטש, ווען נישט דער געבענטשטער צונויפטרעף פון צוויי באַהאַרצטע זין פון פאָלק: מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג. זיי האָבן דעם דאָזיקן פאַרלאַג געשאַפן, אויסגעבויט, און

אין משך פון זיבן יאָר אַרבעט פאַרוואַנדלט אין אַ שם דבר אין דער יידישער וועלט — אַ מאָנומענט אויף דורות.

דער פאַרלאַג פוילישע יידן האָט נאָך זיין אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט מיט דער קיילעכיקער סומע הונדערט ביכער. ער וועט נאָך ווייטער אַרבעטן ווי ביז איצט.

אָבער דער ציל, וואָס ער האָט זיך בשעתו געשטעלט, צו פאַראייביקן דאָס אומגעבראַכטע פוילישע יידנטום, אויפשטעלן אַ גייסטיקן גל־עד, נישט פון שטיין און ציגל, נאָר פון ביכער, האָט ער אין אַ גאָר גרויסער מאָס דערגרייכט. יאָ, די טרויעריקע יידישע געשיכטע האָט אונז ביטער געלערנט ווי ווינציק האַפט עס האָבן אונזערע מאַסיווע בנינים אין דער פרעמד, און וויפל זיכערער עס זענען אין אונזערע הענט ביכער, ספרים, וואָס זענען נישט צוגעשמידט צו איין אָרט און קאָנען אין עת צרה מיטוואַנדערן.

אין מאַרק טורקאָוון און אַברהם מיטלבערגן האָט געווירקט אַ טיף געפיל, מען קאָן טראַכטן וועגן אַ דענקמאָל פאַרן פוילישן יידנטום מוז עס זיין אָן אַ פיעדעסטאַל, וואָס מען קען נישט פאַרטיליקן.

און לאָמיר אויך געדענקען, אַז דאָס דאָזיקע דויערנדיקע ווערק האָבן געשאַפן דווקא צוויי זין פון פאָלק, וואָס זיצנדיק אויף יענער זייט פונעם עקוואַטאָר, זענען ביידנס הערצער דאָ מיט אונז, אין ארץ־ישראל...

דער געדאַנק האָט זיך איינגעגעבן. 14—15 ביכער אַ יאָר, מער ווי אַ בוך יעדן חודש, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן. יעדעס בוך אַ לעבעדיקע מצבה, אַ שטיק לעבן פון יחידים און גאַנצע קהילות, לעבן וואָס איז מער נישטאָ, אָבער עס הערט נישט אויף צו טריפן מיט בלוט, קאָכן און זידן און שרייען: פאַרוואָס?

אָנגעהויבן די סעריע האָט מאַרק טורקאָוו אַליין מיטן בוך „מלכה ווושיאַני דערציילט”, און ער האָט אויך געהאַט די זכיה צו דערלאַנגען אונז איצט דעם הונדערטסטן באַנד פון זיין פעדער, דאָס בוך וועגן די „לעצטע פון אַ גרויסן דור” ניט פאַראַנענע פוילישע יידן.

און די בערך 35 טויזנט זייטן, וואָס עס פאַרנעמען די הונדערט בענד, זענען נישט, חלילה, דורכאויס קינות און תוכחה. נישט אַלץ איז דאָ אומקום און חורבן. אויסער שטיינערנע טאָוולען פון מצבות, האָט דאָס פוילישע יידנטום אויך אַרויסגעגעבן לוחות פון לעבן, און די הונדערט בענד זענען דורכגעוועבט מיט פריידן און ליידן, געראַנגלען און קאַמפן פון עבר, ווערק אַרויסגעראַטעוועטע פון פייער, וואָס טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן, כאָטש די פלאַמען האָבן זיי אַרומגעזענגט: אַ באַנד י. ל. פרץ פון נאָמבערגן, שלום אַשס טרילאָגיע פעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע. ד״ר שאַצקיס קולטור־געשיכטע פון דער השכלה, זלמן שזר'ט „שטערן פאַרטאָג”, ד״ר מוקדוניס „אויסלאַנד”, אָדער — דער 99־טער באַנד — די זכרונות פון פועה ראַקאָווסקי, ב. סאָקאָלאָווס „פערזענלעכקייטן”, יואל מאַסטבוימס „שטורמישע יאָרן”, יחיאל לערערס וואונדע־

באַרע פּאָעמע „מײַן היים", דאָס בוך פאָלקס־לידער פון קיפּניסן, ביכער וועגן „טלאָמאַצקיע 13", י. י. טרונקס „סימכע פּלאָכטע", איזבאַנס „משפחה קאַרפּ", אָדער פּערלאָווס „עקזאָדוס 1947", וואָס שילדערט די עליה קיין א"י פון די אודים מוצלים מאש. און די צוויי בענד פון יאַנאָס טורקאָוו „פּאַרלאָשענע שטערן", וואָס פאַר־אייביקן, מ'קען זאָגן הונדערטער ייִדישע שוישפּילער, וואָס פלעגן ברענגען די פּוילישע ייִדן פריידי, יום טוב אין זייער לעבן, וואָס שרידים פון זיי וואַלגערן זיך איצט אין אַלע טיילן וועלטן. און דאָך לאָזן זיי נישט אָפּ זייער ווײַ־נענדיק געזאַנג... אָט איז דאָס בוך פון יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס שיל־דערט די „משהלעך־יאָסעלעך־יש־ראַליקלעך", מיט וועלכע דער קדוש איז שפּעטער מיטגעגאַנגען אין גאַז־אויוון, דוד פלינקערס „אַ הויז אויף גזשיבאָוו", ד"ר באַלאַ־באַנס בוך „לובלין", עלחנן צייט־לינס „אַ ליטעראַרישע שטוב" און אַ. טייטלבוימס „וואַרשעווער הויף", מנשה אונגערס „פּשיסכע און קאָצק" און נחמן מײַזלס — אַמאָליק לעבן. און גראָדע אין אָב־בליק פון די דאָזיקע שילדערונגען פון פאַרן חורבן ברענגען נאָך שאַר־פער ווי אַ העליש פײַער יענע צענדליקער בענדער — וואָס דער־ציילן וועגן שוידערלעכן אומקום — אַנגעהויבן פון זרובבלס „באַרג חורבן" ביז די מאָוימדיקע שיל־דערונגען פון מרדכי שטריגלער. און פונעם באַרג חורבן־ליטעראַ־טור פלאַקערט אַרויס אַזאַ ווערק ווי ד"ר קערמישס, וועגן ייִדישער גבורה און ווידערשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ.

און ווידער צוריק פונעם טויט צום געוועזענעם לעבן: אנכי'ס „רבי אבא", „די שטאַרקע און שוואַכע" פון אַלטער קאַציזנע, די וואונדערבאַרע „שבת יום טובדי־קע ייִדן" פון ביזבערגן, ד"ר יוסף טענענבוימס שילדערונגען פון דער געוועזענער ייִדישער גאַליציע. און ווידער שילדערונגען פון גרויל און לעגענדאַרע ייִדישער וויטאַ־ליטעט אין די „קאַפּיטלען געשיכ־טע" פון אונזער קדוש עמנואל רינגעלבלום.

אַלץ איז דאָך נישט אויסצורע־כענען אין איין צײַטונגס־אַר־טיקל...

שיקן מיר איבער אונזערע טיפס־טע וואונטשן און ברכות מאַרק טורקאָוון — אברהם מיטלבערגן, און „צענטראַלן פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן" אין אַרגענטינע, וואָס האָבן דערפירט ביז צום הונדערטסט בוך. מיר ווינטשן זיי און זיך, אין די ווײַטערדיקע בענד מפרסם זײַן וואָס מער טרייסט, צוריקאויפבוי און אויפבלי. מיר זאָלן קיינער, און כאָטש אונזערע קינדער, מער פון אַזאַ גרויל נישט הערן און נישט וויסן.

יעקב גלאַטשטיין שרײַבט וועגן חיים גראַדעס „שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן.

(„אידישער קעמפער" ניו־יאָרק, 27טער אַפּריל 1951).

חיים גראַדעס בוך — „שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן" איז דאָס בעסטע און רײַפסטע בוך לידער, וואָס דער פּאָעט האָט אונז ביז איצט געגעבן. דאָס מעג געזאָגט ווערן גלײַך פון אָנהויב, ווײַל זעלטן ווען אַ פּאָעט האָט אַזוי באַזײַטיקט זײַנע אייגענע שטרויכל־שטיינער, וואָס זענען אים געשטאַנען אין וועג. אויב אַפילו דאָס איז נישט געווען קיין באַוואוסטזיניקער פּראָצעס, איז עס אַ בוך לידער, וואָס האָט גראַדע׳ן געגעבן די שענסטע געלעגנהייט זיך צו דערזינגען צו זיך אַליין אָן דעם עול פון רעטאָריק, וואָס איז אַלעמאָל געלעגן אויף זײַנע פּלייצעס.

גראָד בין איך נישט קיין קעגנער פון רעטאָריק אין פּאָעזיע, ווען די רעטאָריק איז דערהויבענע זאָגעכץ. נישט אַלעמאָל רוט אין גלײַכער מאָס דער רוח הקודש פון ליד אויפן דיכטער, אַפילו אין זעלביקן ליד. פאַראַן מאָמענטן, ווען ער דערזאָגט, וואָס אים זינגט זיך נישט, אָבער אין זאָגן אַליין דאַרף זײַן אַ סך דיכטערישער חן, וואָס זאָל אונז געבן דעם שליסל צום פּאָעט׳ס פּערזענלעכקייט. בייראָן איז געווען אַ גרויסער זאָגער; שעקספּיר האָט זיך אין זײַנע סאָנעטן אַפילו צוגעכאַפּט צום עמוד פון זאָגערײַ, אָבער ס׳איז אַ מחיה צו הערן זײַנע רייד. אַמאָל שלאָגט אַ דיכטער איבער דעם שטראָם פון געזאַנג, ווען ער שפּירט, עס ווערט צו ווייך־גאָלדיק און ער זוכט אַ צושמעלץ פון רייד, וואָס גיבן דעם גאָלד פון זײַן פּאָעזיע האַפט און קראַפט (צום גראַם!). גראַדע׳ס זאָגערײַ איז ביז איצטער געווען שווער און דער פּאָעט איז דווקא געווען דיסציפּלינירט בלויז, ווען ער האָט זיך געפונען אין דעם ענגן תחום פון זײַן געזונגען וואָרט. האָט זיך אים פאַרגלוסט אַרויס אויף דער פרײַ און עפּעס אַרײַנזאָגן, האָט ער גאַנץ אָפט געשטעלט אין געפאַר די ווערטפולקייט פון זײַן ליד. גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס זײַן געזאָגט וואָרט איז ביז איצט געווען כּלליש און ס׳האָט נישט צוגעלאָזט דעם לייענער צו דער אינטימיטעט פון דיכטער. אין דעם נײַעם בוך זײַנעם ווײַזט חיים גראַדע, אַז ער קען אויך זאָגן און נישט נאָר זינגען און אַז זײַן זאָגעכץ איז פּונקט אַזוי אייגנס און אַ טייל פון פּאָעט׳ס פּערזענלעכקייט ווי זײַן געזונגען וואָרט, ווי זײַן אײַנגעבוירענע בילדלעכקייט. נאָך מער, דאָס פרעמדסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, עפּעס אַזוינס, וואָס דער לייענער האָט געוואָלט איבערהיפּן כּדי צו קומען צום דיכטערישן תּוכן, איז איצטער אַן אינטעגראַלע טייל פון זײַן ליד, וואָס דער לייענער נעמט אָן. ער וויל דווקא הערן דעם דיכטערס פּראָזאַאישקייט, דאָס איז אַ הויכע מדרגה. פאַראַן אַ סך פּאָעטן, וואָס ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיט אַ געזאָגט וואָרט וועלן זיי איבערפירן זייער ליד, פּשוט דערפאַר, ווײַל זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן, הגם זיי האָבן אַ סך וואָס צו זינגען. די ציטירלעכסטע שורות פון גרויסן

פּאָעט זענען גאַנץ אָפּט זײַנע געזאָגטע און נישט זײַנע געזונגענע רייד. דער אַזוי־גערופֿענער פּראָזאַאישער טייל פֿון דיכטערס ליד איז אָפּטמאָל אינטערעסאַנטער, ווי דער געזונגענער, וואָס איז שטענדיק אונטערגעוואָרפֿן צו אַ גרויסער דיסציפּלין, וואָס האַלט דעם פּאָעט אין אַלט־מאָדישע כּינעזישע שיכלעך און לאָזט אים נישט אויסשרײַען, אַפֿילו ווען ס'טוט אים שטאַרק וויי.

שוין אין ערשטן ליד פֿון בוך דערקלעטערט דער פּאָעט צו אַ הויכער מדרגה פֿון טראַגיק, וואָס קומט בלויז אַ דאַנק דעם וואָס גראַדע האָט זיך אויך אויסגעלערנט רעדן אין זײַנע לידער אַזוי, אַז די פּשוטע רייד זײַנע און נישט נאָר דאָס געזאַנג זײַנס זאָלן אָנגענומען ווערן ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער טייל פֿון זײַן ליד. דער דיכטער האָט אָנגעשריבן אין פּאַריז, אין יאָר 1947 נאָך דעם ווי ער האָט באַזוכט פּוילישע שטעט נאָכן חורבן. דאָס ליד איז אַ פֿײַערלעכער קדיש און אַ קדיש זאָגט מען און מ'זינגט נישט.

די פּאָעמע באַשטייט פֿון זיבן טיילן און יעדער טייל גיט אונדז דעם דיכטער אין דער שטימונג פֿון אויפֿפּראַלן זײַן אייגן ליד, — פֿון עפֿענען דאָס געזאַנג, אַז עס זאָלן דערפֿון אַרויסשרײַען די ווערטער. דער פּאָעט טוט עס אָן מורא, ווײַל ער ווייסט, אַז ער באַהערשט זײַן וואָרט, אַז דאָס אַזוי גערופֿענע פּסולת פֿון זײַן קלאָג־ליד דערהויבט ערשט דאָס ליד, מאַכט עס נאָך גאָלדיקער און גיט עס גבורה.

ייִדישע שטעטלעך פֿון פּוילן, איך
האָב זיך פֿון אײַער פֿאַרמעגן
וואָס ס'האָט אײַער שכן צערויבט
— אָפּגעזאָגט שוין,
איך האָב אײַער אומקום מיט
גליאיקע טרערן באַקלאָגט שוין,
נאָר איך וועל באַשטענדיק אײַך
נאָכגיין, פֿאַרשוווּנדענע שאָטנס
און פֿרעגן:
פֿאַרוואָס האָט איר אויך אײַער
יום טובֿ דעם גלות פֿאַרטרויט,
אין פּוילישע שטעטלעך ווי טײַערע
שטיינער פֿאַרוועבט אין דעם כּתר
פֿון תּורה? פֿאַרוואָס האָט איר,
בלינד פֿון בטחון געבויט
דעם היכל פֿון חסידות אָנטקעגן
די פֿירשטלעכע שלעסער?
פֿאַרוואָס האָט איר, ברידער, דעם
פּרדס פֿון חכמה געפֿלאַנצט
אין חלל, אויף קרינע געהויקערטע
דעכער פֿון קלויזן?

דאָס זענען דבֿורים, כּמעט פּראָזאַאישע רייד, אָבער דער פּאָעט קריגט דורך די רייד אויערן, וואָס ווילן אים הערן און זיי הערן בשעת מעשה עפּעס אַזוינס, וואָס יעדער איינעם פֿון אונדז האָט זיך געוואָלט זאָגן און וואָס דער דיכטער האָט פֿאַר אונדז אַרויסגעזאָגט.

מיר האָבן פֿאַר אונדזערע קינדער
געבויט און געזייט,
אַזוי ווי דאָס לאַנד וואָלט געווען
אונדזער אייגנס, —
נאָר אָפּגעמאַכט האָבן די שכנים:
מען זאָל פֿון בית־מדרש געהילץ
אויפֿן טײַכל פֿאַרריכטן דאָס בריקל
און פֿון די מצבֿות אַ בריק זאָל
מען לייגן.

געבויט לעבן אַ וואולקאַן, וואָס ווען ער רײַסט אויף רײַסט ער אויף מיט אַן אַנטיסעמיטישער רוגזה, אַז ווען ער טיילט אויס זײַן פּעך און שוועבל גיט ער אונדז דעם לייבן־טייל און ווען ער רײַסט אַפֿילו נישט אויף, דערשטיקט ער אונדז מיט זײַן שוועבלדיקן רויך.

דער „טאַנץ פֿון גאולה" איז אויך אַ ייִדישער שפּאַציר איבער אונדזערע חורבות. אין דעם ליד געפֿינען מיר אַזעלכע פּשוטע רייד ווי —

ר׳ לוי יצחק האָט דאָך צוגעזאָגט,
דער רבי דער באַרדיטשעווער
האָט צוגעזאָגט
און דעם ייִד פון פשיסכע,
דעם קאָזשעניצער מגיד,
און דעם „חוזה" פון לובלין.

אָבער פון אַט די געזאָגטע רייד פלעכט דער דיכטער אויס אַ קראַנץ, אַן עלעגיע פון געפּלאַצטע ייִדישע האָפנונגען און ניט־דערפילטע הבטחות.

די מייסטע לידער פון בוך זענען געשריבן געוואָרן אין פּאַריז, אין יאָר 1947. איז דאָס געווען אַ פרוכטבאַר יאָר פאַרן פּאָעט, אָבער אויך אַ פורכטבאַר יאָר, ווײַל דאָס איז געווען דאָס יאָר פון דעם דיכטערס דערזען מיט די אויגן, וואָס די רוצחים האָבן געטאָן, מיט זײַן לובלין, מיט זײַן ווילנע, מיט זײַנע ייִדישע שטעט און שטעטלעך. ער האָט דערזען ווי גלײַכגילטיק עס גליווערט אַ ניי לעבן אויף דעם וואָס די ערד האָט נאָך אַפילו נישט פאַרדעקט און דער פּאָעט האָט אויסגעשריגן:

אַט דאָ ערגעץ ווו האָט דער „חוזה"
געקוקט פון זײַן גאַניק
צו אים מיט געזאַנג זיך געצויגן,
אויף חסידישע בוידן, וואָס האָבן
ער האָט ניט געוווסט אַז
מאַידאַנעק —
ניט ווײַט פון זײַן הויף איז
דער העלזעער האָט פון התלהבות
געהאַט בלינדע אויגן.

אַט דעם התלהבות פון בלינדע אויגן באַוויינט דער פּאָעט אין זײַן בוך „שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן", אַ שײַן וואָס האָט אַמאָל פאַרשײַנט אונזער באַנאַכטיקע וועלט, וואָס איז אינגאַנצן פאַרפינצטערט געוואָרן און געגעבן דעם דיכטער בלויז דערמאָנונגען פון אַ בטחונדיק לעבן, וואָס האָט זיך געבויט אויף זאַמד און לעבן אײַנגעזונקענע שולן, וואָס זענען געשטאַנען אַזוי אונטערטעניק גרייט צו ווערן חורבות.

אין דעם בוך האָט דער דיכטער אויך גובר געווען אַ צווייטע שוואַכקייט. אים איז ביז איצט געווען צו רחבותדיק אין דער געזאָגטער שורה, אָבער ס׳איז אים אויך ענג געווען אין דעם קלענערן ליד, וואָס האָט זיך תמיד בײַ אים אַריבערגעגאָסן. זײַנע קלענערע לידער זענען קיינמאָל נישט געווען פאַרענדיקט ווי זײַנע גרעסערע לידער. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט גענוג און אויב ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין אַ קלענער ליד, האָט מען געהערט ווי דער דיכטער קלאַפּט אין טיר און וויל פון דאָרט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ און נאָך דערזינגען עטלעכע נישט־דערזונגענע שורות. אין זײַן בײַ בוך געלינגט אים צו שרײַבן קלענערע פאַרענדיקטע לידער. דאָס ליד — „די טרומנע פון מיצקעוויטש" איז אַ קליין טראַגיש ליד פון דעם פּוילישן פּאָעט, וואָס איז תמיד געווען פאַרוואָגלט אין דער פרעמד. דאָס ליד פון זיבן פערזן נויטיקט זיך נישט אין קיין צוגאָב, און דער לעצטער פערז וועגן די פיר ייִדישע פּאָעטן, וואָס באַשרײַבן דעם קאַסטן מיט ייִדישע אותיות, איז אַ טראַגישער פינאַל צום גאַנצן ליד.

און ווען עס וועלן עולה־רגל זײַן
קאַטוילן
צום קבר פון פּאָעט, זיי וועלן זען
פאַרחידושט,
אַז אויף דעם ווײַסן שטיין דעם
הייליקסטן פון פוילן,
פיר אונטערשריפטן זענען
אײַנגעקריצט — אויף ייִדיש.

און אַזוי פאַרענדיקט און קרעפּטיק איז אויך דאָס ליד — „די מרכבה אין לאַגער אָשוויענטשים", אַ ליד פון אַכט פערזן, אַכט און צוועלף־שורהדיקע. פיר ייִדישע דיכטער באַזוכן אָשוויענ־

טשים און זעען יחזקאלס חזיון. דאָס ליד עפנט זיך סימפּאָניש און די שורות בויגן זיך אונטער דער לאַסט פון דעם גרויל־חזיון.

אין לאַגער אַשוויענטשים האָב איך דעם חזיון
געזען וואָס יחזקאל בײַם טײַך־ברעג פון כבר,
דער סם וואָס געטריפט האָט — פון הימל דעם גרויען,
אַרײַן איז אין גראָז און אין מײַנע האָר.
מיר זענען געשטאַנען, פיר יידישע דיכטער,
געזויגן דעם גאַז פון פאַרגיפטיקטן ווינט,
און יעדער פון אונדז האָט געהאַט פיר געזיכטער —
אַ לייב און אַן אָדלער, אַן אָקס און אַ קינד.

פיר יידישע דיכטער באַזוכן דעם אומזעבאַרן קבר פון זייער פאָלק און זעען יחזקאלס בעשי מרכבה, בלויז דערפאַר ווײַל יחז־קאלס צווייטער חזיון פון אויפ־לעבונג אין טאָל פון טויט, קען נישט געפינען די גלידער און די ביינער.

בלויז ברוכוואַרג אַ קופּע פון אײַזן־געשיר — —
די שטומקייט פון טויט־לאַגער האָט זיך פאַרקליבן
אין האַריקע גלאַציקע פנימער פיר.
ווי שטעכל־דראָט וואָלט זיי פיר יידישע דיכטער זיך טוליען אינאיינעם פאַרקאָוועט, צונויף,
און איבער זיי שוועבט ניט דער כיסא הכבוד —
נאָר גאַז־וואָלקנס ליגן אויף זיי זיך אַרויף.

און ווײַל אין דעם בוך איז גראַדען געלונגען צו זאָגן אַקוראַט וואָס ער האָט געוואָלט איז זײַן געזאַנג אויך געלײַטערט און ער האָט אונז דערפאַר געגעבן איינע פון די טויעריקסטע לידער פון אונזער עפּאָכע, אַ ליד וואָס איז דער ניגון פון אונזער דור. דאָס ליד זינגט אויס דעם צער פון אונזער גרויסער לאַסט, וואָס מיר וועלן געטרײַ טראָגן ביזן קבר. איך ברענג דאָס ליד אינגאַנצן, ווײַל דאָס ליד איז דער שליסל צום גאַנצן בוך.

וואָס ווייסטו גילגול נאַכטיקער? דו ווייסט,
וואָס איך האָב אויפגעהערט די חורבה ליבן?
איך שלעפּ די חורבה מיט, נאָר דו — דו מיינסט,
אַז איך האָב זיך פון איר אַרויסגעקליבן.
דו ווייסט: „ניט מוחל איז אַ טויבע ווײַב
איר מאַן, וואָס זוכט פאַרגעסונג בײַ אַ צווייטער,
ווען איר גערוך נאָך אָטעמט פון זײַן לײַב —
און טרייסט געפינען צו אַ צווייטער גייט ער.”

ניט ווייז, דו גילגול נאַכטיקער, ניט ווייז,
איך וועל מײַן האַרץ צו דײַנע שטיינער דריקן,
ביז דו וועסט אײַנוואַקסן אין מײַן געביין,
און ווי אַ קוואַל וועט מיך דײַן אַש דערקוויקן.
צעשטערטע היים, דו ליגסט אַף מײַן געמיט,
און לאָזט מיך ניט אַרויסגיין פון דײַן גדר,
דו גייסט מיר נאָך, פאַרפּלאָנטערסט מײַנע טריט,
און אויפן שליאַך יאָגט מיך איבער יעדער.
אויך דו וועסט מיך מיר נאָכגיין אַזוי ווײַט,
דאָך וואַגלסטו מיר נאָך דורך אַלע לענדער,
דער הימל בײַט זיך און די ערד זיך בײַט,
בלויז איך און דו מיר ווערן ניט פאַרענדערט.

בײַ פרעמדע טײַכן ווען איך ווער פאַרבלענדט
פון בלויען נאַכט־ליכט ווי פון כשוף־צייכנס,
דערזע איך דײַנע אויסגעשטרעקטע הענט,
דו טרינקסט זיך און דו ווילסט צו מיר דערגרייכן.
און וויל איך זײַן פון פרעמדן זאַפט גענערט,
דערפיל איך אין מײַן קערפּער דײַנע דערנער,
ווײַל דו גייסט נאָך מיר דורך דער אונטערערד,
און דיר אַליין, מײַן חורבה, איך געהער נאָר.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARK TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 109

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la ley

COPYRIGHT BY
M. STRIGLER, NEW-YORK

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 29 DE ABRIL DE 1955 EN LOS TALLERES GRAFICOS "MEXICO" DE S. EIDELMAN, MEXICO 2230, Bs. AIRES. R. ARGENTINA

M. STRIGLER

DEL BRAZO *con el* VIENTO

(NOVELA)

TOMO II

EDITADO POR
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA DE LA ARGENTINA
Buenos Aires
1 9 5 5